STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04271

SHTEDT UN SHTEDTLEKH

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

שטעדט און שטעדטלעך

438-7
COP. 7

ארויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אידיש“, ניו-יאָרק.

APR 3 1970

Copyright 1920
by
JEWISH BOOK AGENCY, INC.

MICHAEL
8367 Blackburn Ave.
Los Angeles, Calif. 90048

פון אַרויסגעבער.

„שטעדט און שטעדטלעך“ האָט פּרץ געשריבען אונטער דעם פּסוידאָ־נים „די ביהן“, אין דער וואַרשעווער וואָכענשריפט „דער יוד“; „דער חדש“ — אונטער דעם פּסוידאָנים „י. ל. צופעליג“ אין דעם קראקויער מאָנאַטליכען זשורנאל „די אידישע פאַמיליע“. דאָס זענען געוועזען שטעהענדיגע אפּטיילונגען אין יענע זשורנאלען און זענען געפיהרט געוואָרען אין פארשידענע צייטען פון פארשידענע מיטאַרבייטער. אַזוי איז „דער חדש“ פאר פּרץ'ען געשריבען געוואָרען פון אייגעם, וועלכער האָט זיך אונטערגעשריבען „א סופר“, און „שטעדט און שטעדטלעך“ זענען פאר פּרץ'ען געפיהרט געוואָרען אין „יוד“ פון מרדכי ספּעקטאָר, וועלכער האָט זיך אונטערגעשריבען „אמת“, באהאלטענדיג אין דעם העברעאישען וואָרט די גוי'אישע ראשי תיבות פון זיין נאָמען „עם עם“ — עטוואָס, וואָס האָט אַרויסגערופען פּרץ'ס איראָניע אין דעם ערשטען קאַפּיטעל פון זיינע „שטעדט און שטעדטלעך“. —

עטליכע קאַפּיטלעך פון „שטעדט און שטעדטלעך“ זענען אין א פריהערדיגער אויסגאבע פון פּרץ'ס ווערק אריינגעגאַנגען אונטער זיינע פעליעטאָנען. מיר האָבען זיי צוריק אַריינגעשטעלט, וואו זיי געהערען, צווישען זייערע חברים, אין דער אָרדנונג, ווי זיי זענען געשריבען געוואָרען אונטער דעם דאַטום פון זייער ערשיינען — אלס ריגגען אין דער קייט פון פּרץ'ס וועכענטליכע איבערבליקען און האַרץ־אויסרעדענישען.

כראָניקען, איבערבליקען געשריבען פאר'ן חדש און פאר דער וואָך אויף טעמען פון דעם טאָג, געהען זיי דאָך אפטמאָל אַרויס פון די גרעגעצען פון דער צייט און זענען מעהר אלס געלעגענטליכע צייטונגס־ארבייטען. זיי זענען האַרצאויסרעדענישען פון א דיכטער, וועמעס האַרץ טוט וועה איבער דעם גורל פון זיין פאָלק, און אָפטמאָל וועט דער לעזער אין זיי דערקענען פאָרארבייטען צו פּרץ'ס קינסטלערישע שאַפונגען. מיט דעם געווינען זיי בלייבענדיגען ווערט און פון דעם שטאַנדפּונקט האָבען

מיר זיי באַהאַנדעלט. מיר האָבען קיין איין קאַפּיטעל נישט אַרויסגעלאָזען און קיין איין קאַפּיטעל נישט געקירצט, נאָר אין א פּאָר קאַפּיטלעך פון „שטעדט און שטעדטלעך" האָבען מיר אויסגעלאָזען די לעצטע שורה, מיט וועלכער ער האָט זיך צוגעפיהרט צו דער אונטערשריפט „די ביהן". ווייטער אָבער איז יעדע שורה אן עדות און אן אויסדרוק פון פּרץ'ס שמערץ איבער דער לאגע פון דער אידישער עפענטליכקייט אין דעם אָנהויב פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט.

ד. פּ.

שטעדט און שטעדטלעך

1.

8טען מאי, 1902.

פון אלע זייטען, גלייך דער עולם האט זיך אפגערעדט, פרעגט מען אלץ: מה נשתנה.

אין גראדנע האט זיך געמאכט א סכסוך צווישען דעם „בעל החכירה" און זיינע „פאדאנים" די קצבים. יעדערער קוקט, פון וואַנען עס קומט איהם אין מויל אריין, פון וואנען דער „ירק" לעבט. האלטען מן־הסתם די רבנים מיט'ן חוכר, וואס צאהלט זיי זייער געהאלט, כאטש נישט פון זיין קעשענע, און גיבען ארויס (אזוי שרייבט מען אין בריף פון „מיר בעלי־בתים") אן איסור, מען זאל נישט קויפען קיין געטרייבערט פלייש פון קצב'ישע קראמען, נאר פון דער קראם, וואס די „חכירה" וועט „בקרוב און במהרה בימינו" עפענען, און וואו די רבנים וועלען האבען א באשטענדיגע השגחה, די „קצבים" מיט זייערע מנקרים זאלען חלילה נישט מאכיל טרפה זיין.

פרעגען „מיר בעלי־בתים" פיער קשיות.

איין קשיא פרעגען זיי: מה נשתנה „היינט פון נעכטען?" פארוואס זענען ביז נעכטען, איידער עס איז געווארען א סכסוך צווישען די קצבים מיט דער חכירה, די קצבים געווען כשר, זייערע קראמען כשר און די מנקרים כשר — און היינט, — קוים איז ארויס דער סכסוך — זענען זיי געווארען פון דער העלער הויט כמעט ווי „ניעבלאגאנאדיאזשנע"?

די צווייטע קשיא פרעגען זיי: מה נשתנה דעם חוכר'ס קראם פון אלע קראמען? פארוואס ווילען די רבנים אין דער חכירה־קראם יא האבען השגחה און אין קצב'ישע קראמען נישט? מיט וואס איז דעם חוכר'ס מנקר אנדערש פון אנדערע מנקרים? צי איז דעם חוכר'ס קראם שענער און געזינטער און זיין מנקר — מעהר למדן.

מעהר פרומער איד? צי טראָגט ער לענגערע ציצית, באָרד און פּאות?

און ווי וועט זיין, אז דער מנקר (ער איז דאָך נישט ערגער פון מיטאַרבייטער אָדער רעדאַקטאָרען פון צייטונגען) וועט זיך לאָזען איבערקויפען און איבערגעהן אין א קצב'ישע קראָם אריין, צי וועט מיטגעהן דער הכשר מיט דער רבנים'ס השגחה?

די דריטע קשיא פרעגען זיי: מה נשתנה דער קהל'שער ענין פון אלע ענינים? פאַרוואס ביי אלע ענינים מאַכען זיך די רבנים טויב און שטום, און על כל פנים פויל און איילען זיך נישט עפּעס צו טון לטובת הכלל, און דאָ, קוים ריהרט עס אָן כשר פלייש, דאָס הייסט דעם חוכר'ס קעשענע — האָבען זיי זיך אזוי געאיילט, אז דער אסור פאַר די קצבים און דער היתר פאַר דער חכירה־קראָם זענען ארויס נאָך איידער מען האָט די חכירה־קראָם געעפענט, צי כדי די, וואָס וועלען וועלען פאַלגען און עסען כשר הינטערפלייש, זאָלען עס נישט האָבען וואו צו באַקומען?

און די פיערטע קשיא פרעגען זיי, שוין פּשוט א קשיא, נישט „מה נשתנה". פאַרוואָס עפענט מאַקע דער חוכר נישט די קראָם? וואָס פאַר א געשעפט האָט ער דערינען, „יענע" זאָלען עסען דאָס „ווייכע פלייש" און מיר בני ישראל דוקא הוילע ביינער?

און זיי פרעגען און זיי ענטפערען:

עבדים היינו צום קצב, דער קצב — צום דין, דער דין צום „חוכר"..

נישט קיין קלענער מה נשתנה פרעגט מען פון לאָדז.

אין לאָדז איז געשטאָרבען א איד א גביר, מן־הסתם א בעל־צדקה, מן־הסתם א פיינער מענש, מן־הסתם א וויכטיגער מענש — קומט איהם א שעהנע לויה...

מילא, א שעהנע לויה איז א שעהנע; ווער עס איז א גביר מקנא מיט א שעהנער לויה, איז אויך קיין גרויסער חכם נישט.

רייט מן־הסתם פאַראויס זשאַנדאַמעריע; אז גאַנץ לאָדז וועט געהען, מוז מען דאָך קוקען. רייטען זיי אין שעהנע מונדירען, אויף שעהנע גרויסע פערד, די געפּוצטע שטיוועל גלאַנצען — א מחיה,

דערנאָך געהט אַ פּייַנע מטה: מיט בלומען, מיט סטענגעס, מיט אַלערליי קרענץ, אַז ביי מאַנכע גבירים איז שטאַרק נאָס געוואָרען. ווען נישט די אויגען, וועניגסטענס אין מויל... דערנאָך געהט ערשט דער שעהנער עולם, לאַדזיער מיוחסים, לאַדזיער פאַבריקאַנטען, לאַדזיער באַנקירען, לאַדזיער בעלי־בתים, זעקער גאָלד, זעקער קעלט! שוואַרצע רעק, צילינדער — כל טוב!

נאָכ׳ן עולם פאָהרען ערשט נאָך קאַרעטען, גלאַנצענדיגע, בלי־צענדיגע קאַרעטען, בלאַנקע שויבען, פייַנע קוטשערס...

און צווישען דעם עולם — אַ דרייסיג תלמוד תורה קינדער...

און די תלמוד־תורה־קינדער האָבען נעבעך בלאַסע פּנים׳ער— מן הסתם פאַר גרויס הארץ־וועהטאָג, וואָס דער גביר איז געשטאָר־בען; צעריסענע קליידער — פון שטאַרקען קריעה־רייסען — און זעלטען אַ פּאָר גאַנצע שטיוועלעך.

פרעגט „פּייוועל באַקולין“ (און עס זעהט אויס, נישט קיין אויסגעטראַכטער נאָמען צו זיין) „מה נשתנה“ — פיער אייזערנע קשיות.

די ערשטע קשיא איז:

אויב לאַדזיער קהל איז אימשטאַנד געווען אויפצושטעלען פאַר תלמוד־תורה אַ געביידע פאַר צעהנדליגע טויזענטער רובל, פאַרוואָס האָט די אייגענע רייכע לאַדזיער קהלה קיין כח נישט, צו מאַכען דרייסיג פּאָר שטיוועלעך על כל פנים פאַר די דרייסיג קינדער, וואָס מען שיקט אויף גביר׳ישע לויות?

צווייטענס פרעגט ער:

אויב קהל האָט גערעכענט, אַז דאָס געביידע באַשיינט די גאַנ־צע קהלה, ווייל עס שטעהט ברייט און הויך, גרויס און אָפען אין גאָס פאַר דער גאַנצער וועלט, אַלע זאָלען עס זעהען, בשעת די תלמוד־תורה קינדער האַלט מען אין תלמוד־תורה און ווען קיינער קוקט נישט אויף זיי, אויב אַזוי — נאָך וואָס שיקט מען זיי אַרויס אויף לויות, זיי זאָלען געהן — און דוקא גראַד אין אַ קאַלטען, כמעט נאָך ווינטער־טאָג, צווישען צילינדער, ווייסע האַנטשוה, קרענץ מיט ביבערנע קעלנער — קריעה בליעה און כאַפּען דערביי אַ ציטער?

דריטענס פרעגט ער:

צי וואָלט נישט אַ יושר געווען, אויפ׳ן אָרט פון אַרויסוואַר־פען געלט אויף קרענץ, אויף סטענגעס מיט בלומען, מען זאָל גע־

ווען קויפען פאר די ארעמע תלמוד־תורה קינדער, וואס זיי איז שוין באשערט געווען צו באשיינען די גביר'ישע לויה, קאפאטקעלעך אדער לכל הפחות שטיוועלעך?

און די פיערטע אויך א שטארקע קשיא:

פארוואס האט די חברה צער בעלי חיים, וואס מישט זיך אריין, אויב עמיץ ווארפט אויף א הונט א שטיין צי א בעזים, אדער טרייבט א קראנק פערד, אדער לאדט עס איבער מיט לאסט, זיך נישט אריינגעמישט, זעהענדיג, ווי מען טרייבט, ווי צו א שחיטה, דרייסיג ארעמע, נאקעטע, אויסגעהונגערטע, אויסגעמוטשעטע תלמוד־תורה־קינדער, אין א קאלטען כמעט ווינטער־טאג, צו א לויה, וואס געהט טריט ביי טריט, לאנגזאם דורכ'ן גרויסען עולם און לכבוד דעם געשטארבענעם גביר אזא גרוים שטיק וועג?

און ה' באקולין ענטפערט אויך: עבדים היינו צו די לאדזיער גבירים, צו די גרויסע געלט־בייטעל, און נישט מיר אליין, נאר אפילו אונזערע קינדער און בפרט תלמוד־תורה־קינדער!

אנדערע קארעספאנדענטען פרעגען שוין א י י נ צ י נ ע קשיות, נאר אויך געזונטע:

פון דאמאניעוו (כערסאנער גוב.) פרעגט ה' מ. צ. גאראדיש־טשער: פארוואס האט זיין שטעדטעל נישט געאיילט זיך פאר פסח צוזאמענצונעמען מעות חטין פאר ארעמע לייט, און איז גע־לאפען פייל פון בויגען אנצולאדען מיט ממון און דמים „הערשעלע דעם מאקאראווערס איידעם", וואס היילט קראנקע מיט רעצעפ־טען, וואס די אפטייק וויל, ווי אויף צו להכעים, נישט ארויסגעבען?

און יקנה"ז פון ירושלים דליטא, ווילנא הייסט עס, פרעגט אויך א הארבע קשיא.

אין ווילנא, און געווים אומעטום, האט זיך באוויזען אן „אנאנ־סע", פיין געדרוקט אויף פיין פאפיר, א מודעה פון ווארשעווער רבנים כהאי לישנא:

„האמת ניתן לכתוב, שהטעה מבית המסחר של הפירמא של האחים ק. ס. פאפאוו כשר על חג הפסח בלי שום חשש ופקפוק כלל אפילו למהדרין מן המהדרין וכו'—". ווי באקאנט איז ק. ס. פא־פאוו א רוסישע פירמא אין מאסקווע, דער טיי ווערט צוואוויגען און געפאקט אין מאסקווע.

דעריבער פרעגט דער ווילנער יקנה"ז: צי האט מען הגאון ר'

פתחי׳ הארנבלאס און הגאון ר׳ יששכר דוב הלוי קופיעץ, דיביידע מו״צ׳ם פון ווארשעווער ראבינאט, אזוי גוט באצאהלט, אז זיי זע־נען אראפגעפאהרען קיין מאסקווע בסוד סודות (ווייל אניט, טאר מען קיין מאסקווע נישט פאהרען) און אליין געזעהן, ווי מען צו־וועגט און פאקט דעם טיי פאר אידען לכבוד פסח, און עס איז רעכט, וואס זיי שרייבען „בלי שום חשש ופקפוק," צי זיי האבען יוצא געווען מיט וואס עס איז פאר א גוי א מסיח לפי תמו און דער „בלי שום חשש ופקפוק" איז לאו דוקא?"

דא פאסט שוין „עבדים היינו" נישט...

די רעשט קשיות לעגען מיר אפ אויף איבער יאהר, אי"ה...

נאר איידער איך חתמ׳ע מיך, מוז איך מוסר־מודעה זיין, אז איך בין נישט דער, וואס האט ביז אהער געשריבען פון „שטעדט־לעך" אדער ווי ער פלעגט זאגען: „וואס איז געווען דער רעדאק־טאר פון שטעדט און שטעדטלעך"... דעם האט מען אונז ארויסגע־כאפט, איבערגענומען.

נאר קיין גרויסען היזק וועט איהר דערפון נישט האבען.

עס איז נישט געווען דער אמת׳ער אמת. על פי יושר ועל פי דין, און לויט דער נאמען קלינגט, האט ער זיך געדארפט און גע־וואלט אונטערשרייבען „אמס" מיט א סמך... נאר אין א לשון־קדשווארט איז שכיח א גרייז, דעם מגיה איז נישט איינגעפאלען צו קוקען אויף די חתימה א ו י ד, און, ווי דער שטייגער איז — שבשתא כיון דעל על!

איך וויל אייך באמת זאגען אמת, און טאקע אמת׳ען אמת — מיט א תיו, נאר קיין פרעמדע פאבריק־מארקע וויל איך נישט נו־צען.

די בריף, וואס „דער יוד" באקומט פון דער פראווינץ, זענען, להבדיל, ווי בלומען אויפ׳ן פעלד, פון וועלכע איך דארף פאר אייך ארויסציהען זאפט און מאכען א מין האניג...

פון זיך צוגעבען מוז איך אמאל א ביס, וועניגסטענס א שטאך...

על־כן — רעכען איך, אז איך קאן מיך אהן א גרייז אונטער־שרייבען ד י ב י ה ן.

2.

15טען מאי, 1902.

א גרויסע פאסט — א מחיה!

מאסען רוסישע פראווינץ־בלעטער, „הצפירה“, „המליץ“; דערפאר ווייניגער בריף.

נישט אלע אידישע קארעספאנדענטען שרייבען, אפנים, חול־המועד; אפשר לעגען זיי קיין תפילין אויך נישט...

נעם איך מיך פריהער צו די פראווינץ־בלעטער; „הצפירה“, „המליץ“ לעזט איהר אפשר אליין...

און — זייט מיך מקנא, אויב איהר קאנט! — און איך לעז א בלאט נאך א בלאט. מיט דער צייט וועט מיר די ארבייט גרינגער ווערען, איך וועל מיט דער צייט קריגען א נאז, וואס וועט פון וויטענס דערפיהלען דאס רעכטע מאטעריאל, דערווייל שוויץ איך!

איך הויב אן:

— „פאליטישע נייעס!“ — „פאליטישע דעפעשען“ — ניין, נישט מיין זאך, נישט אייער זאך. ווער עס האט קיין אייגען לאנד, באשעפטיגט זיך ווייניג מיט פרעמדער פאליטיק...

— „אויסלענדישע נייעס“ — פון דעם וועט אויך קיין פרנסה נישט זיין. עכט אידישע נייעס וואלטען געקאנט זיין פון רומעניען, און פונקט פון דארט איז אין די רוסישע פראווינץ־בלעטער קיין איינציג ווארט צו געפינען...

— „היימישע נייעס“ — דא, טראכט איך, וועט זיין אן אוצר, מיט לאפאטעס צו שארען! איך לעג צו דעם קאפ צו די אויגען:

— „א מגפה אויף חזרים“ — איך קוק ווייטער, עס איז קיין סימבאלישער ארטיקעל נישט; מען רעדט פון אן אמת'ער מגפה אויף אמת'ע פיער־פיסיגע חזרים. וואס קאן דאס אונז אינטערעסירען?

מיט חזרים האנדלען מיר נישט, פון חזיר־פלייש נעמט מען קיין קאַראַבקע נישט, און איידער מען וועט געוואַר ווערען, וועלכע זייט פון חזיר איז כשר, דאַס הייסט, איידער משיח וועט קומען, וועט פון דער זשאַרגאַנישער ליטעראַטור קיין זכר נישט בלייבען; אַדער גוי׳ש, אַדער לשון־קדש, — אַזוי זאָגט מען!

אמת, עס טרעפט אמאָל, טאַטע־מאַמע געהען אין גאַס אַריין זוכען פּרנסה, און אַן אומגעלומפּערטער חזיר רייסט זיך אמאָל אין אַ שטוב אַריין און בייסט אָפּ אַ הענטעל ביי אַ פאַרלאָזט קינד אין וויג... איז עס אבער אַ זעלטענע זאַך, און אויך דאָס איז נאָך זעל־טענער געוואָרען, זייט מען האָט אונז בחרפּתנו פון די דערפער אַרויסגעבעטען...

„ליטעראַרישע איבערבליקען, קריטיקען, רעצענזיאָנען" — דאָס אוודאי און אוודאי נישט! מיר האָבען אונזערע אייגענע שמאַטעס קריטיקען צו שרייבען...

אהאַ! ערפינדונגען! דאָס וועט גוט זיין! ווי עס איז — אַ שכל׳דיג שפּיצעל, אַ חכמה׳לע!

וואָס איז געשעהען?

„אַן איינוואוינער פון פּראַגע ביי וואַרשוי האָט ערפונדען קאַ־לאַשען פאַר פערד, הויפּטזעכליך פאַר טראַמוויי פערד, זיי זאָלען זיך נישט אָפּרייסען די פיס אויף די נייע גלאַטע ברוקען אין וואַרשוי."

ניין — דאָס וועט נישט געהן!

ערשטענס, איז דער ערפינדער נישט קיין איד...

צווייטענס, לאָזט מען קיין שום איד ביים טראַמוויי קיין דרייער נישט פאַרדינען, נישט אַלס אַקציאָנער, נישט אַלס קאָנ־דוקטאָר, נישט אַלס פּראָסטער שמייסער אפילו. דער טראַמוויי האָט דעם אייגענעם דין, ווי אַלע גרויסע בפרט נייע געשעפטען: ווי באַהנען, טעלעפאָנען וכדומה...

און דריטענס, איז בכלל דאָס רוב וואַרשעווער פערד קיין אי־דישע פערד נישט...

„אַ ניי מיטעל אייער צו פאַרבען", דאָס איז פּ אַ ס כ אַ, נישט פסח...

און שויז, מעהר קיין ערפינדונגען זענען נישט געמאכט גע־זוארען.

עס געהען: מאנאפאל־רעפארמען... א מאסע פראגען וועגען: „א נייע פארם פלעשלעך, שענערע עטיקעטען, שטארקערען צי שוואכערען בראנפען...“ נישט מיין, נישט אייער זאך, נישט איהר טרינקט אסך, נישט איהר האט דערפון, וואס יענער טרינקט... צו וואס זאל איך אנטון עגמת־נפש און דערמאנען אן אלטע פאר־לוירענע פרגסות... „ז כ ר נ ו את הדגה!“ איהר געדענקט אליין!

„נאגראדניע“ — „אטליטשיא“ — זאל איך דאס וואסער אומזיסט אין מויל אריין נישט קומען; נישט פאר איך געדאכט!

אהא! קוים אמאל, א אידיש, אן אמת אידיש נייעס!

„סימפעראפאל. די קאראל־סינאגאגע האט געמאכט א פאר־שלאג דער דארטיגער דומא, זי זאל אפשטעלען די וויבארעס אויף א נייעם שטאדט־רב אויף דעם 12טען מאי, זעקס פארנאכט...“

„קיין פראטעסטען געגען די מורשים זענען נ י ש ט דער־לאנגט געווארען.“

גלויב איך מיינע אויגען נישט! ווי הייסט? סימפעראפאל איז כמעט אין עק פון שאר תפוצות ישראל, אבער א ז ו י פארשלא־פען? ג א ר אהן פראטעסטען און אפשר וועט נאך אויסגעקלי־בען ווערען א רב אהן א פיצעל מחלוקת?

זוך איך ווייטער; איך פארגעס, אז עס איז נ י ש ט קיין אידיש בלאט און רעכען, אז תוך כדי דבור וועט זיין אן ה כ ח ש ה... טרעף איך נאך א נייעס פון סימפעראפאל...

„די דומא האט געמאכט א פארשלאג צום פאליצמייסטער, אז ער זאל שטרענג פארביטען: דער אידישער ביליגער קיך, זי זאל נישט אויסגיסען די פאמאיעס אין געסעל אריין און — דער אידי־שער מקוה, מען זאל נישט אפלאזען אין גאס אריין דאס „אפגע־ארבייטע“ וואסער...“

אצינד איז רעכט; טאקע א פארשלאפען שטעדטעל... זאל די דומא מיט'ן פאליצמייסטער זארגען פאר אידיש „מים שלנו“, פאר אידיש אומריין וואסער פון דער ביליגער קיך, זאלען זיי אויך דורכ־

זעהען דעם צעטעל פון די מורשים, צי עס איז ריכטיג, און מיר, מיר וועלען מן־הסתם דערפאר עפּעס אנדערש טון. פארזארגען ז י י ע ר ע געשעפטען...

מיט איין סימפעראָפּאָל אבער ווערט דער בארשט נישט פּעט; מען דארף ווייטער זוכען...

און, ווי אויף צו להכעיס, סאמע יום־טוב׳דיגע נומערען. פּ א ס כ א א ו ן פּ א ס כ א...

מען באמערקט (און איך מוז מודה זיין אהן כעס, אפילו אהן א בייז גלייכווערטעל) אן אויסטערלישע זאך, א זעלטענהייט: דאס יאהר איז געפאלען זייער פּ א ס כ א מיט אונזער פּ ס ח צו־זאמען...

און מיר פרעהען זיך צוזאמען אזוי זעלטען!

און דערפון ווערט נאך א שטיקעל פילוסופיא; עס ווארפט זיך אויף א שאלה: אין וועמעס זכות איז, למשל, אין קרימער געגענד, אזוי שעהן, אזא לויטערער הימעל, אזא ליעבליך ווארעם וועטער, אז מען איז געפאהרען מיט שיפלעך אויף טייכען, געגאנגען מיט „כאראוואדען" איבער די גאסען, און האלב־נאקעטע קינדער האָ־בען געשפּילט אינמיטען מארק אין געפארבטע אייער?

און ווידער פארקערט: וועמען להכעיס איז אין אדעסער גע־געגד געווארען א קעלט, וואס די עלטסטע מענשען געדענקען נישט; מענשען האבען זיך געפאטשט אין גאס, אבי די הענט צוצופיהרען צו דערווארעמען זיך אביסעל; ווער איז שולדיג אין דעם שניי מיט׳ן קאלטען רעגען?

אין פילוסופיא אבער וויל איך מיך נישט אריינלאזען... בפרט אין רעליגיעזע ויכוחים... דאנקען גאט, וואס די א ל ט ע רעלי־גיאָז־ויכוחים זענען בטל געווארען; פאר׳ן פארברענט ווערען האט מען נאך געהייסען אומזיסט זיך די העלזער איינרייסען!...

ניין, נאר נישט קיין ויכוחים! און איך לעג אוועק די פּראָ־ווינציאלע בלעטער!

„הצפירה" רעדט פון ספּענסער... די שאלות ותשובות וועגען אידישע ארבייטער אין אידישע און נישט־אידישע פאבריקען אין

ווארשוי זענען נאָך נישט געענדיגט. ראַטעוועז, אַזוי פּיהל איד, וועט דער „המליץ"...

א שעהנע מעשה, אבער גאַר א שעהנע, פון קיעוו...

אמאָל איז געווען א מיידעל; אמאָל איז געווען א אינגעל...

פון שטרוי און א פונק ווערט א שריפה, און דאָס מיידעל מיט'ן אינגעל האָבען זיך איינס אינ'ם אנדערען פאַרליעבט.

דאַכט זיך: מאי כולי האי? א אידישע זאַך, באַשטעל כלי־זמר און שטעל א חופה!

זענען אָבער דעם מיידעלס פאַטער־און־מוטער פון אַלטען דור, חסיד'ישע לייט.

זיי האָבען צום יונגענמאַן גאָרנישט, נאָר ווי באַשטעהט מען עס אויף א שדוך, וואָס האָט זיך אליין געמאַכט, אָהן א שדכן צו־זאַמענגעפיהרט?

ווילען זיי נישט...

ניין און ניין; נעמט זיך דאָס מיידעל, וואָס איז דוקא פון היינטיגען דור, צום האַרץ און קריגט אביסעל מרה־שחורה, מעלאַנ־כאָליע הייסט עס.

דער יונגערמאַן איז ערגעץ, זעהט אויס, אוועק...

דער בעסטער דאָקטאָר איז דאָך אָבער די צייט, און דאָס מיי־דעל איז יונג — קומט זי געשווינט צו זיך; דאַרף מען מיט איהר א שדוך טון. מען וועט דאָך זי נישט לאָזען פאַרזיצען אין גרויען צאָפּ אריין — א „בייז־באַשריגעניש" — א מויד פון אכטצעהן יאָהר! איהר מאַמע האָט שוין אין איהרע יאָהרען געקרענקט פון קינדלען!

באַקומט מען עפּעס א בחור א חזן, וואָס איז גראָד דורכגע־פאָהרען און געוואָלט תתונה האָבען, און מען שרייבט תנאים.

די כלה, נאַטירליך, פרעגט מען נישט; פאַלט זי צוריק אין מרה־שחורה אריין און ווערט גוט קראַנק...

נו, מוז מען זי שוין קורירען.

דאָקטוירים אין קיעוו פעהלען נישט; נאָר וואָס דאַרף מען א דאָקטאָר, אז עס איז דאָ א מקובל! רופט מען דעם מקובל, גיט ער א רפואה!

און אזוי האָט ער געהייסען טון:

מען זאָל געהען פון שטאָדט ארויס אין וואַלד אריין. געהענ־דיג אפּצעהלען פון דער רעכטער זייט אכטצעהן בוימער כמנין דער

כלה׳ס יאהרען, ־דעם ניינצעהנטען זאָל מען, נישט קוקענדיג אויף קיין געלט, אָפּקויפען, אויסוואָרצלען (זאָל זיין מיט ג ו י ׳ ש ע הענט) און צוהאַקען אויף ברען־האָלץ...

מיט׳ן גאַנצען האָלץ זאָל מען אונטערהייצען אַ וואַנע... קיין שפּאַן זאָל נישט פעהלען, און אין די וואַנע זאָל מען אריינוואַרפען די חולנית...

און אַז די כלה האָט נישט געוואָלט, האָט מען איהר געבונדען הענט און פיס און געטאָן, ווי דער מקובל האָט געהייסען!

און אַז מען האָט דאָס קראַנקע מיידעל אריינגעוואָרפען אין קאָכענדיגען וואַסער, איז — ווי מיט דער האַנט אָוועקגענומען — די קרענק מיט דער נשמה צוזאַמען...

דערפאַר וועט איהר שוין נחת האָבען פון די בריף!
סאַמע צדקות און מעשים־טובים.
למשל: ראַדאָם!

קהל האָט איינגעזעהן, אַז די חברה „בקור־חולים" פאַלט, ווייל די חברה־לייט ווילען כ ס ד ר נישט צאָהלען, האָט מען באַשלאָסען, די חברה צו גרינדען אויף אַ פעסטען פונדאַמענט מיט שטענדיגע הכנסות.

צו דעם צוועק האָט מען באַשלאָסען (און אויסגערופען אין אַלע שולען, בתי־מדרשים און מנינים), אַז מען נעמט אַוועק די ביינער ביי די דינסטען (וואָס זיי פעהלט, אַזוי אויך נישט קיין הכנסות: לעש־געלט, געסט־געלט, קאָרטען־געלט, היינט בעל־בתי׳ש שטיף־געלט וכדומה) און מען גיט זיי, דאָס הייסט די ביינער, איבער דער חברה בקור־חולים...

יעדען ערב ראש־חדש זאָלען די גבאים פון בקור־חולים שיקען יונגעלייט און בחורים אָפּנעמען ביי די דינסטען די ביינער (און פון כשר־פלייש איז דאָ ביינער אסך) און אָפּטראָגען און לעגען אויפ׳ן שול־בוידעם, און עטליכע מאָל אין יאָהר (ווען עס וועט זיך אָנזאַמלען אסך ביינער און דער חברה וועט פאַרפעהלען געלט), זאָל מען די ביינער פאַרקויפען פער ליציטאַציע...

אין אַנדערע „שטעדט און שטעדטלעך" איז מען אודאי נישט

לעדיג געגאנגען. דא און דארט האט מען געמאכט „פסח" פאר אי־דישע סאלדאטען אין די ביליגע קיכען...

דער אלטער מנהג אהיים צו נעמען אורחים און צו זעצען מיט דער פאמיליע צוזאמען ביים טיש איז אפילו שענער און בעסער גע־ווען, נאר — נייע דורות, נייע מנהגים, און נישט ביי אלע, וואס נעמען אורחים, קאן מען עסען... היינט מצות געבאקען און עסען צוגעגרייט פאר אידישע ארעסטאנטען...

היינט גלאט פאר ארעמעלייט: קמחא־דפסחא, גרייטע מצות, וויין אויף ארבע־כוסות — „קוואס" אדער בארקים אויף קוואס... אויף טייל ערטער האט מען אייגענהענדיג מיט די ארעמעלייט צו־זאמען אין „פאדריאדען" געארבייט!

מעשים האט מען געטאן פאר ארעמעלייט...

אבער צי זענען זיי עס ווערט?

עס ווייזט זיך אויס, אז די ארעמעלייט זענען, לא־עליכם, גרוי־סע ליגנער, שקרנים גרויסע.

אט, וואס מען שרייבט אונז פון א פוילישער גובערניע־שטאדט (מיר ווילען זי נישט אנרופען ביים נאמען, מיר זאלען נישט באקו־מען קיין פאלשע הכחשות):

„שלשים יום קודם החג" האבען זיך אונזערע גביר'ישע אפטרופסים פון דער קהלה צוזאמענגענומען און געמאכט צוויי צעט־לער. איין צעטעל פון נגידים, וואס דארפען געבען — און א צוויי־טען צעטעל פון אביונים, וואס דארפען נעמען — מעות־חטין...

עס איז אפילו געוועזען א חשד, אז די צעטלעך זענען נישט ריכטיג, אז טייל אביונים, וואס נ ע מ ע ן, האבען באהאלטענע אוצרות, און מאנכע, וואס גיבען „קנייפען זיך נאר אין די באקען, די פארב זאל האלטען" און וואלטען גערן גענומען, נאר א מענש (און גבירים זענען אויך מענשען) קאן קיינעם אין הארץ נישט קוקען...

און גאר נאהנט שוין צו פסח האבען זיך פארזאמעלט — די גביר'ישע אפטרופסים אין קהל־שטוב, די ארעמעלייט אויפ'ן הויף פון קהל־שטוב, און דורך א פענסטערל האט מען אויסגעטיילט קמחא־דפסחא...

אזוי ווי אלע יאהר! נאר דאס יאהר האט מען געגען פאראיאה־רען צונויפגענומען האלב געלט און פארשריבען האבען זיך דאפעלט

ארעמעלייט... האט יעדע פאמיליע באקומען טאקע נאר א פיערטעל פון פאראיאהרען... אכטצעהן און א האלב קאפ. פאר א נפש...

איז נאך וועניג, האט זיך נאך דעם צוטיילען אויסגעוויזען, אז אויפ'ן הויף ש ט ע ה ע ן נאך אסך ארעמעלייט, וואס זענען אויפ'ן צעטעל נ י ש ט געשטאנען.

דאמאלט האבען זיך די גבירים אויפגעשטעלט, געוויזען דעם ארעמען עולם, אז יעדער פונקט פון צעטעל איז אויסגעפילט, אז דער זאק פון געלט איז לעדיג און געזאגט: פארפאלען, מעהר גיט מען נישט...

די ארעמע האבען אנגעהויבען שרייען (ווייבער אפילו: וויי־נען), נאר עס האט נישט געהאלפען, די גבירים טענ'ען זייערס: „דער זאק איז לער, מען גיט נישט מעהר!" (גבירים האבען מזל, גראמען פליהען זיי ווי געבראטענע טויבען אין מויל אריין), און די ארעמעלייט אבער האבען אנגעהויבען העכער צו שרייען:

— חמץ — האבען זיי געשריען, — וועלען מיר עסען, — אויף אייער חשבון, חמץ! דער „כרת" וועט פאלען אויף אייך, אויף אייך!

און וואס האט זיך אויסגעוויזען?

די גבירים האבען טאקע ווארט געהאלטען, עס האט מעהר קיינער קיין פעניג נישט באקומען, א מאן — א ווארט! און די ארעמעלייט?

קיין ווארט געהט זיי פון מויל נישט ארויס...

קיין איינציגער ארעמאן האט קיין חמץ גאנץ פסח פאר די אויגען נישט געזעהן. טייל אפילו אסרו־חג נישט...

3.

22טען מאי, 1902.

עלטערע מענשען גערענקען נאך אלטע קהלות, שטילע קהלות, וועו עס האט זיך שטיל־מתנגד'יש געלעבט.

עס האט נאך נישט געהייסען מתנגד'יש; עס זענען נאך קיין חסידים נישט געוועזען, זיי זאלען דעם נאמען געבען! אבער שטיל איז געוועזען...

דאס מחלוקת פון חכמי צרפת געגען רמב"ם און זיינע תלמידים איז פארגעסען געווארען! אלע גרויסע פוןביידע צדדים זענען געשטאנען הויך און גרויס אין ווייסע ליינוואנט און שווארצע לעדערנע רוקענס אין די הויכע גרויסע ספרים־שענק אין בית־המדרש... ר' נפתלי כ"ץ האט זיך אנגעריהרט רעכטס מיט'ן „בעל־עקדה", לינקס מיט'ן רלב"ג און קיין איינציגער פון די דריי האט קיין שלעכט ווארט נישט גערעדט... און אויב זיי האבען זיך שטי־לערהייט איבערגעווארפען, האט זיי די חברה ש"ס מיט פשוט'ער גמרא פארהילכט...

איינער אין שטאדט, צוויי אין א מדינה האבען געקאנט זיין מקובלים, וואס האבען געזוכט דעם אמת'ען אמת, דעם „תוך" פון „רעכטס און לינקס", פון „אויבען און אונטען", פון „כתבי־יד" און ארץ־ישראל ספרים... עס זענען אויך געוועזען שטילע „חוקרים"־שמשים, וואס ערשט נאך זייער פטירה איז מען געוואר געווארען, אז זיי האבען קארעספאנדירט מיט אויסלענדישע אקאדעמיען וועגען תקופות ומזלות, לקוי־חמה'ס וכדומה... זיי האבען אבער שטיל און באהאלטען געלעבט, ווי די באשיידענע פעלד־בלימלעך צווי־שען ווייץ און קארן...

פון זיי האט קיינער נישט געוואוסט, עס האט קיינער פון זיי קיין נחת און קיין צער נישט געהאט.

און קהל איז געוועזען — א י י ן קהל, א י י ן פירוש אויף תורה — רש"י, א י י ן קאדעקס — דער שלחן־ערוך, א י י ן סדור — איין נוסח צום דאוונען...

אין שטעדט און שטעדטלעך זענען גאנצע און מעהר ווי גאנצע „אלף־בית'ן" רבנים געווען און — אהן מחלוקת וועגען רבנים! יאהר ביי יאהר פלעגען קלפי'ס זיין, אויף אלערליי גבאות, פאר אלערליי חברות, (און צדקה האט מען געטאן אסך, און חברות זענען אסך געווען) און עס זענען נישט געפלויגען נישט קיין פעטש, נישט קיין האר פון בארד און פאות, נישט קיין פעדערען פון „כרים וכסתות", נישט קיין מסירות...

„תפוצות ישראל" האט אויסגעזעהן, ווי א שטיל, רוהיג, גלאנצענדיג וואסערל, אהן רעדלעך, אהן שרימפען...

אויסער, אז עס האט זיך א מסור באוויזען, אדער — אז מען האט פון דרויסען א שטיין אריינגעווארפען...

דערנאך האט זיך אנגעהויבען די מעשה מיט חסידים, דערנאך מיט משכילים...

עס האט אפגעקאסט בלוט, עס זענען חרב ונחרב געווארען קהלות, מען האט פארפולט די תפיסות — און עס איז ווייטער שטיל געווארען...

די מתנגדים זענען אויסגעשטארבען, דאס חסידות האט זיך פארשפרייט פון אונטען, די השכלה האט אנגעהויבען ארומצושווי־מען פון אויבען... מען האט זיך צונעוואוינט — ביז עס האט ווייטער אנגעהויבען צו רודערען...

נייע מחלוקת!

און וועגען וואס?

וועגען ציוניזם!

אין א אידיש־פוילישען שטעדטעל (איך האב ליידער דעם נא־מען פארגעסען) האט מען געכאפט א פריש־ארא[פ]געבראכטען איי־דעם ביי א מעשה־רע! מען האט ביי איהם אין וועסטעל־קעשענע געפונען — א שקל קוויטאנציע... האט מען איהם צומארגענס אפגע־גט מיט'ן ווייב (ביידע, שרייבט מען, האבען ביים גט געוויינט ווי קליינע קינדער), בשעת גט — האבען דערוויל די קרובים ארויס־געכאפט די כלים פון שטוב, די סחורה פון קליינעם געוועלבעל, און — צוגענומען דעם יונגענמאנס פאספארט, דערנאך האט מען איהם גע'מסר'ט און געלאזט אפשיקען אהיים מיט'ן עטאפ...

אין אסטראשיצקי הארארא[ק] (מינסקער גוב.) האט זיך גע־עפענט א ציוניסטישער פאראיין. בעל־בתי'שע קינדער האבען זיך

אפילו נישט פארשריבען, ווייל אין פאראיין האבען זיך געפונען איינינע בעל־מלאכות — דערפאר איז צוגעשטאנען א ישיבה־בחור, וואס פלעגט עסען טעג. איז מען געוואר געווארען, האט מען איהם די טעג אפגעזאגט און ארויסגעטריבען... דער קליינער פאראיין האט איהם קוים צוזאמענגענומען אויף הוצאות און ארויסגעשיקט פון שטאדט!

און וואס איז געוועזען דער חטא פון קליינעם ציוניסטישען פאראיין: מען פלעגט זיך פארזאמלען משבת לשבת און לעזען א י ד י ש ע געשיכטע... אזוי שרייבט מען!

אין מאהליווער גובערניע איז פאראן א שטעדטעל טשודנאוו, דאס גאנצע שטעדטעל שטעהט ווי אויף ברענענדיגע קוילען. עס איז קיינער מיט'ן לעבען נישט זיכער. דאס שטעדטעל איז פול פון (לויט מען שרייבט) גנבים, גזלנים... מען רייסט פון די הענט, מען שלעפט פון די קעשענעס, בייגאכט ציטערט מען פאר שרפות — פיער שרפות א וואך איז נישט קיין זעלטענהייט! טשודנאוו איז דער ארט, וואו מען פארשיקט די גנבים פון זשיטאמיר! און דאך האט דאס שטעדטעל צו טון נישט מיט די גנבים, נישט מיט די גזלנים, נאר מיט ציוניסטען!

צו א ל ט ע ציוניסטען, וואס זענען געווארען פון די אלטע חובבי־ציון, האט מען זיך שוין געהאט צוגעוואוינט, מען האט זיי אנגעהויבען צו פארדייען, האבען זיך פלוצים באוויזען קליינע, יונגע ציוניסטען — „בני־ציון“! אינגלעך האבען אנגעהויבען צאהלען שקלים, אינגלעך האבען אנגעהויבען צו לעזען א י ד י ש ע געשיכטע, א י ד י ש ע צייטונגען, און אויף דעם האט שוין קהל נישט געקאנט באשטעהן! עס זענען אפילו פ ר ו מ ע ציוניסטישע קינדער: אחוץ אידישע געשיכטע און אידישע צייטונגען, האבען זיי נאך צוזאמען געלערענט חומש מיט רש"י, עין־יעקב און ווער ווייסט וואס נאך פאר א מוסר ספרים! ציוניזם אליין איז אבער שוין אן אפיקורסות! און א געוויסען שעהנעם העלען שבת בשעת קריאת־שמע האט מען די בני־ציון אויסגעפאטשט, אפגעריסען אויערען און נעז און ארויסגעווארפען פון בית־המדרש. דערביי האבען שוין די עלטערע ציוניסטען אויך געליטען, ווייל זיי האבען זיך אנגענומען פאר די יונגע!

„ובערת הרע מקרבך" איז טאקע א מצוה, נאָר צי איז נישט גלייכער די מצוה מקיים צו זיין וועגען די פארשיקטע גנבים?

אין גראדאסק, אין פרעהליכען חדש ניסן איז געשעהען אזא מעשה:

עס איז געקומען א „מטיף ציוני"; א איד, וואס האט געהאלטען דרשות וועגען ציון און ירושלים — האט מען איהם גע'מסר'ט, אז ער פאהרט ארום אין די אידישע קהלות אַנצומאכען מחלוקת, אז ער קלייבט געלט אויף געהיימע צוועקען, און „בפירוש הותנה" מיט'ן „נאטשאלניק" פון פּאוויאט, אז אויב ער וועט נישט איבערגעבען די זאך צום „סליעדאוואטיעל", וועט מען איהם אליין מסר'ן...

און מען האט קוים מציל געווען דעם בעל־דרשן פון פרעמדע הענט!

אין בערדיטשעוו — מחלוקת און מסירות! פארוואס? פאר א „חדר מתוקן". פריהער האט מען אזא חדר, וואו מען לערענט לשון־קודש אויף לשון־קודש, געעפענט פאר בעל־בתי'שע קינדער. דערנאך א צווייטען חדר פאר אָרעמעלייט. די „עולה" האבען שוין די מלמדים קאלטבלוטיג צוקוקען נישט געקאנט! מען האט דערלאנגט וואו מען דארף א „דאנאס", אז דער „עברית בעברית" איז ריינער סאציאליזם; מען האט ארויסגענומען דאס אור־אלטע מתנגד'ישע און אלטע חסיד'ישע כלי־זיין און אויסגעטראכט א בלבול, אז „מען האט איסנעשניטען און אוועקגעווארפען צוויי ספרים פון דער תורה"... וכדומה, און, צי די חדרים וועלען אויסהאלטען צי ניין, דערוויל אבער, שרייבט מען, „קאכט בערדיטשעוו ווי א קעסעל", און געווים וועט זיך נישט איינער אפּבריהען!

און אזוי איז כמעט אין אלע, אלע שטעדטלעך, וואו עס באווייזט זיך ציוניזם!

וואס דארפט איהר מעהר? ווארשוי איז שוין נישט קיין קליין שטעדטעל, עס זאל „קאכען אויף קעסעל און כלים" און פיהרען מחלוקת... ווארשוי, ווייסט מען, איז א שטילע שטאדט, א רוהיגע שטאדט, וואס לאזט זיך פיהרען, אפילו ארומפיהרען ביי דער נאז... וועניגסטענס — אין קהל'שע, אידישע ענינים...

וויפיעל שטריימלעך עס הויבען זיך נישט איבער ווארשוי און — „אין מלכות נוגעת בחברתה" — יעדעס שטריימעל געהט זיך

זיין וועג. האט זיך זיינע הכשרים, זיינע נולדים ונפטרים, זיינע ברית'ן, חתונות, גט'ן — און, מאכט זיך אן אסיפה גדולה, קומען זיך אלע שטריימלעך מיט די זילבערנע האר צוזאמען און רעדען גר־טע רייד, זיסע רייד, ווי עס פאסט פאר תלמידי־חכמים...

עטליכע הונדערט מנינים זענען פאראן אין ווארשוי, און מען הערט נישט, עס זאל עמיץ געפּאטשט ווערען וועגען אן עליה...

ווארשוי האט א גרויסע קהל־שטוב — פּיערצעהן דאזארעס, און יעדערער טוט זיך זיין זאך, כאטש זיי באשטעהן פון דייטשען, בעלי־בתים און האלבע משכילים...

א דייטשע שול האט ווארשוי, א סינאגאגע הייסט עס. קיין ארגעל האט די דייטשע שול נישט, נאר דערפאר צוויי פּרעדיגער. און דער מזל האט געוואלט, אז איינער זאל זיין אן **א ל ט ע ר אסימילאטאר** און דער צווייטער א **יונגער ציו־ניסט**... און פונדעסטוועגען, הערט דער עולם גאנץ רוהיג דעם ערשטען טאג יום־טוב, וואס דער **א ל ט ע ר** זאגט, און דעם צווייטען טאג יום־טוב, וואס דער **י ו נ ג ע ר** דרשנ'ט, און טראכט דערביי — אפשר וועגען פּאליטיק, אפשר וועגען דער בערזע, און שטיל! עס וועט צו קיין מחלוקת, חלילה, נישט קומען!

דאכט זיך, נאר א גן־עדן, נאר אין גן־עדן באווייזט זיך אויך די שלאנג:

עס איז געוועזען אן אלגעמיינע אסיפה פון א צדקה־חברה „אחיעזר". עס האבען זיך פארזאמעלט עטליכע הונדערט מענשען, עס האבען געזאלט זיין נייע וויבארעס אין קאמיטעט אריין, עס האט געזאלט גערעדט ווערען וועגען וויכטיגע פראגען אין דער צדקה. און פון דער גאנצער אסיפה איז **נישט** געווארען, ווייל מען האט נישט געקאנט אויסקלייבען א פּרעזעס (יושב ראשון) צו דער אסיפה.

קוים האט מען די פראגען געשטעלט וועמען אויסצוקלייבען, האט א האלבער עולם אנגערופען **א י י ן** נאמען, די אנדערע העלפט א צווייטען נאמען... און עס איז געווארען א רעש, א געפּיל־דער, א גיהנום! — מען האט געבראכט פּאליציי, עס האט נישט געהאלפען.

א העלפט עולם שרייט — י., די אנדערע העלפט — ס...

איך פרעג איין צד: פארוואס נישט י.? ענטפערט מען מיר;

ער געהערט צו דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע, קאָן ער ע״פ התקנות נישט זיין קיין פּרעזעס. אַ אמת׳ער תירוץ.

פרעג איך אין צווייטען צד: פאַרוואָס נישט ס.?

— ער איז אַ ציוניסט! — ענטפערט מען מיר מיט כעס, מיט האָס, מיט בזיון...

און מען איז זיך צוגאַנגען, אויב נישט מיט אָנגעשוואָלענע פּנים׳ער, על כל פּנים מיט אויסגעטריקענטע העלזער...

וואָס פלעגען די אַלטע שטילע אידישע קהלות טענ׳ען, אַז מען האָט זיי אַריינגעוואָרפען שטיינער פון דרויסען?

וואָס פלעגען טענ׳ען די ערשטע חסידים, אַז מען האָט זיי מיט געוואַלט געגאָלט די בערד, געטריבען, געיאָגט, גע׳מסר׳ט און פאַרשיקט?

וואָס פלעגען טענ׳ען די אַלטע משכילים, ווען מען פלעגט זיי שמייסען אין די בתי־מדרשים אויף אָפענע קאָנקאָרדאַנציעס, אָפּ־געבען פאַר סאָלדאַטען אָדער טרייבען פון שטאָדט צו שטאָדט?

און וואָס טענ׳ען — היינט די ציוניסטען? (איך זאָג בפירוש ה י י נט, כל־זמן ז י י זענען שוואַך, כל־זמן מען יאָגט ז י י).

אַלע טענ׳ען אַן עהרליכע טענה:

אין כוח צווישען מוחות און הערצער דאַרפען זיך די גראָבע הענט נישט אַריינמישען!

ווער עס כאַפּט אין מיט׳ן כוח אַ בענקעל, איז אַ סימן, אַז דאָס בענקעל איז קליגער פאַר איהם... ווער עס מסר׳ט...

ניין, דאָס טאָר מען נישט זאָגען; עס וועט זיך געפינען אַן „אהר״ און עפּעס צולעגען, אַביסעל צוזאַלצען און מאַכען אַ פיין לעקעלכעל פאַר „ראַלא״, „גיווא־פּאָלסקא״ און אפשר פאַר׳ן „גלאָס״?

מיט דער צייט וועט די „פּראַווּדאַ״ אַליין אויך אָנהויבען אַזוינע לעקעכלעך צו נאַשען...

נאָר פון דעם אַן אַנדערש מאָל..

4.

29טען מאי, 1902.

עס איז משוגע צו ווערען פון אונזערע קהלות!

דאכט זיך „סדנא דארעא חד הוא“ — אויף פראסט אידיש: אומעטום די אייגענע וועלט, קומט א קהלה קדושה און ווארפט דיר ארויס אזא מין קונץ־שטיק, אז דו בלייבסט שטעהן, עפענסט דאס מויל און גאפסט!

פון שטעדט און שטעדטלעך שרייבט מען געוועהנליך וועגען יצר־הרע צו א כזית'ל גבאות פון וואס עס איז פאר א חברה: „תקון וקוני ספרים“, וואס האבען קיינמאל קיין דרייער נישט נייע ספרים צו קויפען און זענען יוצא מיט לופטערען די אלטע אויפ'ן שול־הויף פאר דער זון און מיט זאמלען שמות פון צוריסענע ספרים, וועלכע מען שיקט ארויס אמאל אין א יאהר אין א גרויס צוקער־פאס אויפ'ן בית־עלמין...

פון א „לעזע־פעראיין“ — וואס האט נישט מעהר זיין אייגענעם, ווי א לאפאכינע חתימה פאר בעטעל־בריף צו אויסגאבען און רעדאקציעס — מען זאל ארויסשיקען ספרים און צייטונגען אומזיסט...

פון א חברה יין־קדוש, „פאדריאדען“ פאר פסח מצות צו באקען פאר ארעמעלייט אדער צוזאמען מיט ארעמעלייט וכדומה.

נהרג ווערט מען פשוט על פחות משוה פרוטה פון וואס־עס־איז א חברה'שען כבוד, א קהל'שען כבוד!

קהל'ס פארזארגער וואקסען דעריבער ווי אויף הייוועז, ווי שוואמען אין וואלד נאך א רעגען...

חברות ווערען אומישנע געמאכט, עס זאל נישט פעהלען קיין כבודים פאר די מכובדים — פאר גביר'ישע קינדער, זיידענע יונגע לייט, אויפגעקומענע עם־הארצים...

דעריבער הערט מען פון אזויפיעל קלפי'ס, פון אזויפיעל געלטער! ביי יעדער קלפי ווערט א מחלוקת לשם שמים, ווערען נעז און אויערען געריסען, סודות אנטפלעקט, קומט מען אום על קדוש־השם...

און אז עס קומט די צייט צו שרייבען „שטעדט און שטעדט־לעך", בין איך גרייט איינצוטונקען די פעדער אין גאל און שרייען: גזלנים, עד מתי?!

נא־דיר!

די ערשטע ידיעה, וואס קומט מיר אין דער האנט אריין, רעדט פונקט פון א שטעדטעל, וואס איז גאר קיין שטעדטעל נישט, וואו דער יצר־הרע פון כבוד און גבאות האט גאר קיין שליטא נישט, וואו די קלפי'ס זענען קיין קלפי'ס נישט, די גבאים קיין גבאים נישט און די קהל'שע עסקים פאהרען און פיהרען זיך אליין!

מאכט זיך א וויכטיגער צופאל — שיקט גבאי ראשון, וואס איז באמת גאר קיין גבאי ראשון נישט, זיינס א שטיקעל קרוב, א נאהנטען צי א וויטען, נאר מן־הסתם אן ארעמען קרוב, וואס מען נוצט צו שליחות, און גיט איהם אפילו נישט איבער נישט קיין שטע־קען אין האנט אריין, נישט קיין ווארטצייכען אין מויל אריין, גאר־נישט! און ד ע ר טוט בשמו — בשם הגביר הייסט עס.

דאס שטעדטעל הייסט ראדאמישל. עלף יאהר צוריק האט דארט געדארפט זיין אן אסיפה אויסצוקלייבען גבאים צו דער תלמוד תורה. איז די אסיפה נישט צו שטאנד געקומען; עס האבען זיך ווייניג מענשען פארזאמעלט. אלזא, איז דאכט זיך קיין אסיפה נישט געווען, פונדעסטוועגען האבען זיך אויסגעקליבען פינף גבאים: ה. ג. ק. צ. און ר.! אומבאקאנטע הענט האבען אפילו דערויף א פראטאקאל געשריבען און גע'חתמ'עט, נאר אריינגע־שיקט, וואו מען דארף, האט מען דעם פראטאקאל נישט. זאל זיין גבאים אהן א פראטאקאל, זענען אבער די גבאים אליין קיין גבאים נישט; זיי קומען אין תלמוד תורה נישט אריין. איין ה' ג. באשעפ־טיגט זיך מיט דער תלמוד תורה אזויפיעל, אז פון צייט צו צייט שיקט ער אהין זיין קרוב, געוואר ווערען, וואס עס הערט זיך...

און די תלמוד תורה? זי געהט אליין!

עפעס עהנליכעס איז געשעהען אין ניעמאן אויך.

מען דארף א רב; דער אלטער, נעבעך, האט אויסגעדינט זיין צייט און איז נפטר געווארען. ביז אין דער לעצטער רגע האט ער

שאלות גע׳פסק׳ט, פשרות געמאכט, ביז עס האט איהם אטעם פארפעהלט.

הכלל מען דארף א רב, קהל איז אבער פויל צו קלייבען. קהל זאגט, אז מען קאן יוצא זיין מיט דער אלמנה און יתומים פון אל־טען רב, וואס מען דארף שפייזען און נישט נעמען א נייען עול אויף זיך.

על פי דין מוז אבער זיין א רב! מען דארף, צי מען דארף נישט, עס מוז זיין.

געפינט זיך א איד א גביר, קלייבט ער אליין אוים א רב.

קיין גרויסער למדן, לויט מען שרייבט, איז דער גביר אפילו נישט, קיין גרויסער ירא־שמים אויך נישט, נאר א נאז, זאגט מען, האט ער. און וועלכער גביר האט עס נישט קיין נאז? אז מען איז א מבין אויף זינגען, איז מען א מבין אויף א רב אויך...

בפרט, אז ער האט באמת געטראפען! — ער האט אויסגע־קליבען דעם רבי׳ן זאל לעבען א לייבליכען קרוב — וואס דארף מען מעהר?

איז דאך אבער א איד, אפילו א גביר, אין גלות, און כאטש קהל שווייגט און נעמט אן אלץ פאר ליעב, זאגט דער פריסטאוו: לאו! א רב, זאגט ער, מוז זיין אויסגעקליבען פון קהל, עס מוז זיין א קלפי, על כל פנים — א פראטאקאל, אז עס איז געוועזען א קלפי! א דין מפורש, זאגט ער!

מה עשה — וואס טוט א איד א גביר? אפטרעטען וועט ער דאך נישט. שרייבט ער זיך אן (מיט פרעמדע הענט, נאטירליך) א פראטאקאל; מען זאגט — גאר א שעהנעם פראטאקאל, עכט רוסישע שפראך און על פי חקי הקאליגראפיע! וואו נעמט מען אבער דעם קהל צום אונטערצושרייבען? מילא צו די עטליכע רייכע בעלי־בתים, וואס זענען פאראן אין שטעדטעל, שיקט ער אהיים דעם פראטאקאל צו דער חתימה, עס וועט איהם קיינער נישט אפ־זאגען; אבער וואו נעמט מען דעם „המון?"

פאלט ער אויף א גביר׳ישע המצאה. ס׳רוב „המון" זענען בעלי־עגלות, אביסעל אפהענגיגע פון גביר און זיינע עסקים, הייסט ער זיינע מענשען, זיי זאלען פארטאג פארנעמען די פערד פון פאשע און ארייננטרייבען צום גביר אויפ׳ן הויף.

וכך הוה!

און צומארגענס קריגט קיין איינציגער בעל־עגלה זיין פערדעל נישט ארוים, ביז ער שרייבט נישט אונטער דעם פראטאקאל, און ברענגט נישט קיין חתימה פון זיינע קרובים און גוטע פריינט!

און אויף אזא אופן, הודות להגביר והסוסים, האט קהל גע־קריגן א רב!

עס זענען פאראן קראנקע, וואס האבן ל י ע ב זייער אומגליק, וואס „גראבלען" שטענדיג אין די אייגענע וואונדען, וואס האבן מורא אז זיי א רגע צו פארגעסען, און אזוי קראנק זענען אלע אידישע אינטעליגענטען, וואס לעזען וואר־וועכענטליך און טאג־טעגליך אנטיסעמיטישע בלעטער. מען האט א משונה'דיגע הנאה פון דעם נאל אויסגיסען...

און איך, אויך א אידישער אינטעליגענט, האב מיך אזויפיעל אנגעלעזען אין די אנטיסעמיטישע בלעטער פון אידישער „סאלי־דארנאסט", ווי מיר אידען זענען שטענדיג צווישען זיך „קנעפעל־ביי־קנעפעל", ווי צוזאמענגעוואקסען אונזערע נשמות זענען, אז איך האב טאקע געגלויבט, אז אויב מען גיט א פאטש א איד פון יענער זייט סמבטיון, ציטערט ראטשילד אין פאריז און פארקערט...

בפרט די לעצטע צייט: א אידישער קאנגרעס! מארבע כנפות הארץ פאהרען זיך אידעלעך צוזאמען! האלטען עצות! א אידישע באנק — פון מזרח, פון מערב, פון צפון, פון דרום שווימט צוזא־מען אידיש־קבצנ'יש קליין־געלט און עס ווערט אן אוצר, א מטמון מיט גאלד! און פון אלע עקען פון דער וועלט, פון אונטער די הרי־חושך, אויסער איין קעלצער גובערניע — פליהען שקלים אויף אר־גאניזאציע! היינט רעדט מען נאך פון א נאציאנאל־פאנד, פיינע מארקען אפגעדרוקט!

איך האב געמיינט: זיי האבען גערעדט און גערעדט, ביז זיי האבען אויסגערעדט אין א מזל'דיגער שעה, אין א גוטער שעה! פון היינט אן וועט זיין „קוש־וואד", טאקע ווי אין חודש בענשען שטעהט: עם כל ישראל אחיהם!

בפרט, אז איך האב געלעזען, ווי ווינער אידען קלערען, וואס

מען טוט מיט רומענישע אידען! וואס זיי וועלען טון, איז אפילו נאך א סוד, נאר גענוג — מען קלערט!

איי וואס, דער ווארשעווער ד"ר הערץ, וואס זאגט צו אין „פשעגלאנד טיגאדניאווי", אז ער וועט קיינמאל זיך נישט אפטרענען פון דער כנסת ישראל, זאגט זיך פונדעסטוועגען אפ פון די פויזנער א י ד ע ן, ווייל זיי זענען נישט קיין שארפע פאלאקען — פטור! א מענש פון אלטען דור, דער טאפ איז שוין אן אנגעזאפטער!

איי וואס, אין זדונסקא־וואלא ווילען די ה י י מ י ש ע פוילישע אידען נישט אריינלאזען אויף שבת צום שטאדט־בעקער קיין ליטווישען קוגעל, ווילען קיין ליטוואק נישט צולאזען צו קיין עליה אפילו שמחת תורה, און פסח־צייט — אנטלויפט מען פאר א ליטוואק, מען זאל נישט עובר זיין אויף „בל־יראה" — ווער רעכענט זיך מיט אזוינע לעכער, ווי „זדונסקא וואלא"? אויך מיר א קהלה — א גענעץ!

איי וואס, אז „הרב הגאון" ריינעס קומט אין א ליטווישע שטאדט אריין דרש'נען, שפרינגט ארויף א פרוש אויפ'ן בעלעמער און כאפט איהם ביי דער גרגרת, און אז „בני־ציון־אינגלעך" באווייזען זיך אין א חסיד'ישען מקום־קדוש, רייסט מען זיי אפ די נעז און זיי עפענען מיט די יונגע הייסע קעפ די טיר — מאי כולי האי? עס איז א סימן פון לעבען. מתים קומען נאר ו ו א ר ג ע ן און דוקא ביינאכט אין שלאף; פון נעז רייסען האבען זיי גאר קיין ידיעה נישט! און דאס לעבט, אין שעהנעם העלען טאג!

אין אייגענעם טעפעל מעג זיך קאכען, אבער בנוגע צווישען אונז און אנדערע, אה! דא איז יד אחת: איינער פאר'ן צווייטען. יעדערער פאר אלע.

הער איך אבער, אז פון אמור ביי יעקאטערינאסלאוו טרייבט מען ארויס זעקס הונדערט אידישע פאמיליען (זייט אייך משער, וויפיעל נפשות) ווייל דער ארענדאטאר פון דער ערד, א א י ד — איהר הערט? — א איד, וואס האט אויך נישט אין זין צו פארלאזען די כנסת ישראל, אויסצוטווישען דאס רענדעל (מען זאל זיינער פטור ווערען) — ווייל דער אידישער ארענדאטאר האט נישט געלאזט, אז די יעקאטערינאסלאווער דומע זאל מאכען פון אמור א פארשטאדט צו יעקאטערינאסלאוו...

ער האָט נאָך מעהר געטאָן — ער האָט צוגעזאָגט (און איז, דאַכט זיך, א איד א גביר און וועט אודאי האַלטען וואָרט!) צו מסר'ן די אידען, וואָס וועלען בלייבען, וואָס וועלען, חס־ושלום, וועלען פאַלש בלייבען...

און אפשר איז די מעשה נישט אמת, און דער אמור'ער אָרענדאַטאָר איז נישט אַזאַ ווילדע באַרבאַרישע בריאה? וואָס פאַרדינען מיר דערביי? איז דער שרייבער, וואָס איז דאָס מודיע, טויזענט מאָל ערגער!

אָבער אידישע רחמנות איז שוין א זיכערע זאַך?

אויף דעם מעג מען מ ו י ע ר ע ן שטעלען?

אמת, אַז אַנגעגעסענער דייטשער איד פלעגט מבזה זיין א הונגעריגען פוילישען שנאָרער! אָבער היינט?!

אמת, אין אסך (בפרט פוילישע) שטעדט זענען אַלע צדקות נאָר פאַר היימישע אידען, דאָס הייסט פאַר די, וואָס די פּאָליציי האָט פאַר היימישע פאַרשריבען, און א פרעמדער מעג אויסשטרעקען די צונג...

א גמרא: „עניי עירך קודמין" — פאַרזאָרג פריהער היימישע אָרעמעלייט: איי וואָס, די גמרא מיינט נאָר די, וואָס געפינען זיך אין שטאָדט, און פאַרלאַנגט נישט, זיי זאָלען געבוירען ווערען אויפ'ן היילינען גזשיבאָוו, אָדער די פּאָליציי זאָל זיי איינשרייבען — טייטשען זיי אַנדערש די גמרא!

אָבער אמת היימישע, געבוירענע אָרעמע לייט?

איך רעד נישט פון רבנים, זיי געהערען צום בעל־טאַקסע; פון פשוט'ע אָרעמע לייט רעד איך. פון פשוט'ע אידען, וואָס האָבען נישט קיין „מחזקות" מיט דער קאָראָבקע, מיט קצבים, מיט הכשרים — צי וועט א אידישע קהלה לאָזען אַזוינע שטאַרבען פאַר הונגער? און בפרט יתומים?

שרייבט מען דוקא פון מיראָפּאָל (וואָלינער גובערניע), אַז עס טרעפט זיך אַזוינס!

אין מיראָפּאָל איז געוועזען אַן אַלמן מיט קליינע קינדער...

און דער אַלמן איז געוועזען א קראַנקער, געוואָיינט אין א

„הינטער־שטיבעל" (אין ווארשוי וואָלט ער געוואוינט אין א פינס־טערער נאסער סוטערינא, אויב די פּאָליציי וואָלט זיך נישט דער־וואוסט), און געלעבט אין נויט און אין דחקות מ י ט די קליינע קינדער...

איינמאָל האט זיך איהם געלאָזט בלוט פון האלז, האט ער נישט געהאט קיינעם צו שיקען נאָך אביסעל מילך, נאָך א רופא — קליינע קינדער און האלב נאקעטע, און עס איז ווינטער־צייט...

האט ער זיך געמאטערט איבער דער נאכט...

אין דערפריה איז דורכגעגאנגען א סופר — מן־הסתם אין מקוה אריין פאר א „שם" און אפשר פשוט דאוונען.

באמערקט ער דורכ'ן פענסטער, ווי דער אלמן ליגט נאָך אין בעט מיט די קליינע קינדער, און די קליינע קינדער שפּילען זיך מיט דעם פאטערס באָרד.

זיפצט ער אָפּ, דער סופר.

ער איז מקנא א איד, וואס קאן זיך ערלויבען אזוי לאנג צו ליגען אין בעט, און נישט צו ציטערען, ווי ער, אין גאס אויף דער קעלט...

דערנאָך טראכט ער: נארישע קינדער! מיט וואס זיי שפּילען זיך — מיט א באָרד!

און אפשר פאלט איהם איין, אז א באָרד איז א דבר שבקדושה און מען דארף זיך מיט קיין באָרד נישט שפּילען.

טרעף, וואס א געפּרווירענער סופר האט אין זין!

נאָר צוריק־צו־וועגס, איז א פּאָר שעה שפּעטער, קוקט ער ווייטער אין פענסטערל אריין, און זעהט — אז דער „גליקליכער" איד ליגט נאָך מיט די קינדערלעך אין בעט, פאלט איהם ערשט איין צו דערשרעקען זיך, אויפצוהאקען א שויב, אריינצושפּרינגען אין שטוב אריין. און געוואָר צו ווערען, אז די קליינע קינדערלעך האבען זיך געשפּילט מיט א טויטען טאטענס באָרד!

און די שטאָדט?

די שטאָדט האט זיך געכאפּט און געבראכט דעם נפטר צו קבר ישראל... דערנאָך האט זי אפּגעדונגען די יתומים אויף קעסט, נאָר געצאָהלט פאר קעסט האט זי נישט...

תאמת נתן להגיד; די שטאָדט האט איהר אייגען פּעקעל. לויט

מען שרייבט: צוויי רביים, עטליכע „שעהנע" אייניקלעך, צוויי רבנים, אַ אלמנה פון אַלטען רב׳, אויך מיט אייניקלעך...
נאָר די יתומים האָט מען ארויסגעוואָרפען אין גאַס אַריין...
אפשר איז דאָס אויך נישט אמת?

נאָר צי איז אמת, אַז אין שטעדטעל ח. לאָזט אַ אידישער אונ־טער־סטאַראָסטע, און דוקא אַ כשר׳ער איד, מיט אַ כשר׳ער באָרד, נישט ארויסנעמען פון „סמעטנע געלט" צוועלף טויזענט רובל אויף צרכי־צבור — צווישען אנדערע זאַכען אויף אַ תלמוד־תורה, ביז מען וועט איהם נישט געבען „לאַ־יחר׳ץ" געלט, גאַנצע צעהן פּראָ־צענט, ד. ה. צוועלף הונדערט רובל פאַר זיין אייגענעם געברויך?

צי איז עס אמת, אַז דער אייגענער אונטער־סטאַראָסטע, גע־וואָר ווערענדיג, אַז יונגעלייט ווילען איהם נישט לאָזען ראַבעווען קהל׳ס געלט, אָנטרינקען זיך מיט אידישען שוויים און בלוט, אַז דער אייגענער אידישער אונטער־סטאַראָסטע האָט אָנגעגעבען אַ פאַלשען דאָנאָס, אַז די יונגעלייט קומען זיך צוזאַמען מכלומר׳שט לעזען אידישע געשיכטע, אידישע צייטונגען, נאָר מיינען מיינען זיי גאָר עפּעס אנדערש, זיי ווילען, נישט מעהר נישט וועניגער, נאָר איבערקעהרען די גאַנצע מדינה מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ מיט די פיס אַרויף?

צי איז אמת, אַז כאָטש עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער דאָנאָס איז פאַלש, האָט דאָך קהל מורא פאַר׳ן אונטער־סטאַראָסטע, ער זאָל נישט מאַכען קיין נייע דאָנאָסען און נישט שטעלען פון זיין חברה קיין פאַלשע עדות אויך?

צי איז אמת, אַז דער טשודנאָווער רב באַקומט נישט קיין שכירות, ווייל ער האָט מורא צו פּסק׳נען אַ דין־תורה, און ציטערט פאַר אַ גט, וואָס אנדערע רבנים מאַכען כלאַחר־יד, קיי־און־שפּיי אַבי אַ קערבעל, — דעריבער געהט ער אוים פאַר הונגער?

און צי איז אמת, אַז דער סלופּצער רב, וואָס איז נישט קיין בעל־פּחדן, האָט זיך דאָך פאַרשולדיגט ביי אַלע בעלי־בתים מיט קליינע הלוואות, ביים בעקער פאַר ברויט, ביים שניידער און שוס־

טער פאר קליידער און שיך, און אז קהל שווייגט און צאהלט נישט קיין שכירות, געהט די רבי'צען און רייסט אפ שטיקער פון איי־זערנעם בעלעמער אין בית־המדרש, רייסט אוים ברעטער פון דער פאדלאגע, ציגעל פון דער וואנט אויף ברויט; און אז דאס האט אויך נישט געהאלפען, האט זיך דער רב, וואס איז, ווי געזאגט, קיין בעל־פחדן נישט, באנוצט מיט דער געלעגענהייט, וואס א שוחט איז נפטר געווארען, און פ א ר ק ו י פ ט די שחיטה עפעס א „שאינו יודע לשאול", בפרט א „חלף שטעלען"?

און צי איז אמת, שוין א קלייניגקייט, (מען קאן דאך קיין „שטעדט און שטעדטלעך" מיט טראגעדיען נישט ענדיגען), אז אין קאלוגא געהט ארום די געלזוכט פאר קנאה?

„דער רב — שרייבט מען — קרענקט, פארוואס נישט אלע קויפען זיינע הייוועז, פון וועלכע ער האט הכנסה; דער חזן־און־שוחט צוזאמען, פארוואס מען נעמט נאר צוויי חדשים אין יאהר קיכלעך (?) און נאר גענזענע פיסלעך; דער דין — פארוואס מען רופט איהם הינטער די אויגען מיט בזיון „יאשקע", נישט ר' יוסף; דער גביר פון שטעדטעל — פאוואס האבען אויסער איהם אנדערע בעלי־בתים אויך פרנסה, און די בעלי־בתים — פארוואס זענען זיי קיין גבירים נישט?

צי איז עס אמת?

אויף דער לעצטער, אויף דער קאלוגער מכה וואלט זיך א רפואה געפונען.

זאל קאלוגע אראפשיקען א שליח מיוחד מיט עטליכע גילדען קיין ווארשוי.

אין ווארשוי, מוזט איהר וויסען, קרייזעלט ארום אין די גאסען אזא מין מודעה:

„אז ערפינדונג צו היילען פארשידענע קראנקהייטען: נער־וואווע, שווערע קרענק, רימאטען, מרידין, מאגען־בלוט (?), שווענ־דזעניע, אסטמא, אויגען, ציין, קאפ, ווייבערישע זאכען, און איהר (?) ווייזט וועמען איר האט געהאלפען (?). פון אכט פריה ביז צוועלף און פון פיער ביז אכט אווענטס, אויף דער גאס שמאלע מילע, נומער פינף און צוואנציג, וואוינונג אכטצעהן."

נאָר אויב קאַלונאַ וויל זיך היילען, מוז זי זיך איילען; דערווייל קאָן זיך אַריינמישען די פּאָליציי און דעם שווינדלער אָרעסטירען...

וואָס טוט מען אָבער מיט די אַנדערע קרענק?

איין גאָט ווייסט.

5.

5טען יוני, 1902.

„איינס געגען דאס אנדערע האט גאט באשאפען“, און „וואס עס געפינט זיך אויף דער יבשה, געפינט זיך אין ים אויך“. נאר עס זעהט אנדערש אוים, און א וואסער־הונט און א ים־קאטער ווילען זיך מיט אונזערע הינט און קעץ נישט חבר'ן...

אזוי אויך אלץ, וואס עס הערט זיך אין דער גרויסער וועלט, טרעפט זיך אין אונזער קליינעם וועלטעל אויך, נאר עס האט אביסעל אן אנדער פנים; עס איז אביסעל קלענער, אביסעל פאר־קרימטער אויך...

למשל, נישט ווייט צו זוכען, — שטרייקען.

מיינט איהר אפשר, אז ביי אונז איז דער געמאכטער צי אפ־געראדעטער „שבת“ נישט נוהג? — אין די קלענסטע שטעדטלעך!

נאר לאמיר די זאך באהאנדלען נישט פון אויבען אויף, נאר גרינדליך, טיף, ווי עס פאסט פאר א דייטשען פראפע־סאר; איך בין אייגענטליך קיין דייטשער פראפעסאר נישט, נאר „הוה לומד מכל אדם“, בפרט פון א דייטשען פראפעסאר.

קודם־כל ווענדען מיר זיך צו דער ליטעראטור.

אין דער אלטער ביבלישער ליטעראטור געפינען מיר נאר איין שטרייק, וואס מיר האבען געמאכט געגען פרעה'ן מיט'ן פתם ורעמסס געפיהרט דעם שטרייק האט משה־רבינו. און כדי מען זאל אלע נישט טרייבען צוריק צו דער ארבייט, האבען מיר גע־מאכט פלטה איבער'ן ים — ואיננו...

דא האקט זיך דער פאדעם אפ. נישט אין ש"ס און פוסקים, נישט ביי גאונים, ראשונים ואחרונים — קיין זכר פון א שטרייק. נעלם געווארען איז ער!

שווימען שווימט ער ערשט ארוים אין דער לעצטער צייט, אין דער נייער ליטעראטור.

אין פרץ'ס „רייזע בילדער“ געפינען מיר אן ארעמען קליינ־שטעדטעלדיגען רב, מיט א כאלאט פון שפינוועבס, וואס שטעלט

זיך אפ. „זאבאסטיוועט“, הערט אויף שאלות צו פסק'נען, אפילו שאלות־נשים, ווייל אפילו נישט געהן צו דער חברה־קדישא'ס קלפי און פארלאנגט, מען זאל איהם מוסף זיין צוויי גילדען א וואך אויפ'ן שכירות. עס איז נאר א שאד, וואס דער רייזע־באשרייבער איז אפ־געפאהרען פון שטעדטעל, איידער עס איז צווישען רב און קהל געקומען צו א פשרה, און מיר ווייסען נישט, ווער עס האט אויס־געפיהרט — דער ארעמער רב צי דאס קבצנ'ישע שטעדטעל...

דוד פרישמאן דערצעהלט אין דעם פאר־א־יאהריגען „יוד“ פון א שטרייק, וואס די אידישע (העברעאישע און זשארגאנישע) שריי־בער האבען געמאכט געגען רעדאקטארען און ארויסגעבער. זיי האַ־בען זיך אפגערעדט, געמאכט יד־אחת, איבערגעשלאגען מיט א ציצה, און עס איז געבליבען, אז עס וועט קיינער נישט אויסציהען קיין פעדער, אויב מען וועט זיי נישט מוסף זיין כאטש צוויי גיל־דען אויף א ריז פאפיר פון גרויסען פארמאט. א געוויסע צייט איז חושך געוועזען ביי די רעדאקטארען, די ארויסגעבער זענען ארומ־געגאנגען, ווי פאר'סמ'טע מייז, די „קוראים נכבדים“ האבען ממש קריעה געשניטען, ביז מען ווערט נישט געוואר, אז דוד פרישמאן איז א גרויסער לץ, א חוזק־מאכער; אז עס איז א פשוט'ער פע־ליעטאן, משמח צו זיין דעם עולם, — און עס איז וויטער שטיל געווארען.

אחרון אחרון חביב: ספעקטאר באשרייבט אין איינער פון זיינע נאוועלען, אז קבצנים האבען אמאל געמאכט א שטרייק. עס איז געוועזען ביי א רייכען ישוב'ניק א חתונה, מען האט נאך זיי געשיקט א „דראביניאסטע־וואגען“ איז שטאדט אריין, און — די קרומע, לאמע, הויקערדיגע און פאנפאטע קבצנים האבען געמאכט א שטרייק: פאר ווענינער ווי א רובל אויף א פארשוין וועלען זיי זיך נישט ריהרען פון ארט. און מען האט זיי געגעבען.

א אידישע חתונה וועט זיך גיכער באגעהן אהן קלעזמער, אהן דרשה־געשאנק, אפילו אהן נדן, אבער נישט אהן אן ארעמער סעודה; און אן ארעמע סעודה אהן ארעמע לייט איז אזוי מעגליך, ווי א טיש אהן א בלאט און אהן פיס!

אויב איך האב נישט קיין טעות, איז דאס דער איינציגער שטרייק פון די, וואס ווערען דערמאנט אין דער ליטעראטור און

וואס האט זיך גוט געענדיגט אי פאר די קבצנים, אי פאר'ן מחבר, ווייל די נאוועלע איז זעהר גוט אויפגעשריבען.

פון דער ליטעראטור, וואס איז נאר דער ווידערשיין, דער שאָ־טען פון לעבען, וועלען מיר זיך נעמען צום לעבען אליין.

מיר וועלען רעדען פון אונזערע אידיש־קהל'שע שטרייקען.

פון אלע זייטען פון פוילישע שטערט און שטעדטלעך הערט מען פון שטרייקען, וואס די דעמאָקראַטישע חברה נושאים מאכט געגען דער אריסטאָקראַטישער חברה קדישא, וואס לעגט נישט די האנט אין קאַלט וואסער אריין, און נעמט צו ניינציג פּראָצענט קבורה־געלט, בשעת די חברה־נושאים געהט אַרום מיט טרוקענע העלזער.

קיין דין־תורה קאָן מען מיט דער חברה חדישא נישט האָבען, ווייל דער רב מיט די דינים האלטען מיט די חברה־קדישא לייט, וואס גיבען רח"ש, יום־טוב־געלט און פורים־געלט און לאָזען אינ־מיטען יאהר אויך אמאָל אָפּלעקען א ביין. וואס טוט חברה נושאים? מאכט זי „שבת" — זי ריהרט זיך נישט פון אָרט, ביז מען דינגט נישט אוים א גרויסען פּראָצענט אויף י"ש...

טיילמאָל שטעלען זיך די חברה־קדישא־לייט „שטאַרצעם", דינגען אנדערע נושאים — דאמאָלט ערשט ווערט א געשלעג, עס פליהען ציין פון בעלי־בת'ישע מיילער, מתים פון די מטות אראָפּ, דינים און רבנים פון די בענקלעך, ביז מען גיט נאָך די עם־ארצים!

אין טייל גרעסערע שטעדט האָבען אידישע דאָקטוירים גע־וואָלט איינפיהרען „מציצה" מיט א מאַשינקע, וואָס זאָל אויסנאָ־גען א „כשיעור" בלוט, אבי מען זאָל נישט אָנשטעקען די קינדער דורך פאַרשטונקענע מיילער מיט פוילע ציין, נאָר זיי האָבען אין ערגעץ, אפילו אין ווארשוי, נישט אויסגעפיהרט; ערשטענס, זע־נען די רבנים נישט צופרידען מיט נייע המצאות (אויסער המצאות, וואס מען נעמט אויף זיי הכשרים, ווי למשל: כשר'ע זייף, פּסח'־דיגע פּאַפּיראָסען, פּוטער פון גראָז וכדומה) און צווייטענס, האָבען די מוהלים געזאָגט: לאָו! קוים וועט זיין א „זויג־מאַשינ־קע", מאכען זיי א שטרייק און ציהען קיין מעסערעל נישט אוים! און וואו נעמט מען אנדערע מוהלים?

אצינד שרייבט מען אונז פון צוויי נייע־מאָדישע שטרייקען.

ערשטענס — א מאָדנער שטרייק, א כהנים־שטרייק אין וועסיאָלאַיע (מעליטאָפּאָלער אויעזד, טאַווריער גוב.)

איינגענטליך דאָס שטעדטעל הייסט נאָר „וועסיאָלאַיע“. איז׳ן איז עס א פאַרוואָרפּען ווינקעל, א פּיצעלע דאָרפישער קהל און עס איז דאָרט גאָרנישט פרעהליך. אפילו „משנכנס אדר“, באַמערקט מען קוים, אז עס געהט אוועק מעהר דיניע־קערלעך, ווייטער נישט, — נאָר וויפיעל מענשען הייסען אלכסנדר מוקדון און אנטלויפען פאַר׳ן אייגענעם שאָטען און ציטערען, אז די אייגענע פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע קלאַפּען זיי ביינאַכט אָן די פּיס? און דאָך האָט דאָס שטעדטעל זיך אויסגעצייכענט מיט א שטרייק פון כהנים.

די מעשה איז אזוי געוועזען:

ווי דער מנהג איז, רופט מען אויף צום ספר פריהער כהן, דערנאָך לוי, דערנאָך ערשט געהט ישראל... אונזער גבאי ראשון פון שול איז אָבער אמאָל איינגעפאלען עובר צו זיין אויפ׳ן מנהג, (אַ אלטער מאַן — אנדערע עברות פּאַסען שוין נישט) און פריהער אויפצורופען דוקא א ישראל! זענען די כהנים אונטערגעצונדען געוואָרען! זיי האָבען אבער נישט געזאָגט א וואָרט, נאָר, אז עס איז געקומען צו כהנים דוכנ׳ען, האָט זיך באוויזען אַן אָפּגערעדטער שטרייק! קיין איינציגער כהן האָט נישט אויסגעטאָן די שיך און דער איינציגער לוי האָט נישט גענומען דעם וואַש־בעכער, די כהנים׳ס הענט צו באַגיסען!

איינמאָל פאַר אלעמאָל: נישט, און קהל האָט געמוזט זיך דאָס מאָל באַגעהן אָהן „יברכך“, און די קליינע קינדער האָבען נישט געהאט פאַרגניגען בגנבה צו קוקען אויף כהנים־דוכנ׳ען!

אָבער נאָך א מאָדנערער שטרייק איז געוועזען אין ק״ק וואָלאָדיסלאַוואָוואַ (סובאַלקער גוב.) — א טענצער־שטרייק!

עס איז דאָרט געוועזען א בעל־בת׳ישע חתונה און, ווי דער שטייגער איז, זענען אָנגעקומען צו דער „גרויסער וועטשערע“ טעלעגראַמען און ווינש־קאַרטען...

זייט עס איז בטל געוואָרען דער מנהג פון חתן׳ס דרשה, איז מען זיך נוהג אין תפוצות ישראל צו פאַרברייננגען די צייט ביים לאַנגען טיש מיט טעלעגראַמען און ווינשקאַרטען לעזען. געוועהנ־

ליד נעמען זיך עס אונטער צוויי יונגעלייט (בחורים זענען נאָך בעסער), זיי טיילען זיך מיט די טעלעגראַמען און ווינשקאַרטען. איינער לייענט איין טעלעגראַמע, דער צווייטער די צווייטע — די מעלה דערפון איז, אז בשעת ווען איינער לייענט, קוק דער צווייטער דורך, וואָס ער דאַרף לייענען, און עס גהעט צו געשווינד און אַהן א גרייז — אויסער די קינסטליכע גרייזען, וואָס מען מאַכט אַר־מישנע, דער עולם זאָל לאַכען.

אזוי איז אויך געוועזען אויף דער וולאַדיסלאַווער בעל־בת'ישער חתונה, — צוויי לייט (אפשר שוין נישט קיין בחורים) אין שוואַר־צע פּרעק, ווייסע וועסטען, העמדער און קראַוואַטען, מיט רויטע זיידענע טיכלעך, וואָס קוקען ארויס פון פאַרענט פון אונטער'ן וועסטעל־זוים, און מיט פיינע שטימען, האָבען געלעזען, ווי א וואַ־סער, און געשיט מיט וויצען, ווי א וואַסער, — פּלוצים ווערט איי־נער פון זיי בלאַס, דערנאָך רויט, וואַרפט מיט כעס א ווינש־קאַרטע אויף דר'ערד, צוטרעט זי מיט די פיס, און קומט קוים צו זיך און לעזט ווייטער...

צווישען עולם איז אביסעל אומרוהיג געוואָרען: געווים אַז אונטערגעוואַרפענער פּאַשקוויל, אפשר געגען חתן, אפשר געגען דער כלה...

עס האָט זיך אבער אויסגעוויזען, אז עס איז געוועזען עפּעס ערגערס, ווי א פּאַשקוויל, עס איז (הערט און כאַפּט אייך אָן ביי די האָר) א אידישע ווינש־קאַרטע געוועזען! אויף אַזא חתונה, אויף א חתונה מיט פּרעק, ווייסע קראַוואַטען, ווייסע האַנט־שוה, קאָלירטע זיידענע טיכלעך, האַלב נאַקעטע דאַמען, וואָס שלע־פּען פון הינטען, וואָס עס פעהלט זיי פון פאָרענט, אויף אַזא חתונה האָט מען די העזה געהאַט א אידישע ווינש־קאַרטע צו שיקען.

שרעקליך!

און, אז עס האָבען זיך נאָך געפונען צוויי מיידלעך (אַזוינע קאָן מען „מאַמזעלען" נישט רופען!), וואָס האָבען זיך אנגענומען פאַר אידישע, צוטראָטענע קאַרטען — האָבען די יונגע־לייט אנגערעדט זייערע חברים און מען האָט צוזאַמען געמאַכט א שטרייק, און אויפגעהערט צו טאַנצען!

עס פאסט נישט צו טאנצען אויף א ז א חתונה, וואו עס געפינען זיך אזוינע קארטען, אזוינע מיידלעך...

מיר ווען נאך אפשר דערלעבען א שטרייק פון מלמדים!

א מלמדים־בערזע איז שוין דא, און טאקע אין קרעמענטשוג...

קרעמענטשוג איז א געבענשטע שטאדט, וואס גיט ארויס מאַ־טען מלמדים, און זיי האבען זיך געמאכט א מין בערזע פאר דער שול, אויפ'ן מיסטיגען פלאץ, וואו מען שטעלט חופות...

דורך דער בערזע האט אויפגעהערט די קאנקורענץ צווישען מלמדים, דער בין־הזמנים מיט חניפה, מיט רכילות, מיט הכנעה פאר עם־ארצ'ישע בעלי־בתים. די מלמדים שטעלען זיך אוים אויפ'ן בערזע־פלאץ, ווי די אמאליגע קנעכט אויף די גריכישע מערק, און ווער אין קרעמענטשוג אדער אין דער געגענד דארף א מלמד, קומט פאר דער שול, אויף דער מלמד'ישער בערזע, און קלייבט זיך אוים, וואס זיין הארץ געלוסט!

און די פרייזען זענען צווייערליי.

א מלמד, וואס קען נאר חומש מיט רש"י, באקומט פופציג רובל א זמן; א מלמד מיט אביסעל דקדוק, ווער שמיעסט מיט חשבון און רוסיש, באקומט ביז פינף און זיבעציג רובל.

דערפ:ון געהט אבער אראפ מעקלעריי, ווייל אהן א מעקלער קויפט קיין איד קיין קערצעל ווייץ נישט, דינגט קיין דירה נישט און באשטעלט קיין מלמד נישט...

נאר — האלטען זיך די מלמדים צוזאמען, קאן קומען צו א שטרייק; זיי ווען נאך אמאל מאכען יד־אחת און פארלאנגען, מען זאל זיי מוסיף זיין כאטש צו רובל אויף א זמן...

און אויב זיי טוען עס נישט, האבען זיי געווים פחד פאר ירושלים דליטא, וואס קאן איינע אליין פארפלייצען די גאנצע וועלט מיט מלמדים, און דארטען, זאגט מען, קענען אלע דקדוק...

לאמיר האפען, אז עס וועט צו קיין שלעכטס נישט קומען!

6.

10טען יוני, 1902.

„אין דער ליטא (שרייבט א וויציגער קארעספאנדענט ק.), אין א גובערניאל־שטאדט, וואס דער נאמען איהרער הויבט זיך אן מיט א גימ"ל (די לעזער וועלען אודאי מיינען: גראדנא), האט דער שטאדט־חזן, נאכ'ן יום־טוב'דיגען דאווגען, די זכיה געהאט צו הער־רען פון איינעם פון די פיינסטע בעלי־בתים א גרויסען „יישר־כח".

— מה היום מיומים? — פרעגט דער חזן פארוואונדערט.

ער ווייסט, ער האט נישט בעסער געדאווענט, ווי אלעמאל, ער האט קיין נייעם נגון, קיין טרעל אפילו, קיין איינציגען דרעה נישט מחדש געווען! פארקערט, ער האט, דאכט זיך, ערגער גע־דאווענט, ווייל זייט דער גרויסער שרפה פארלירט ער ביסלעכווייז דעם קול; ער האט געראטעוועט און פארקיהלט זיך.

אין בעל־הבית'ס אויגען באווייזען זיך לאבענדיגע פינטעלעך און מיט א „זיך טרייסלענדיגען" בייכעל ענטפערט ער:

— פארשטעהט איהר מיך, איהר האט שבירות געהאט, איז אייך קיין „יישר־כח" נישט געקומען, איהר זייט מחויב געווען צו דאווגען! אבער היינט, אז איהר האט שוין קיין שבירות נישט, קומט אייך טאקע א דאנק!

ווי קומט עס — וועט א י ה ר אודאי פרעגען, אז אין אזא גימ"ל'דיגער גובערניאל־שטאדט אין דער ליטא, אין גראדנא, למשל, זאל דער שטאדט־חזן, ווי א טערקישער אפיציער בשעת מלחמה, קיין שבירות נישט באקומען?

דערצעהלט דער קארעספאנדענט אזא מעשה: פאר א יאהר צוויי־דריי איז אין גראדנא, ווי דער מנהג איז בכל תפוצות ישראל, א גרויסע שרפה געוועזען... אחוץ בעל־בתי'שע הייזער זענען אוועק־געגאנגען מיט'ן רויך בתי־מדרשים און שולען און צווישען זיי די גרויסע שטאדט־שול אויך...

פעהלט צו דער אסעקוראנץ פיער טויזענט רובל, מען זאל זי צוריק אויפבויען...

דאכט זיך, אז פאר אזא גימ"ל'דיגער שטאדט זענען פיער טויזענט רובל קיין מטמון מיט געלד נישט; און והא־ראיה — מען האט די בתי־מדרשים צוריק שוין אויפגעבויט! מאכט זיך אבער א שאלה: ו ו ע ר דארף צוריק אויפבויען די שול? קהל זאגט: די בעלי־בתים, וואס האבען „שטעדט אין שול" פון מזרח ביז דער מערב־וואנט! די אלע, וואס האבען נחת פון קריאת־התורה, פון פעטע עליות, פון חזן, פון דרשות, וואס ווערען אמאל געזאגט, וכדומה הנאות פון שול... און די בעלי־בתים פון די שטעדט טענ'ען: מיר האבען מאקע די שטעדט, די בייגק מיט די טישען, מיט די שטענדער, אבער די ווענט, די שול איגנאנצען איז א קהל־זאך, א קנין־הקהל, און דעריבער מוז מען די פיער טויזענט רובל צואיוארפען אויף גאנץ קהל!

מן־הסתם וועט זיין א דין־תורה, מען וועט אמאל די שול צוריק אויפבויען... דערווייל אבער דאווענט מען אין א ווייבערשער שול: א קליינער עולם, אהן א סדר, אהן הכנסות, און דער חזן האט דעריבער זיין שכירות נישט...

אין זאמושץ (לובלינער גובערניע) געשיהט נאך עפעס שענערס!

גראדנא בויט צוריק נישט אויף קיין שול, וואס איז ערשט צוויי־דריי יאהר אפגעברענט; די גראדנער שול לאזט זיך לכל־הפחות פארטרעטען מיט א ו ו י י ב ע ר ש ע ר שול, און עס געהט ווענען א סכסוך צווישען קהל און שול־בעלי־בתים אויף גאנצע פיער טויזענט רובל... און ווער ליידט דערפון? אומשטיינס געזאגט א שטיקעל חזן! און אין זאמושץ אבער, אויך אן „עיר ואם בישראל" מיט ציוניסטען און גלאט משכילים, חסידים און פיינע בעלי־בתים, אין לאנגע און קורצע קליידער, און „יונגוואַרג" מיט ביליארדען, פרעפעראנס און סטוקעלקע, אחוץ ראמאנען אין אלערליי לשונות, — אין דעם זאמושץ בויט מען צוריק נישט אויף דאס שפיטאל פאר קראנקע ארעמעלייט, וואס איז שוין ג א ד שלשים! — אפגעברענט, הייסט עס, שוין מעהר, ווי א יאהר דרייסיג! כאטש עס איז קיין סכסוך צווישען בעלי־בתים נישט

פאראז, געלט ליגט גרייט מיט טויזענט, פופצעהן־הונדערט רובל איבער׳ן אנשלאג („סמיעטע“), און א פלאץ גיט אומזיסט דאס מאגיסטראט! עס פעהלט נאר א קלייניגקייט! עס פעהלט נישט מעהר, נאר דעם ראש־הקהל צייט, ער זאל אפשרייבען און אונטערשרייבען א „פראשעניע“ צום מאגיסטראט, צום גובערנאטאר, וועלכען פלאץ מען בעט!

דער ראש־הקהל האט אבער ווירקליך קיין צייט נישט!

ערשטענס, איז ער, קיין עין־הרע, א איד א סוחר און א גוטסבאזיצער דערצו — האט ער זיינע געשעפטען; אויסער דעם איז ער א מאכער אין א פיליע, וואס דארט האט געעפענט א לאדזיער קרעדיט באנק. דריטענס, האט ער וויכטיגערע קהל׳שע געשעפטען: ער מוז יאגען און פלאגען דעם ניי־שטעדטישען רב, פון הינטער זאמושץ; מן־הסתם דערפאר, וואס ער איז פאר איהם וועניג אונטערטעניג געוועזען...

און דורך דעם ביסעל צייט, וואס עס פעהלט דעם ראש־הקהל, האט זאמושץ קיין שפיטאל נישט!

איהר קלערט אפשר, אז עס איז אן עברה, וואס די גראדנער בעלי־בתים לאזען א חזן אהן פרנסה; און בפרט — וואס זאמושצער קהל לאזט ארעמע קראנקע אהן א שפיטאל — —

קאן זיין! ווער האט אבער היינט מורא פאר אן עברה?

פרומע בעלי־בתים אודאי און אודאי נישט. געשווינדער שטעלט זיך אמאל אפ א דייטש און גיט א קרעכץ: און וואס וועט מען דארטען זאגען? צי אין טעאטער, בארוישט פון דער שענסטער מוזיק; צי אויף א באל, טאנצענדיג מיט האלב־נאקעטע דאמען, גיט אמאל א שטאך ביי א „גלות אין הארץ... דאס פינטעלע“. פון אונטער׳ן אש פלאמט אמאל אויף און מען פרעגט זיך: הייסט דאס לעבען? און שוין? דאס איז עס?

אבער א פרומער בעל־הבית?

אזוינער איז אסעקורירט! ערשטענס, זאגט ער דריי מאל אין טאג „אשרי!“ און צווייטענס — די נייע המצאה! די סמאטרישער (פאדאליער גובערניע) נייע המצאה, א אידישע נשמה זאל

תיכף ומיד נאך דער קבורה ארויפפליהען, ווי א ווייסע טויב מיט ווייס־זילבערנע פליגעל, אהן א פלעק, אהן א זכר פון א פלעק, גלייך אין ליכטיגען גן־עדן אריין — כאטש ער האט זיך ־א געבאדען אין זינד, ווי א דבר־אחר אין רינשטאק!

אין סמאטריטש איז נפטר געווארען א איד. (ה. ו. — זיינע ראשי תיבות!).

אפילו א פרומער איד, נאר — ווי אין פסוק שטעהט: אין אדם... ולא יחטא! פון עולם־הזה א ביין אפלעקען מוז מען... אפילו א פרוש פון ליבאוויטשער בית־המדרש, וואו מען שמייסט פארוואס עס איז פון א פיצעל קלות־ראש...

האבען די כשר'ע זיהן טאקע מורא געהאט, די חטאים זאלען נישט גורם זיין... עס זאל נישט זיין, חס־ושלום, „חבוט הקבר" דא, און א „המשך יבא" מיט פייערדיגע ריטער דארט...

מה עשו? וואס האבען די כשר'ע זיהן געטאן? האבען זיי באלד נאכ'ן קדיש, פאר דער עדה אידען אויפ'ן בית־עלמין אויס־געראפען, טאקע מכריז ומודיע געווען, אז ברצונם הטוב, נישט אפגענארט און נישט באונס, און אהן א מודעה, און מודעה דמודעה עד סוף כל הדורות — נעמען זיי דעם פאטערס זינד אויף זיך!

א פשוט'ע זאך!

און אז אלע קדישים וועלען עס טון, וועט דער גיהנום בליי־בען פוסט, ווי דער טראמוויי אין אידישע שטעדט אום שבת, די דייטשע שולען אין דער וואכען: מען וועט דארט קיין איד נישט זעהן, ווי מען זעהט נישט אין וואוועלבערג'ס ווארשעווער צדקה־הייזער...

מען דארף נאר די המצאה פארשפרייטען...

און מיינט נישט, אז עס וועלען, חס־ושלום, אויפהערען: צדקה, מצוות און מעשים טובים!

אז דער בעל־שם האט אמאל מחיה געווען א מת כנגד דעם רצון פון דער גאנצער פמליא של מעלה, און עס איז ארוים א בת־קול, אז ער האט פארלוירען דערפאר זיין חלק לעולם הבא — האט ער אונטערגעטאנצט פאר פרייד: פון היינט אן וועט ער זיין אן אמת'ער „עובד מאהבה" —

דאס אייגענע וועט זיין מיט די „קהלות הקדש“; מען וועט טון מצוות, צדקה ומעשים טובים פאר ליעבשאפט!

ערשטענס, פאר ליעבשאפט צום „טוב־ומטיב“ — צו זיין ליע־בען נאמען!

צווייטענס, פאר ליעבשאפט צו דער מצוה אליין! ווער האט עס נישט קיין הנאה פון א שעהנער סוכה, אן אתרוג א הדר, א כשר'ן לולב מיט גרינע צוראטען! און בפרט אנדערע מצוות...

און דריטענס, פאר ליעבשאפט צו ארעמע לייט אליין!

א קאטאוועס, ווי די ליעבשאפט ברענט!

אט, אין ארינין (אויך פאדאלער גוב.) האט מען פאר גרויס ליעבשאפט צו ארעמע לייט געגרינדעט א חברה „ל י נ ת - ה צ ד ק“ פון „סאמאראדנע יונגווארג“, וואס האבען „געזשערטוועוועט צו קערבעל אין צוויי איינקויף־געלט“, און צאהלען וואכענגעלט פון צוויי ביז גאנצע פינף קאפיקעס!

חול־המועד פסח האט מען געמאכט א „סטשיאט פון פריכאד און ראסכאד“ פון א גאנץ יאהר, און עס האט זיך אויסגעוויזען, אז הוצאות זענען געוועזען פיערצעהן רובל מיט גאנצע אכט און פיער־ציג קאפיקעס; הכנסות: אכט און פיערציג רובל מיט גאנצע אכט און נייינציג קאפיקעס...

און דער צוועק פון דער חברה איז, אחוץ דער לינה, צו קויפען פאר קראנקע ארעמע לייט רעצעפטען און אלע אנדערע מיט־לען...

דער דאקטאר פון קריסטליכען שפיטאל, וואס פארשרייבט די רעצעפטען מיט די אנדערע מיטלען, און דער אפטייקער, ביי וועל־כען די רעצעפטען מיט די אנדערע מיטלען ווערען געקויפט, זענען (לויט דער קארעספאנדענט שרייבט) זעהר צופרידען פון נייעם „מוסד“...

און הגם (שרייבט דער קארעספאנדענט) אזוינע חברות האט מען שוין ביי אונז נישט איינמאל געמאכט און זיי האבען נישט „מוציא שנתו“ געוועזען, האפען מיר, אז אונזער חברה וועט אייביג לעבען. ווייל יענע חברות האבען געמאכט אלטע אידען, און די חברה, ווי געזאגט — סאמע יונגווארג...

אלץ גלייכער, ווי גאנצע טעג אין ביליארד שפילען און בייי נאכט — איז קארטען וכו'...

און אזוינע פעסטע צדקה־חברות האבען מיר, ברוך השם, אין גאנצען גושן!

לינת הצדק, הכנסת אורחים, תקון וקוני ספרים און נאך, און נאך...

און די חברות וואלטען לאנג געלעבט און אפשר אויך מעהר הוצאה והכנסה געהאט, און ארעמע לייט, אויסער ביליגער מצה, ספרים און רעצעפטען, מיט נאך עפעס פארזארגט, ווען נישט די צוויי גרויסע „מניעות"...

ערשטענס, זענען די שטעדטלעך ארעם, אז עס פייפט!

צווייטענס, דער עול פון גוטע אידען!

וואס זאל מען טון? נישט פאהרען צום רבי'ן מיט א פדיון? קומט ע ר צופאהרען איז נאך ערגער! מוז מען נאך אפגעבען פאר הוצאות!

און ווידער פארקערט, וואס זאל דער רבי טון, אז מען קומט נישט צו איהם? נ י ש ט פאהרען! וואו נעמט מען פרנסה?

אט, למשל, דער ביאלער רבי! קיין רב קאן ער נישט זיין, ער איז, לא עליכם, קיין גרויסער למדן נישט; קיין מלמד א ו י ך נישט; א וייבער מענש, זאגט מען, קאן קיין קאנטשיג אין האנט נישט האלטען; ער האט נאך אפילו קיין איינציגען ציוניסט נישט געפאטשט! קיין זעלנער קאן ער אודאי נישט זיין; ערשטענס, נאך די יאהרען, צווייטענס, לא עליכם — הינקט ער!

און צו וואס קאן ער טויגען מיט זכות־אבות אין אלע ביינער, אין יעדען טראפען בלוט?

און די הוצאות זענען גרויס, א גרויסע משפחה... די רבי'צין מיט די שניר דארפען דאקטוירים, פאהרען יאהר־ביי־יאהר קיין אויסלאנד... און אז מען פאהרט קיין אויסלאנד, קויפט מען איין פארשידענע זאכען בזול; זאגט מען נישט אויס אויף דער גרענעץ—

א שאד אידיש געלט! טרעפט זיך אן אנטיסעמיט — באזוכט ער, קאסט נאך מ ע ה ר געלט!...

אין ביאלע מוז מען אויפהאלטען א ה ו י ף, אינמיטען א שעהנעם גארטען — דאס אלץ קאסט געלט!

זיצען אוןווארטען, ביז חסידים וועלען קומען מיט געלט, הייסט: זיצען ביים ים און ווארטען אויף שעהן וועטער! א גרויסע קאנקורענץ מיט רביים, וואס זענען פרה־ורבה כבני אדם, און מיט דאקטוירים, וואס באזעצען זיך אין די קלענסטע שטעדטלעך אריין! וואס זאל ער נעבעך טון? לאזט ער זיך ארום אויף דער וועלט... שלאגט ער אן, אויף דער רונד־רייזע, אין כעלם (לובלינער גוב.), ווייזט זיך דארט אויף בילעטען, א רובל פיערציג קאפ. א בילעט, און שלעפט ארויס פון קלוגען כעלם איבער טויזענט רובל!

איך ווייס נישט, צי איז אין כעלעם דעריבער בטל געווארען א גראשענדיגע „לינת הצדק", נאר פאר די באברויסקער נשרפים האט שוין כעלעם קיין גראשען נישט געהאט!

נאר כעלעם, אויב עס איז נישט באקאנט פאר איבריג קלוג, איז עס, וועניגסטענס, א כרך, וואו א איד, כאטש איינער אויף דרייסיג, האט פרנסה... און, ווי געזאגט, דער ביאלער רב — א איד אויף דער עלטער, וועט שוין קיין אנדער לעבען נישט קאנען פיהרען... און אויך, האט ער אפגענומען זיינס און אוועקגעפאהרען, און עס קאנען אוועקגעהן יאהרען, איידער ער אדער זיינס־גלייבען וועט קומען נאך אמאל שערען די לעמער, — אבער ראכעוו?

אויך לובלינער גובערניע, אן ארעם אפגעפאלען שטעדטעל, און געקומען איז א יונגער, צוויי און צוואנציג יעהריגער שנעק: „משה־מרדכי'לע ר' יעקב־לייבטשע טריסקערס א זוהן" און האט ארויסגעבאפט, אזוי שרייבט מען, א שארפען פדיון, און האט זיך נאך מישב געווען און בלייבט אין ראכעוו!

א יונגערמאן, אויב נישט לערנען, האלץ־האקען וואלט ער זי־כער געקאנט: און ברויכט עס נישט נויטיג: דער פאטער, זאל לעבען, „פיהרט" און „פראוועט" און מאכט געלט, און קאן געבען

„אייביגע קעסט“ — און איז דאַך געקומען שערען די אָרעמע לע־מער...

און ער האָט נאָך פריהער מודיע געוועזען, אַז ער ו ו ע ט קומען, און מען איז איהם אַקעגען געגאַנגען מיט גרויס שמחה, מיט גרויס פּאַראַד... און דאָס שטעדטעל איז איהם געפעלען: אַ טעלע־גראַף פאַר חולים און יולדות; אַ גוטער טראַקט, חסידים זאָלען קו־מען און ער זאָל ארויספאָהרען...

און פונדעסטוועגען איז ער אומזיסט נישט געבליבען! קהל מוז צוצאָהלען! פאַר דער שחיטה מוז די בהמה געבען מילך! קהל און רב האָבען געמאַכט אַן אסיפה, מען האָט דעם רבי'ן אוועקגע־געבען די הייזען, מען האָט פון זיינעטוועגען געהעכערט די שחיטה: דרייסיג קאָפּיקעס אויף אַ גסה, צוועלף אויף אַ דקה...

און ערשט דאַמאָלט האָט ער צוגעזאָגט צוריקצוקומען און באַ־זעצען זיך אין ראַכעוו...

און ראַכעוו — דאָס הייסט די ראַכעווער בעל־בת'ישקייט — איז צופרידען! אָרעמע לייט וועלען ברענגען פדיונות, און די גאַסט־הייזער און קראָמען און גאַרקיכען וועלען זיך הויבען...

נישט צופרידען איז נאָר די רבי'צין. אַז דער מאַן איז אהיים געקומען פון דער אסיפה, האָט זי איהם אָנגעכאַפּט ביי דער באָרד מיט אַ געשריי.

— שוטה איינער, בטלן! פאַרוואָס ביסטו ד ו קיין רבי נישט?

ק אַ נ ס ט נישט קיין תורה זאָגען, פדיונות נעמען?

קאָנסט נישט אָפּשפּרעכען קיין בוימאויל און לאָזען זיך אויפ־שרייבען קמיעות צום פאַרקויפען?

קאָנסט נישט אָפּשפּרעכען קיין עין־הרע, די אויגען פאַרגלייּ־פען, אָפּזיפצען און ענטפערען: גאָט וועט העלפען?

קאָנסט נישט מתפלל זיין?

און דער רב האָט חרטה. ער וואָלט שוין נאָכגעגעבען דער רבי'צין, עס איז אָבער, ליידער, צו שפעט! אצינד וועט מען איהם הערען, ווי אַ רב!

7.

26טען יוני, 1902.

זייט מיר מוחל, רבותים, — דורך א סבה, וואס ווענדט זיך נישט אן מיר, וועל איך אייך די וואך נישט אויסזאגען די נעמען, נישט פון די שטעדט און נישט פון די מענשען, פון וועלכע איך וועל אייך דערצעהלען... און איהר וועט דערפון קיין היזק נישט האבען, ווארים נישט די מענשען און נישט די שטעדט און אפילו נישט די „מעשיות“, וואס מען שרייבט פון די שטעדט, זענען דער עקר; דער עקר איז דער מ ו ס ר, וואס מען דארף זיך ארויסנעמען דערפון...

איהר ווייסט אודאי, אז עס זענען נאך פאראן אסך א ל ט ע מענשען, וואס טויגען שוין נישט אין דער נ י י ע ר וועלט אריין. און, אז אויסער דעם, זענען פאראן יונגע, נאר א ל ט ג ע־ב ו י ר ע נ ע מענשען, וואס פאסען נאך ו ו ע נ י ג ע ר פאר דער נייער וועלט...

אזא אלטער, אדער אלט געבוירענער יונגער מענש, לעבט אייביג אין טעות.

ער מיינט אלץ, אז א מענש דארף בטבע צו זיין „כלו מוקשה“ — שטאל און אייזען, כאטש מויערען דורכצוברעכען!

און א מענש, מיינט ער, מוז זיין „מעור־אחד“ — פון איין שטיק א גאנצער מענש; נישט קיין „כל־בו“, צוזאמענגעשטעלט פון שטיקלעך, וואס רייסען זיך פון איהם אפ ביי יעדען צוים, ביי יעדען נאגעל און דארן, ביז ער בלייבט נאקעט, ווי איין אפגעזענגטע גאנז!

און ש ט י ף דארף זיך א מענש האלטען; גלייך ער וואלט נאך קינדווייז, לכל הפחות צו בר מצוה, איינגעשלונגען א שטעקען, און דער וואקסט אינעווייניג מיט איהם צוזאמען!

און א וועג מוז האבען א מענש א ג ר א ד ע ן, אן איינאיינציגען גראדען וועג פון וויג ביז'ן קבר אריין; אנגעצייכענט פון אריסטו צי, להבדיל, פון „ראשית חכמה“ — אבי גראד, און מען

טאר נישט אפבויגען נישט רעכטס און נישט לינקס... ווייל פאר דעם קריגט אפילו בלעם׳ס אייזעל שמיץ!

איך מוז א מענש האבען א פעסטע אידעע, אויפ׳ן גאנצען לעבען א נשמה־יתרה, נישט גראד אין קוגעל־טאג. די נשמה יתרה — די אידעע מוז זיין דער ת ו ך פון זיין לעבען, פאר איהר דארף ער געהן אין פייער און אין וואסער; פאר איהר דארף ער גרייט זיין — אפילו ק ר ע פ ל ע ך אוועקצושטעלען! ווייל אהן איהר זענען קרעפלעך קיין קרעפלעך נישט, דאס לעבען — קיין לעבען נישט א. ז. וו.

און, אז פון יענער זייט גרענעץ איז צוריקגעקומען א לשון־קדש־שרייבער, א ד״ר אפילו, און האט א געשריי געטאן: להד״ם! איך הער אייך, ווי דעם רב! איך בין נישט ערב היינט פאר דעם, וואס איך האב נעכטען געזאגט, און קאן מארגען, אפילו נאר אייך להכעים, זאגען פונקט קאפויר ווי היינט; אידעען זענען קיין „שטאל און אייזען" נישט, קיין „גאסען־שטיינער" נישט; זיי לא־זען זיך בויגען, זיי לאזען זיך קנעטען, זיי דארפען זיך אפילו לא־זען גיסען — „אידעען מוזען פליסיג זיין", — איז געווארען א גע־רויש, א גערודער; איז מען דעם ארעמען ד״ר באפאלען, ווי די היישרעקען; האט מען געזשומעט ארום איהם און געביסען, ווי די ביהנען; האט מען געריסען פון איהם שטיקער, ווי קליינשטעדטעל־דיגע ציגען פון נידעריגע, פוילע דעכלעך; האט מען איהם ארומ־געלעגט מיט עסיג־בייסענדיגע קריטיקען, ווי מיט שפאנישע פלי־גען... און — געזידעלט האט מען איהם, רבונו של עולם! נאך ווי הייסט געזידעלט! עוכר ישראל, משוגעת, איבערמענש, אומרוה, לע־דערנער דישעל, ניטשע, דאכט זיך אפילו: פויל־דע קאק...

טאקע „כאחד הריקים" — ווי „אחד הריקים" זידעלט...

און וואס ווייזט זיך אויס?

אז דער ארעמער דאקטאר האט נישט איבערגעפעקעלט קיין נייעס, אז מען איז אויף איהם אומזיסט און אומנישט אנגעפא־לען — אז גאנץ תפוצות ישראל האט שוין לאנג „פליסענדע אי־דעען", און ממש ווי א וואסער!

פון א גרויסער שטאדט, וואס האט אסך רבנים, אלטע און נייע, שרייבט איינער (וואס חתמ׳ט זיך „יעקעל־יאקעל", נאר דאס

איז קיין אמת'ער נאמען נישט), אז ער איז געוועזען ביי איינעם פון די נייע רבנים אויף מלוה מלכה...

אנגעקומען איז ער, ווען דער רב האט פאר א גרויסען חסידי־שען עולם גערעדט וועגען ירושלים בפרט און ארץ־ישראל בכלל.

און ער האט שטארק געלויבט ירושלים... ע"פ מקרא, ע"פ ש"ס ופוסקים און אפילו על פי קבלה געלויבט!

„ירושלים — האט ער געזאגט — א שפאס, ירושלים! יעדער שטויב איז דארט היילינ, די לופט איז קודש־קדשים! און, כידוע ליודעי חן, שטעהט ירושלים פון אינטען פונקט קעגען־איבער דער ירושלים פון אויבען, אויב נישט פון זיבענטען הימעל!

און ירושלים — שטעהט פונקט אונטער'ן „צנור השפע" — פריהער ווערט געבענשט ירושלים וארץ ישראל, און דערנאך ערשט אלע אנדערע מדינות און — —

„ירושלים שטעהט טאקע אין טבור הארץ, פונקט אין דער אמת'ער מיט פון דער וועלט; ווייל עס איז דער שורש פון דער וועלט! און ווייל יעדע זאך ציהט צו זיין שורש (דאס האט אפילו דער ערל טמא אריסטו געוואוסט), דעריבער פאהרט מען, אויב מען געהערט צום אמת'ן שורש, קיין ארץ־ישראל שטארבען, און די מתים פון דאנען וועלען זיך אהין קייקלען גלגול מחילות, לעבענדיג צו ווערען!

„און דעריבער וועט ארץ־ישראל זוכה זיין אויסגעלעזט צו ווע־רען פון דער קללה פאר אדם וחוה'ס חטא!... ברויט און קליידער וועלען וואקסען אומגעפלאנצט, אומגעזייהט; בשעת ווען אין שאר־ארצות וועט מען אייביג דארפען די פויערען מיט די גראבע מאכלים און גראבע קליידער צו דער גראבער ארבייט!...

„און דאמאלט, אז משיח וועט קומען, און די קללה וועט אראפ פון ארץ־ישראל, וועט אויך אראפ די טומאה פון כל ישראל! און כל ישראל וועט עסען תרומה (פון וואנעט?) און כל ישראל וועט זוכה זיין צו קדשים... און אלע, אפילו נשים און תינוקות וועלען שטעהן ארום מזבח, זוכה זיין צו זעהן עין בעין די כרובים! און אפילו דאס קדשי־קדשים וועט זיין אפען פאר כל־ישראל...

„און דעם יצר־הרע וועט מען דאמאלט אויסרייסען דאס צווייטע אויג און א בלינדען וועט מען איהם פארטרייבען אין שאר־ארצות אריין...

„און די תורה הקדושה וועט צוריק זיין דער קאדעקס פאר כל ישראל... און די רבנים וועלען זיין די שופטים...“

און נאך, און נאך... — ער האט זעהר היים גערעדט, נאר די היץ אין שטוב איז גרעסער געווארען, און ער (יעקיל־יאקעל) איז אנטלאפען און האט איבערגעלאזט דעם דרשן מיט'ן גרויסען עולם אין איין שוויים, אין סאמעראדנע פייער...

— דאס הייסט חבת ציון, — האט יאקעל־יעקעל געטראכט!

אין א פאר טעג ארום האט ער זיך אבער נאכאמאל געטראפען מיט'ן איינגענעם רב! נאר שוין אין אן אנדער חברה. א געוויסער גביר האט אויפגעמויערט א נייע שול און געמאכט א חנוכת הבית. דער איינגענער רב האט גע'דרש'ענט, נאר פאר אן אנדער עולם, נישט פאר חסידים! ארום דער בימה זענען געשטאנען „קאפע־ליושען“, אפילו צילינדער, אפילו ווייסע שטרויענע היט, — ווארשעווער גבירים, ווארשעווער מיוחסים — שטאדט־לייט — דא־זארען!

און עס איז אויך א גרויסע היץ געווען, נאר דער רב האט גאנץ אנדערש גע'דרש'ענט. אפגעשטעלט האט ער זיך אויף „מה טובו“. אייגענטליך אויפ'ן „מה“ אליין; א שעה האט ער גערעדט „מה“־לשון און האט אויסגעוויזען מיט ראיות ברורות, טאקע מיט מופתים חותכים — אז ער קאן אזויפיעל דקדוק, וויפיעל א ווארשעווער תלמוד־תורה איינגעל ענגליש, און פלוצים, כמעט פון דער העלער הויט איז ער אריבער צו א גמרא: עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות — ארץ ישראל — טייטשט ער אוים אויף אידיש — וועט זיין אומעטום, אויף דער גאנצער וועלט, אין קרוין־פוילען אודאי!...

אויב יעקיל־יאקעל שרייבט אמת, צי הייסט עס נישט פליסיגע אידעען?

און נאך מעהר קונץ — פון א י י ן גמרא ארוים!

אז איהר וועט אין ווארשוי למשל, ארויסגעהן אין גאס אריין און פרעגען: אויף וואס באשטעהט אידישקייט? וועט מען אייך פארשידען ענטפערען, און לויט דער תשובה, וואס מען וועט אייך געבען, וועט איהר וויסען געגנוי, ווער דער מענש, וואס ענטפערט אייך, איז. וועט עמיץ שווייגען — איז עס גלאט א ווארשאווער... אבער טאמער ענטפערט מען אייך, אז אידישקייט שטעהט אויף

„עברית־בעברית“, זייט וויסען, אז דאס איז א רעדאקטאר פון א לשון־קודש'ער צייטונג, אדער א לעהרער פון א חדר מתוקן!

טאמער ענטפערט מען אייך: אויף מציצה! וועט איהר אליין טרעפען, אז דאס איז א ספעציאליסט א מוהל...

וועט איהר טרעפען אויף איינעם פון די פופצעהן צי צוואנציג ווארשעווער מקוה־האלטער, ביז איך אייך ערב, אז די תשובה וועט זיין: אויף נעגעל שניידען!

הלל הזקן, וואס האט געשטעלט אידישקייט אויף „ואהבת לרעך כמוך“ — איז שוין לאנג, מיט אלע תנאים ואמוראים, אויפ'ן עולם־אמת..

און טאמער טרעפט איהר אויף א ווארשעווער פרומען דיק־בייכיגען גביר און א גערער חסיד, וועט ער אייך, מיט א רינענדיגען מויל און א הייזעריגען קול פאר תאוה, ענטפערען: אויף כשר־פלייש, אויף אן אמת כשר שטיקעל פלייש!

און אזוי וועלען אייך ענטפערען אלע פרומע, דיק־בייכיגע חסידי'ש־גביר'ישע בעלי־בתים פון אלע שטעדט און שטעדטלעך, וואו די קבצנים ווערען דעריבער געיאגט און געפלאגט און טראגען דעם שווערען עול פון רבנים, דינים, שוחטים און אלערליי משגיחים אזוי לאנג, ביז זיי ווארפען איהם אראפ פון זיך אויף ארעמע לייט... נגידים עסען הינער און אינדיקעס!

און פונדעסטוועגען שרייבט מען פון א אידישער שטאדט אזא מעשה:

ביי אונז — שרייבט מען — איז פאראן א איד א שוחט (דעם נאמען, ווי געזאגט, היפער איך איבער...) מילא, א שוחט איז מן־הסתם א איד — א למדן, מן־הסתם א פ ר ו מ ע ר איד, א ירא־שמים מיט א זיכערער היפאטעק אויף אלע ש"י עולמות, א קליינינ־קייט א שוחט!

און אויף ד ע ר וועלט פעהלט איהם אויך נישט! ער איז פונקט א „צדיק וטוב לו“! און מיינט נישט חלילה, אז עס שפייזען איהם קראהען, אז מען ווארפט איהם אראפ פון הימעל, אדער ער ארבייט על פי קבלה מעשית; חס־ושלום! ער טוט טאקע די האנט אין קאלט וואסער אריין! אויף קעסעל און כלים ארבייט ער:

ערשטענס, איז ער דאך א שוחט; און א טאפעלטער שוחט;

מיט׳ן חלף און מיט דער צונג, וואס זאל שארפער זיין ווי א חלף! די צונג באנוצט ער אויסער דעם נאך צו שדכנות — אויך נישט קיין שלעכטער צושפרונג צו פרנסה! אויסערדעם האנדעלט ער נאך מיט ערדענע כלים... אחוץ דעם אלעם האט ער זיך נאך באשלא־סען אונטערצוהאלטען אידישקייט אין געשטאלט פון א שטיקעל אמת־גלאט־כשר פלייש, און האט זיך געעפענט — א יאטקע...

מהיכא תיתא, א שוחט איז דאך נישט ערגער פאר א קצב!

האט ער אבער, דער שוחט, ביי אלע מלאכות מיט אסך ברכות, קיין צייט נישט אליין אין יאטקע צו שטעהן, פארטרעט ער זיך ביסלעכווייז מיט א געוויסען „אנטאן", וואס הורתו ולידתו איז נ י ש ט בקדושה און קיין גר־צדק איז ער עד היום אויך נישט!

און רב־און־קהל, וואס פלעגט יאגען יעדען קצב פאר א חשש, פאר א שאטען פון א חשש־בחשש, שווייגט —

פאר די קצבים זענען זיי געוועזען „שטאל און אייזען", ביים טאפעלטען שוחט איז פון זיי געווארען א ווייך שטיקעל וואקס... גאר ווייך, גאר קנעטענדיג, כמעט פ ל י ס ע נ ד י ג...

אין אן אנדער שטאדט, אויך אן אמת׳ע עיר ואם בישראל, איז פאראן א שול, און א רייכע שול מיט כלי־כסף־וזהב, מיט מע־שענע לייכטער, מיט עטרות מיט גלעקלעך, יד׳ן מיט לאנגע פינ־גער, און מיט גבאים — גרויסע לייט, עהרליכע לייט, וואס, אז זיי דערהערען, אז עמיץ איז עובר אויף לא־תגנוב — פיו! אין קייטען אויף סיביר וואלטען זיי איהם געשיקט!

איינער א גבאי האט דעריבער טאקע אפילו א נאהנטען קרוב, א מענש אין געשעפט, פאר אביסעל גרעסערע הוצאות, וואס ער האט געמאכט אויפ׳ן וועג, פשוט איינגעזעצט... אן אנדערער ווייטער האט א ז ו י פיינט גנבים, אז ווען ער דערזעהט א גנב, בפרט ביינאכט, זאגט ער אליין, ווערט ער איבערגעצויגען, ווי מיט א געג־זענער הויט! ער קאן נישט! א שפאס „לא תגנוב!"... און דאס זע־נען פעסטע מענשען, ערנסטע מענשען, „שטאל און אייזערנע" מענ־שען, אויף זייערס א ווארט איז מויערען צו שטעלען, פון כשר׳ע

חלואה נישט צו רעדען! אומגעצעהלט צדקה־געלט! אז מען ווייסט, אז די לייט זענען בטבע שונאי־בצע, בפרט לא־תגנוב־געלט!

און צום סוף האט זיך אויסגעוויזען, אז די גרויסע לייט, די גביר'ישע גבאים, די קהל'שע מיוחסים, זענען אויך נישט „מעור־אחד"... שטיקלעך גנבים ש ט ע ק ט אין זיי!

ווארים, אז באברויסק איז אפגעברענט געווארען און מען האט געוואלט אויסרופען אין שול, מען זאל צוזאמענקלייבען נדבות פאר די נשרפים און אריינטראגען צו די גבאים, האט דער עולם געגנוג הויך געזאגט: לאו! מען האט זיך דערמאנט אין בריסק דליטא... בריסק דליטא איז אויך אמאל אפגעברענט געווארען; מען האט אויך אויסגערופען אויף נדבות, און מען האט ג ע ק ל י ב ע ן גדבות, און מען האט זיי אריינגעטראגען, די עטליכע מאות, צו די גבאים, און די גבאים — —

די גבאים, האט זיך אויסגעוויזען, זענען, ווי געזאגט, נישט מעור־אחד, האבען פ ל י ס י נ ע אידען מיט קלעפעדיגע פינגער און דאס געלט איז נעלם געווארען, דערטרונקען געווארען!

און ווי פליסיג מוזען זיין די אידען ביי א בעל־בתי'שען מסור?

אין א געוויסער שטאדט איז פאראן א איד א בעל־הבית, איז ער שוין אפגעוועזען אלץ אין דער וועלט. א קאנדידאט אויף אלער־ליי גבאות און אפטרופסות, א האלב — צי א דרייפערטעל־יעה־רינגער ציוניסט, סיי ווי סיי קומט איהם א רעשט פון א שקל... ער איז שוין געוועזען א הייסער חסיד און א קאלטער מתנגד, און סוף־כל־סוף, אז דאס אלץ האט נישט געהאלפען צום כבוד, איז ער גע־ווארען א מסור!

און א מסור בריש־גליה! האט ער אריינגעשריבען, וואו מען דארף, א בריוועלע, באשר בכן — די לעהרער פון דער שטאדטישער תלמוד־תורה זענען „סיציליסטען", לערנען עברית בעברית, פיה־רען איבער די קינדער, מאכען פון זיי זאל גאט היטען וואס... און האט מודיע געוועזען פון דער מסירה דעם רב פון שטאדט און די אפטרופסים פון תלמוד־תורה, זאלען זיי וויסען...

צעהן מאָל האָט ער זיך געביטען דער וואַקסענער „פּעניש“. איידער ער איז מסור געוואָרען!

און די פליסיגע אידעען האָבען נישט געשאַדט, נישט דעם „דוכאָווני“, וואָס בויגט זיך אין די דרשות, ווי אַ לעדערנער ריי־שעל, נישט דעם רב, וואָס האָט אַ אַנדער יורה־דעה פאַר׳ן שוחט׳ס פּראָם, נישט די גבאים, וואָס האָבען טיילמאָל פיינט גנבות, ווי טיילמאָל ליעב אַ גנבה׳לע, אפילו נישט דעם „אומרוה“ דעם מסור... זיי אַלע לעבען און לעבען, ווי עס פּאַסט פאַר „דוכאָוונים“, רבנים, גבאים און שעהנע בעלי־בתים... בפרט זייט מען האָט אויסגעשטראָ־כען „הלכות מוסר“... און פונדעסטוועגען — פּראָסטע מענשען שאַדט עס!

איך וועל אייך נאָך דערצעהלען אַ מעשה פון אַ שניידער אין פּראַגע, הינטער וואַרשוי... (פאַרפאַלען, איך האָב מיך אַרויסגע־כאַפּט! „וואָס עס איז אַנגעשריבען מיט דער פּען, זאָל אויסהאַקען ווער עס קען“) —

הכלל, אַ שניידער, און אפילו נישט קיין אמת׳ער שניידער, וואָ־רים ערשטענס, האָט ער קיין בגד אויפגעהען לחלוטין נישט גע־קאָנט; אָט אַ לאַטע לעגען, אַ רים צוצערען, עפּעס פאַר אַ דייטש אויסצופּרעסען, דאָס האָט ער געקאָנט. צווייטענס, האָט ער קיין שניידערשע טבע נישט געהאַט; נישט איבעריג געשוואוירען, נישט געשאָלטען, נישט איבערגעהאַלטען די צייט, נישט צופיעל געבעטען און — צוריקגעגעבען יתור, אפילו אַ פאַדעם!

האָט טאַקע דער עולם געגאַפט! בפרט, אַז מען איז געוואָר געוואָרען, אַז דאָס שניידערל קען אַ פּסוק חומש מיט רש״י, פאָהרט צו ר׳ צדוק׳לען קיין לובלין און קומט אהיים, און חזר׳ט איבער זיינע תורות, האָט מען זיך אודאי געוואונדערט... און פרומע ווייבער האָבען באַלד געקלערט: צי איז ער נישט אמאָל אַ נסתר — אַ למד־וואָו׳ניק?

ער האָט זיך אָבער זיינס געטאָן!

איינמאָל האָט זיך אָבער געטראָפען אַזאַ מעשה: אַ אידענע אַ שמחה איז שווער געגאַנגען צו קינד, קיין דאָקטאָר איז נישט

געוועזן, קיין אקושערקע אויך נישט, די קולות זענען געגאנגען עד לב השמים, און דער מאן איז ארומגעלאפען פאר דער שטוב, ווי משוגע, און אונזער שניידערל איז פונקט אהיימגעגאנגען פון גאס מיט א פאר מכנסים צו פארלאטען, און האט'ן געטראפען, און גרויס רחמנות געקריגען, און אנגעכאפט דעם שכן ביי דער האנט, און גע־זאגט ערנסט און מיט'ן גאנצען הארץ: וואס לויפט איהר ארום ווי משוגע? מען טאר נישט! גאט וועט העלפען! א מענש מוז בטחון האבען! און גאט האט געהאלפען — — איז שוין געפאלען אויפ'ן שניידערל א חשד, אז ער איז פארט קיין פראסט שניידערל נישט...

דערנאך, אז די מקשה לילד איז געזונט געווארען, פלעגט זי שטענדיג, ווען זי איז נאר דורכגעגאנגען פארביי דעם שניידערלס פענסטערל, ארייננווארפען אן אויג, צי וועט זי נישט עפעס דער־זעהן, צי טוט ער נישט עפעס בסוד, עס מוז פארט אינ'ם שניי־דערל עפעס שטעקען!

און איינמאל האט זי דערזעהן...

עס איז געוועזן א שעהנער זומער־טאג, א הייסער ליכטיגער נאכמיטאג! און דאס ארעמע שניידערל איז זיך געשטאנען ביי זיך אין שטיבעל ביי דער וואנט און האט געדאווענט, מן־הסתם מנחה, און אין דער הויך אויפ'ן שווארצען סופיט, פונקט איבער זיין קאפ, האט געטאנצט א ווייסער פלעק, א ליכטיגע קרוין!

אין א שעה ארום האט גאנץ פראגע געוואוסט, אז ווען דאס שניידערל איז „מתפלל", שטעהט איבער זיין קאפ א ברענענדיגע גאלדענע קרוין... און זי טאנצט, און שאקעלט זיך, אזוי ווי זיין קאפ שאקעלט זיך!

א טאג שפעטער האט די אייגענע אמאליגע מקשה לילד ווייטער ארייננגעקוקט אין פענסטערל צום שניידער און ווייטער גע־זעהן, ווי די אייגענע „ליכטיגע קרוין" טאנצט אויפ'ן אייגענעם ארט אין סופיט, כאטש דאס שניידערל דאווענט נישט, און זיצט גאר ערגעץ און לאטעט אויף א דארף; צום דריטען טאג איז דאס שניי־דערל שוין צוריק אין דער היים געוועזן און האט ווייטער געדא־ווענט, צי מתפלל געוועזן, נאר קיין ליכטיגע קרוין איז איבער זיין קאפ נישט געוועזן, נישט געציטערט, נישט געטאנצט, ווייל עס איז קיין זון נישט געוועזן... עס האט גערעגענט!

די אידענע האט פארשטאנען, וואס דאס באטייט. נאר עס איז שוין צו שפעט געווען — גאנץ פראגע, אלע ווייבער, אקסענהענדלער, קעלבער־טרייבער און לעדיג־געהער, האבען שוין געוואוסט, אז דאס שניידערל איז קיין פראסט שניידערל נישט, אז ווען ער איז מתפלל, שטעהט איהם א ג א ל ד ע נ ע קרוין אויפ׳ן קאפ!

איין שניידערל, וואס האט נישט געגלויבט! וואס האט זיך געהאלטען „שטאל און אייזען" דעריגען, אז ער איז נישט מעהר ווי א שניידערל", אז ער וויסט נישט פון קיין קרוינען; — אז יתור פון לאטעס גיט ער אפ, ווייל ער האט זיי נישט וועמען צו פארקויפען, מען קאן דערפון אפילו קיין קינדעריש היטעלע נישט מאכען, אז ער אליין פאהרט צו ר׳ צדוק׳לען...

עס האט אבער נישט געהאלפען. ער איז אנטלאפען, און די ווייבער, מיט די אקסענהענדלער, מיט די קעלבער־טרעגער, זענען איהם נאכגעלאפען; איבער וואלד און איבער פעלד, איבער בארג און איבער טאל, ביז זיי האבען איהם געכאפט, גענויט, פשוט מאנס געווען! און זיי האבען אויסגעפיהרט! דאס ה א ר ט ע שניידערל איז ו ו י י ך געווארען, זיין שטאנדהאפטיגע ע ה ר ל י כ־ ק י י ט האט זיך געבויגען, איבערגעקנעטען, ווייך געווארען און צוגאסען. און ער איז געווארען, וואס מען האט פון איהם געוואלט, און ער גיט עצות מיט קמיעות, און נעמט מטבעות עד היום הזה... נאר געשאדט האט עס איהם!

פליסיגע אידען זענען אפילו א סגולה צו פרנסה, טיילמאל צו עשירות אפילו... אבער דער נשמה, בפרט א פראסטער שניידערשער נשמה שאדען זיי!

מען האט׳ן אזוי לאנג געבויגען, געקנעטען, ווייך געמאכט, ביז ער האט באקומען „פליסיגע אידען", ביז די פליסיגע, אמאל פעסטע שניידערשע נשמה, האט זיך איהם אויסגעגאסען, ווי וואסער, און עס איז איהם טרוקען געווארען אויפ׳ן הארץ, אין האלז, אין אלע איברים, און ער האט אנגעהויבען צו טרינקען, זוכען זיך נייע פליסיגע נשמות אין גלעזעל, אין קווארטען, אין גאנצע שטאפען...

און ער טרינקט, ווי נישט קיין מענש. חסידות׳טעס זאגען: ווי א מלאך; מתנגדים: ווי א פויער... און וואלגערט זיך שכור׳ערהייט אין די גאסען, ווי גאר עפעס אנדערש...

און די פרומע ווייבער זאגען: גאָט ווייסט, וואָס ער זוכט...
און איך וויים: די אלטע נשמה זוכט ער!
אזוי, אזוי, ברידער: פלישיגע אידעען זענען א מעלה ביי פי־לאָזאָפען; זיי קומען צונוץ און זענען געזונט פאר רבנים, כלי־קודש, פיינע בעלי־בתים, אָבער פּראָסטע מענשען, שוסטער, שניידער צי אַנדערע בעל־מלאכות, זיי שאדען זיי.
נישט דעם גוף — דער נשמה שאדען זיי.
מען פאַרלירט באלד די נשמה. —

8.

3טען יולי, 1902.

דעם פרייטאג, ווי אלע פרייטאג, זייט איך בין מגולגל גע־ווארען אין א „ביהן“, האב איך מיך גענומען צו מיין זיסער ארבייט.

איך האב מיר אנגעלעגט א גרויסען בארג צייטונגען, א קליין בערגעל בריף, איינגעטונקט די פעדער און — —

דין־דין־דין!

עס קומט אריין א גוטער באקאנטער, א יונגערמאן. ער זעהט, וואס איך טו, אייגענטליך — וואס איך וויל טון, און פארציהט די נאז:

— ווייטער?

— מען מוז!

— ניין, — דעם אמת זאגענדיג, עס איז נישט פאר דיר, דו ביסט א צו אלטע ביהן, גיסט וועניג האניג, דערפאר בייסען — בייסט דו צופיעל; די גאל וואקסט מיט די יאהרען; דאס הארץ, אפנים — נישט! לאז א יונגערען אויף דיין ארט... לאז ער קוקען אויף שטעדט און שטעדטלעך מיט העלערע אויגען...

— מיט ראזיגע ברילען?!

— זאל זיין אזוי! ביי דיר ווערט שווארץ פאר די אויגען.

עס איז באקאנט: א גוטער פריינד זאגט מוסר; א איך קאן בעסער...

— אדרבא — זאג איך — פרואוו דו אמאל, פארטרעט מיך איינאיינציגע וואך... זעץ דיך.

ער שמייכעלט און זעצט זיך. „נא — דא צייטונגען, דא בריף — ארבייט! פאפיר, ווי האלץ!“

איך געה שפאצירען...

איך האב אפגעשפאצירט, אפגעדריקט הונדערט פארשוויצטע

הענט, חרב געמאכט א קאפּעלוש מיט גריסען זיך, אויסגעפּלוידערט „וואס נאר אין דער קווארט" און קום צוריק — — —

מיין פרעהליכער יונגערמאן זיצט זויער, ווי א ציטרין; א טרוקענע פעדער אין האנט, א לערער בויגען פּאפּיר פאר דער נאז... די צייטונגען מיט די בריף צוואווארפען...

— נו!

— ווייניג מאטעריאל...

— איז נישט! — ענטפער איך, מכלומר'שט קאלטבלוטיג... און גלאט פרעג איך — וואס הערט זיך נייעס?

— אין מאסקווע וועט מען אפשר יא צונעמען אידישע סטור־דענטען... קיין סלאוויאנסק לאזט מען נישט קומען... אין מאסען גימנאזיעם נעמט מען קיין אידישע פּאפּירען נישט צו; עס זענען געבליבען צעהן פּראצענט פון פאר־יאהרען...

— נו, דאס ווענדט זיך נישט אין אונז... אבער פון אונזער צד...

— פון אונזער צד — זייערט ער פון צווישען די ציין — צוויי „סצענקעס"...

— למשל?

—אין הייסין (פּאדאלער גובערניע) געהען ארום צוויי יונגע לייט, אפשר בחורים, צוזאמענגעמען נדבות אויף באברויסקער נשרפים. זיי קלינגען אן ביי א גרויסען עלעגאנטען הויז, מען לאזט זיי אריין אין פּאדער־שטוב. פון סאלאן הערט זיך א ויכוח. דער גביר רעדט הויך מיט דער גבירה. עס געהט וועגען „יא געבען, נישט געבען" — ערשטענס, באברויסק — מעבר לים, און צוויי־טענס — ווער געהט? יונגע־לייטלעך, אודאי אפּיקורסים, לכל הפּחות — ציוניסטען, נאציאנאליסטען און אפשר גאר „סיצילים־טען"... נישט געבען איז אויך נישט גלייך... צום שלים־מזל קאנען די יונגעלייטלעך שרייבען. באלד וועלען קלינגען די גאזעטען... אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז עס איז געבליבען, די גבירה זאל ארויס־טראגען צוואנציג קאפּ.... ארייגלאזען די „שקצים" א ו ד א י נישט! און די גבירה האט גענומען ביים גביר פיער צעהנערלעך און איז ארויסגעקומען צו די יונגעלייט אין פּאדערהויז אריין, און דערלאנגט א ג י ל ד ע ן! א צעהנערל האט זי זיך באהאלטען...

— און זיי האבען גענומען?

— גענומען, פאר א מצוה געהאלטען...

— און די צווייטע סצענע? — פרעג איך.

— די צווייטע באשרייבט דער הוראדנער רב.

— דער הוראדנער רב שרייבט סצענקעס?

— עט... עס געהט וועגען דעם, וואס מען באשולדיגט די רבנים, אז זיי פיהרען שלעכט די מעטריק־ביכער... פארשרייבען „נח מיט זיבען גרייזען" די לעבעדיגע, מעקען נישט אויס די טויטע; לויט זייערע ביכער האבען חתונה באווייבטע מיט אשת־איש'ן, עס גט'ן זיך בחורים מיט בתולות... מיט איין ווארט א מיש־מאש מיט גרייזען, און „ר' יעקב משלם", מען צאהלט קנס פאר נישט געשטויגענע אינגלעך!

— געוויס!

— איינער, למשל, האט א י י ן זוהן, קוים געקריגען א בן־זכר, אויף א צווייטען אזוי גיך רעכענט מען נישט, ד ע ר איז אנגעקומען מיט.... מיט דער הילף פון דאקטוירים און רביים. גיט ער איהם כאטש צוויי נעמען; נאך ז י י ן פאטער און נאך א י ה ר פאטער... דער רב האט קיין צייט נישט, פארשרייבט ער דערווייל איין נאמען... דער בן־זכר וואקסט, האט חתונה, מאכט מען אן אקט, פארשרייבט דער רב אויך נאר איין נאמען. נאר פונקט דעם צווייטען... פון איין זכר ווערט דעריבער צוויי... און שפעטער באצאהלט ר' יעקב זעקס הונדערט רובל קנס, בשעת ווען דער איינציגער בן זכר איז אויפ'ן עולם אמת, אדער ער האלט מלחמה אלס ענגלישער סאלדאט מיט די בורען, אדער אלס ארגענטינער קאלאניסט — מיט'ן היישעריק, און ר' יעקב האלט אויף אן אלמנה צי אן עגונה מיט קינדער...

— דאס שרייבט דער הוראדנער רב? דער ע ו ל ם הויבט אן זיך אליין צו שמייסען?

— ניין, דער הוראדנער רב זאגט, אז דאס אלץ איז א מ ת, נאר נישט די רבנים זענען שולדיג, ער שטעלט פאר א סצענע:

עס קומט אריין אן אלטע אידענע:

— גוט מארגען, רבי.

— גוט יאהר. וואס פארלאנגט איהר, בעל־הבית'טע?

— א שעהנע בעל־הבית'טע, נאר נישט אין דעם בין איך

אויסען... כ'האָב נישט קיין צייט, נישט דעם קאָפּ דערצו... אַט ליגט אַ יולדת, אַ טיר־אַן־טיר, אַהן, אומשטיינס־געזאָגט, אַהן אַ העמד...

— ווילט איהר, הייסט עס, אַ נדבה?

— חלילה... און אפשר דאָס אויך — נאָר דערוויילּ בין איך געקומען פאַרשרייבען דעם בן־זכר... אַ שעהנער בן־זכר — שעהן ווי אַ ציטרין, נאָר פאַרשרייבען מוז מען דאָך... משה'לע הייסט ער...

— און וואו איז דער פאָטער?

— וואו ער איז? איך ו ו י י ס, וואו ער איז! אוועקגע־פאָהרען איז ער! זיין נאָמען, רבונו של עולם, זאָל אהיים קומען! איבערגעלאָזט אַן עגונה מיט קינדער און אין אכטען חדש... הייסען הייסט ער, דער פאָטער, יענקעל...

אַז „יענקעל“, קאָן זיין יעקב; עס קאָן אויך זיין יאקוב; עס קאָן זיין: יעקעל, יאָקעל; אמת, — עס קאָן זיין „יענקעל“ אויך...

— ניין, בעל־הבית'טע, אַזוי שרייבען קאָן מען נישט. האָט איהר נישט זיין מעטריקע, אָדער אַן אנדער כתב, מען זאָל וויסען, ווי ער הייסט? אקוראַט, ווי אַזוי ער שרייבט זיך!

— אַ נייער רב — זיפצט די אידענע — מיט נייע גזרות! וואו זאָל איך נעמען כתבים? איך בעט אייך, רבי, צי האָב איך צייט דערצו? עס ליגט אַ יולדת, עס נאָגט זי ביים הארץ, איך בין אַ פרעמדע, נאָר פאַר רחמנות... נו, זאָל איך אייך זוכען כתבים? איך בעט אייך, רבי, אויף גאָטס בּאַראָט האָב איך זי איבער־געלאָזט...

דער רב פּרואווט זיך נאָך!

— אַהן דעם קאָן מען נישט! — שטעלט ער אָן אַ שאַרף פנים מיט אַ הארטען קול...

— גאָט איז מיט אייך, רבי — צוגיסט זיך די אידענע — צי זייט איהר קיין איד נישט, צי האָט איהר קיין אידיש הארץ נישט? איהר זייט אַזאַ מחותן מיט דער זאַך, ווי איך... פאָהרט א י ה ר קיין אמעריקא זוכען ביים ימח־שמו'ניק כתבים... וואָס ווילט איהר פון מיינע אַלטע יאָהרען, נעכט שוין נישט געשלאָפען!

און דער רב פאַרשרייבט, אַז אַ זוהן געהאָט האָט „יענקעל“.

— אַ ברירה האָט ער?

דערנאָך וועט זיך אויסווייזן, אַז אַ נאָמען געגעבען האָט מען איהם „עקיבא“, פאַרשריבען אויף אומות העולם לשון האָט מען קובא. פון קובא איז שוין געוואָרען יאַקוב, און פון יאַקוב — ביי שלעכטע צייטען, וואָס איז די גדולה? קראַנק צו הייסען פּראָסט יענקעל? אויך אַ מיוחס, אַהן אַ ביסען ברויט אין מויל...

— קאָן זעהר זיין...

— געווים, אַסך אמת שטעקט דערינען... פונדעסטוועגען...

מיין יונגע ציטרין שווייגט, איך אויך. מוסר זאָגען איז אין שטעדט־און־שטעדטלעך קיין אָרט נישט.

— און אַזוי, וואָס הערט זיך? — פרעג איך ווידער איבער אַ ווײַלע אַרום?

— פון קאַנעלע, קיעווער גובערניע, שרייבט מען אַ מזל־טוב. מען האָט געעפענט אַ נייע קלויז, אַ טאַלנער קלויז!

— שולען און בתי מדרשים פעהלען!

— נישט אין קאַנעלע! לויט מען שרייבט: אַ גרויסע שול, אַ בית־המדרש, אַ מאַקאַרעווער מנין. אומעטום גרוים. מען שוויצט נישט אפילו יום־כפור צו נעילה! מען באַגראָבט אין כמעט ווייסע טליתים...

— וואָס דען?

— אַ מעשה: „כבודים פאַר מכובדים“ — אַ נייע קלויז — צוויי נייע גבאים; אחוץ גבאים, — צוויי נייע משגיחים, מען זאָל נישט רעדען ביים דאַווענען!

— און נייע מחלוקת וועגען פעטע עליות...

— מחלוקת פעהלט סיי־ווי־סיי נישט! ע ר ש ט ע נ ס, איז אַ פּראָצעס וועגען אַ ירושה... אַ איד איז געשטאָרבען און איבער־געלאָזט ח"י זהובים ירושה... דערויף צוויי זיהן... איינעם אויפ'ן אָרט, דעם צווייטען אין ירושלים; אַנטלאָפען פאַר „גלגול מחילות“... דער היימישער האָט צוגענומען די ג אַ נ צ ע ירושה; קהל שרייט, אַ רחמנות אויף אַ ירושלים־איד... מען לאָזט דעם גזלן נישט דאַווענען בצבור! טייל האַלטען פון גזלן'ס צד...

צ ו ו י י ט ע נ ס, האָט גאָט אַראָפּגעשיקט אַ פייער און אין זיין גרימצאָרן פאַרברענט דאָס באָד — לכל הפחות — אַן עסק אויף יאָהרען...

— און דריטענס?

— דריטענס? לאזט זיך אביסעל הערען וועגען א גירוש... די שטאדט איז נישט זיכער שטאדט.... קהל הענגט אויף א האר! מיר שווייגען ווייטער א ווײלע.

איך וויל דאך מיין יונגען גוטען פריינד אויסנוצען אינגאנצען און פרעג:

— און וואס הערט זיך וועגען צדקות, וועגען נייע חברות, וואס טוען אונזערע יונגעליים?

— אונזערע יונגעליים הויבען זיך און פאלען...

אין פלאצק (פוילען) האבען יונגעליים געגרינדעט א לעזע־ביב־ליאטעק... א ל י י ן געקויפט, פון „מרבי השכלה" ספרים באקו־מען... שוין טויזענט ביכער געוועזען... אבאנענטען א הונדערט, לע־זער — כפל־כפלים, ווי דער שטייגער איז! דער יונגער עולם איז אבער, שרייבט מען, מיד געווארען, די ביבליאטעק פאלט...

אין ווילנא (ירושלים דליטא) האט מען פארמאכט די אידישע אווענט־שולע; עס איז קיין געלט נישטא צו פיהרען...

— צו אווענט־שולען דארף מען דאך „קליין־געלט", דירה קאסט נישט, אומזיסטיגע לעהרער געפינען זיך... וואס? באלייכ־טונג, לעהר־מיטעל...

קליין געלט פעהלט אויך אמאל... אין דימער (קיעווער גובער־ניע) זענען אפגעפאלען יונגע־לייטשישע „בקור חולים", „גמילת חסדים", „לחם אביונים" — געבליבען זענען, די בשורות טובות. וואס מען האט געדרוקט, ביים עפענען, אין די צייטונגען; געבלי־בען זענען די ארעמע לייט; געבליבען זענען אויך די א ל ט ע חברות: חברה קדישא, חברה משניות, עין־יעקב, „שומרים לבקר", חברה תהלים...

אין מאלין (אויך קיעווער גובערניע) האבען זיך פאר א פאר יאהרען די יונגעליים אויפגעכאפט, אוועקגעריסען זיך פון פרעפע־ראנס און סטוקולקע און „ראזוויוואיען" דורכאוים אידישע טעכ־טער, און געגרינדעט א תלמוד תורה... אויך פאר קליין געלט. דער לאקאל — די ווייבערשע שול; מלמדים, ווי געוועהנליך, בחצי חנם: משכילים — לעהרער אומזיסט, סאמע „פאטשאטנע"... עס האבען זיך אנגעקליבען איבער הונדערט ארעמע קינדער... צוזא־מענגענומען אלטווארג, אביסעל צוגעקויפט און געקליידט...

עס האט אבער נישט לאנג געדויערט, דער יצר־הרע פון קאר־

טען און אידישע טעכטער „ראזוויוואיען“ איז גרויס; יונגעלייט זע־נען אויך צוריק צו זייער ארבייט, און אין דער ווייבערשער שול זיצען אפגעריסענע הונדערט תלמוד־תורה־קינדער און קוקען, ווי די תלמידים זיצען און טרינקען טיי מיט צוקער. דאס איינציגע, וואס די ארעמע קינדער קאנען זיי ברענגען...

— און שוין?...

— כמעט שוין... עטליכע פראצעסען... אידען פאהרען קיין פעטערבורג און מאסקווע אהן ערלויבניש און דער מיראוואי פסק'ט פנס, צעהן רובל, פופצעהן רובל, ווי אמאל, ווי וועמען...

ווארשעווער אידישע שפיטאל־דאקטוירים פראצעסירען זיך מיט ווארשעווער קהל, מען זאל זיי באפרייען פון אפצאהל אויף קהל'שע זאכען. ערשטענס, זענען זיי „געענדיגטע“ און וואלטען אין דעם איבריגען רוסלאנד נישט געצאהלט קיין קאראבקע; צוויי־טענס, זענען זיי „טשינאווניקעס“, און טשינאווניקעס זענען על־פי־דין פטור פון אלערליי אפצאהלען... „אקושארקעס“ אין ליטא און אין דרום־רוסלאנד פיהרען פראצעסען געגען בעל־טאקסעס, באשר בכן — זיי זענען אויך „געלעהרטע“ און עס קומט זיי כשר פלייש אהן „קאראבקע“ אויף אידישע זאכען... א פראצעס אין אדעס צווי־שען צוויי מוהלים וועגען א בלבול... אז אלטער מוהל אהן א פאר־טוך, אהן דעזינפעקציע און אהן וויזיט־קארטען, האט מוציא־שם־רע געווען אויף א נייעם מוהל מ י ט א פארטוך, וויזיט־קאר־טען, דעזינפעקציע און א גאנץ קעסטעל כלים פאר זיך, — אז ער, דער נייער מוהל, כאטש ער דרוקט אויף זיינע וויזיט־קארטען: „ספעציאליסט, אידישער ריטואל אפעראטער“, קאן נישט אויסצי־הען קיין מעסערעל... און דער נייער מוהל האט זיך געפונען באליי־דיגט און „איינגעגעבען אין סוד“...

— וואס נאך?

-- אין פאלטאווע וועט זיין א גרויסער משפט... א משפט פון אן ארגאניזירטער באנדע צו באפרייען פון מיליטער מיט דער הילף פון פארשידענע קונצען, אלערליי קראצערייען און פארריכטערייען אין מעטריקעס און ביכער, ווי אויך פון פארשידענע קינסטליך גע־מאכטע פעהלערען...

די באפרייער, נאטירליך, זענען נישט קיין „בני־ברית“, צום סאמעראדנע שטראדעל לאזט מען קיין איך נישט צו — אבער די

מעקלער, די דאקטוירים: האלווערג, נאבינסקי, גאלבערג, — דאס זענען שוין אידען... ס'רוב באפרייטע אודאי...

— נא!

און ער ווארפט אוועק די פעדער און שטעהט אויף פון ארט.

— שרייב דו!

איך זעץ מיך גאנץ רוהיג אויפצושרייבען דאס געשפרעך.

— עקר שכחתי — גיט ער צו — די השכלה געהט, זי פאהרט... זי איז שוין געקומען אפילו קיין ירושלים... עס האט זיך דארט א ווייבעל גע'סמ'ט!

— פארוואס?

— דער מאן האט זי נישט געוואלט גט'ן...

און ער אנטלויפט מיט מאדנע־פינטעלדיגע אויגען...

9.

10טען יולי, 1902.

אלץ איז אנשטעקענד, אלץ געהט ווי אן איבערגאנג, נישט גאר שרפות, נישט גאר קרענק...

פאטשט מען זיך אין סאנדעגירער קלויז אין טשודנאוו איבער אן עליה, פליהען באלד פעטש, ווי האלץ אין דער גרויסער שול איי־בער א קלפי... אין דער גרויסער שול, ווי דער מנהג איז ביי קלפים, האט זיך געגאסען בראנפען און בלוט, און בעלי־בתים זענען ארומ־געלאפען ווי נישט דערקוילעטע געגז, און צו דער סאנדעגירער קלויז זענען זיך צוזאמענגעפלויגען גאנצע מחנות שוואלבען אויפצוקליי־בען די אויסגעריסענע האר פון חסידי'שע בערד, אלס דאס פיינס־טע מאטעריאל צו נעסטען...

און אזוי פאטשט מען זיך אין גאנץ תפוצות ישראל...

און פונדעסטוועגען, ביי דעם גאנצען גע'רעש און געפילדער, שלאפען איין צדקה־חברות. די קולות געהען עד לב השמים, מחנות שופטים ושוטרים ווערען אויפגעשטעלט אויף די פיס, און חברה־לייט פון אלערליי צדקות ליגען און שלאפען אזוי רוהיג, אזוי פיין, אז מען הערט נישט זייער פארע...

אין דעם אייגענעם טשודנאוו, למשל, וואו עס קאכט „אויף קעסעל און כלים", וואו די שענסטע בעלי־בתים געהען ארום מיט פינף־פינגער־פארטרעטען אויף די פנים'ער און שרייען אויף די ציין, איז איינגעשלאפען א גאנצער קאמיטעט, וואס איז ערשט נישט לאנג געגרינדעט געווארען צו הילף פאר ארעמע קימפעטארינס... אין ווילנא זענען איינגעשלאפען די אווענט־שולען פאר בעלי־מלאכות, אין ווארשוי שלאפען אלע ציוניסטישע רעדער און רעד־לעך וכדומה —

ווערט אז „איבערגאנג" אויף שלאפען, איז פארפאלען, וועסט דו מיט הארמאטען נישט וועקען!

און אז מען איז מודיע פון קאוונער ישיבה אויף סלאבאדקע, אז די משגיחים האבען אויסגעשלאסען (אויף פראסט אידיש —

ארויסגעווארפען) כמעט דריי־פיערטעל בחורים פאר ציוניזם און דערביי מיט א צירקולאר מודיע געווען די עלטערען, אז די קינדער זייערע, זייער גאנצע פרייד און האפנונג, זייערע קדישים און שטו־לען אין גן־עדן, זענען ארויס לתרבות רעה און געווארען ערגער ווי געשמד'ט; אז מען האט אין דער אייגענער ישיבה געמאכט א תקנה, נישט צוצונעמען צום נייעם „זמן" קיין בחורים, וואס וועלען נישט שווערען בנקיטת חפץ, על כל פנים געבען „תקיעת־כף", אז זיי וועלען נישט האבען קיין „מגע־ומשא" מיט מעשה־ביכלעך, דקדוק, תנ"ך און קאלאניאל־באנק — — קומט באלד דיזעלבע ידיעה פון טעלז, און פון מיר הערט זיך נאך שענערס: דארט האט מען געכאפט א בחור מיט א שערעל ביי דער בארד, און דערגאנגען איז מען, אז די רעשט תלמידים זענען אויך, נישט פאר אייך געדאכט, אנגעריהרט, — האט מען דעם גאנצען עולם מיט אמאל „מקים פסק" געווען: מען האט אריינגערופען פופציג גאס־סען־מענשען, טרעגער און אזוי ארבייטער, און מען האט דורכגע־שמיסען גאנצע צוויי הונדערט תלמידים, און די ישיבה פארמאכט!

און אז עס הערט זיך פון אמת'ן ירושלים, אז די אפגעלעבטע אלטע אידען, וואס זענען אהינגעקומען שטארבען, ווי־לען באין־אופן נישט אפטרעטען דעם יונגען דור, האלטען זיך, אלס סגולה געגען מלאך־המות, מיט אלע פיער ביי די הערנער פון מזבח; און האבען, ווי אויף להכעיס, חתונה מיט יונגע מיידלעך, געקויפ־טע פאר קליין חלוקה־געלט און א חלק לעולם־הבא, און ארבייטען מיט געניי־ערטע כחות אויף „חזוק הדת" מיט פאשקווילען, קללות און חרמות, און מסירות; — שרייבט מען באלד פון ירושלים דליטא, אז דארט האבען עהרליכע פרומע אידען גע'מסר'ט די סטראשונער ביבליאטעק ביי דער אלטער שול, באשר בכן, אין איהר געפינען זיך אחוץ ש"ס ופוסקים נאך אנדערע אידישע ספרים אויך, און — מען האט די ביבליאטעק פארמאכט!

איין וועלט — איין איבערגאנג...

נאר עס זאל זיך טרעפען, אז דאס רוב קארעספאנדענטען פון א וואך זאלען ענדיגען זייערע בריף מיט פראגע־צייכען, אז אלע זאלען פרעגען: פארוואס? אויף דעם וואלט איך מיך נישט גע־ריכט... עס דערמאנט אפילו אין „מה־נשתנה", וואס האט אויך גע־דויערט א גאנצען חודש, אבער אזויפיעל „פאר וואס'ען"?

און דאך האט זיך עס די וואך געטראפען. ווי איהר וועט באלד זעהן.

„פארוואס" איז אויך אן איבערגאנג!

די „טאקסע", ווי איהר ווייסט, איז א פארשלעפטע, אלטע קרענק.

טייל אלטערטומס-פארשער קלערען, אז אויב זי איז נישט משׁשת ימי בראשית, און די בעלי־טאקסע זענען נישט באשאפען געווארען צוזאמען מיט די מלאכי חבלה ערב שבת בין השמשות, איז די מכה דאך עלטער פאר דער „תוכחה"; זי איז שוין אין מצרים געווען. ערשטענס, על פי שכל: וואו עס איז פאראן א ג ו ש ן, מוז זיין א ט א ק ס ע — א ב א ז ו נ ד ע ר אפ־צאהל אויף ב א ז ו נ ד ע ר ע צדקות, כלי־קודש און בית־עלמין'ס... צווייטענס, אם אין ראיה לדבר יש זכר לדבר — עס איז כמעט ווי געדרונגען פון א פסוק: „זכרנו את הדגה" שטעהט; די ארעמע, הונגעריגע אידען האבען זיך דערמאנט אין וויסטען מדבר אן די פ י ש, וואס זיי האבען אין מצרים געגעסען. פארוואס נישט פלייש? אפנים, עס איז א טאקסע געווען, און מען האט ביי־נער געגעסען, נישט קיין פלייש...

און פונדעסטוועגען פרעגט מען פון רעטשיצע (מינסקער גוב.) צוויי מאל פ א ר ו ו א ס.

איינמאל: פ א ר ו ו א ס קאסט פארט אין אזא קליין שטעדטעל צוואנציג קאפ. א פונט ביינער? און דאס צווייטע מאל נאך א הארבערע שאלה: פ א ר ו ו א ס ווערען די לעצטע צייטען די בהמות פון פריי־קצב'ישער שחיטה דאס רוב טריף, און די בהמות פון בעל־טאקסעס שחיטה זענען אלע כשר און כשר?

און איידער איך האב צייט זיך מישב צו זיין, פ א ר ו ו א ס זאל טאקע אין גאנץ תפוצות ישראל אראפפאלען דאס פלייש פון ארעמע אידען און צוקלעפען זיך צו די בעלי־טאקסעס און ז י י־ע ר ע קצבים, שוחטים און רעשט כלי־קודש, פרעגט מען נאך א הארבערע שאלה פון טשודנאוו! טשודנאוו איז א שטעדטעל מיט ווייניג טעפעל־לעפעל שאלות, אויסער עטליכע בעלי־בתים, כמעט

ק אַ ל ט ע קוימען, על כּל פּנים אַהן פלייש; עס קומט זעלטען פאַר א שאלה פון בשר־בחלב — די גרעסטע רבני'שע זאָרג. דער־פאַר איז עס א שטעדטעל מיט אסך חליים, קראַנקע פאַר דאגות, קראַנקע פאַר הונגער, אחוץ קראַנקע פון ארבייט, פון חדרים און דערגלייכען — פ אַ ר ו ו אַ ס־זשע, — פרעגט מען — האָט טשוד־נאָוו צוויי רבנים און אינגאַנצען א י י ן דאָקטאָר?

וויל איך מיר שוין, מיט ד ע ם פאַרנעמען, פאַלט מען אריין פון טשערקאַסי (קיעווער גוב.) מיט קלאָץ־קשיות:

פ אַ ר ו ו אַ ס געהט אויף תלמוד־תורה אוועק אזוי פ י ע ל געלט און אזוי ו ו ע נ י ג קינדער לערנען זיך אויס „עברי“?

פ אַ ר ו ו אַ ס קאָסט אַזויפיעל דאָס אידישע שפּיטאָל, און אַז א איד פאַלט אוועק, געפינט ער קיינמאָל קיין אָרט נישט, און צוויי אָרעמע לייט זענען ערשט נישט לאַנג געשטאָרבען אין „רבי'נס־שול“?

פ אַ ר ו ו אַ ס שטעהט אין קהל'שע חשבונות שוואַרץ אויף ווייס, אַז פון קהל'שען געלט געהט אויף מושב־זקנים ז ע ק ס הונדערט רובל א יאָהר, דער גבאי פון „מושב זקנים“ זאָגט, אַז ער באַקומט נאָר פ י ע ר הונדערט, און דער קאַזיאָנער רב שרייט, אַז מען גיט איהם, דעם גבאי פון מושב זקנים, גאָר א כ ט הונ־דערט קאָרבען א יאָהר?

און נאָך פ אַ ר ו ו אַ ס! פ אַ ר ו ו אַ ס פלעגט מען צו־ריק מיט עטליכע יאָהר ארויסנעמען פון קאָראָבקע אויף קהל'שע זאַכען זעקס טויזענט רובל א יאָהר און זייט עטליכע יאָהר, גאַנצע צ ע ה ן, כאָטש עס איז קיין איינציגע צדקה נישט צוגעקומען און קיין איינציגע חברה איז נישט רייכער געוואָרען?

און נאָך מעהר שאלות פרעגט מען פון קאָוונא:

פ אַ ר ו ו אַ ס טרינקט גאַנץ קאָוונא ז י ס ע מילך און די קראַנקע אין הקדש — ז ו י ע ר ע?

פ אַ ר ו ו אַ ס פאַרזאָרגט דער קאָוונער רב די גאַנצע וועלט מיט אידישקייט, אחוץ זיין אייגען קאָוונא?

פ אַ ר ו ו אַ ס, בשעת ווען פיער טויזענט אידישע אַרביי־טער־פאַמיליען האָבען, דאַנק דעם האָליץ־קריזיס, פאַרלוירען זייער פרנסה ביים סאָרטירען און בינדען דאָס געהילץ, וואָס פאַסירט דורך

קאָוונא איבער׳ן ניעמאַן און ווילִיע, און געהען ממש אויס פאַר הונגער — שווייגט דער רב, און אין דערזעלבער צייט האָט ער צו־זאַמענגעקליבען א מאַסע געלט צו פאַרזאָרגען די ווייבער פון אד־וואָקאַטען און דאָקטוירים מיט א רייכער פיינער מקוה ?

און פון ביאַליסטאָק פרעגט מען :

פ אַ ר ו ו אָ ס איז פון די זיבעצעהן טויזענט רובל קהל׳שע געלט, וואָס זענען געלעגען ביי איינעם פון די שטאָדטישע בעלי־טובות אויף אויפבויען א באָד, ביז מען וועט אויסקלייבען א פּלאַץ וואו צו בויען, געבליבען איז גאַנצע דריי הונדערט רובל ? צי האָבען די מייז אויפגעגעסען דאָס געלט ? און, אויב ביאַליסטאָק האָט אַזוינע גע־פעהרליכע מייז, אַזוינע געלט־פרעסער —

פ אַ ר ו ו אָ ס לאָזט מען, דורך אינטריגען וועגען עלטסטע אין קאָמיטעט, אַזוילאַנג ליגען גאַנצע זיבציג טויזענט רובל, ווי־סאָצקי׳ס נדבה אויף א געווערב־שולע, און מען שטעלט זיך נישט בויען ! ווער איז ערב, אז אויף וויסאָצקי׳ס נדבה וועלען די מייז קיין שליטה נישט האָבען ?

— פ אַ ר ו ו אָ ס — פרעגט מען פון בריסק דליטא, האָט זיך „הרב מרן שליט״א״ מיט׳ן „בד״ץ דפה״ פלוצלונג דערמאָנט, אז פאַר־א־יאָהרען, נישט היינט געדאַכט, בשעת בריסקער שרפה, האָ־בען אידעלעך געראַטעוועט, אומגעפרעגט דעם רב, צי די שרפה איז פקוח נפש, און געווים מחלל שבת געווען, — און האָבען דע־ריבער, צו דער יאָהר־צייט פון דער שרפה, אַרויסגעגעבען דער שטאָדט א תשובה : אַלע „גדולים״ זאָלען פאַסטען און „נשים און חלשים״ זיך אויסקויפען — און אז א פּראַצענטניק איז מחלל שבת מיט „אמירה־לנכרי״ און הייסט דעם פּריסטאַוו דעם אָרעמען בעל־חוב שבת אַראָפּנעמען די בענש־לייכטער, שווייגט „מרן הרב שליטא״, שווייגט דער בד״ץ, און מען גיט איהם קיין תשובה נישט אַרוים ?

און פ אַ ר ו ו אָ ס, פרעגט מען פון קאַליש, ש ו ו י י ג ט קהל און רב זעהענדיג, ווי צוויי תלמוד־תורה מלמדים האָבען אויפ־געשטעלט פאַר קהל׳יש געלט א גרוים תלמוד־תורה הויז און פאַר־שריבען עס אויף זייער נאָמען ?

און אין ליפּנא וואונדערט מען זיך : פ אַ ר ו ו אָ ס כשר׳ן אַלע רבנים די מקוואות, נ אָ כ ׳ ן אַפּלאָזען דאָס וואַסער, מיט

מ י ם שאוביז, נאָר איין ליפנער רב מיט מילך, אזוי, אַז עס האָט פאַרפעהלט דעם לעצטען שבועות מילך צו פוטער־געבעקס?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מעהר קאָן איך נישט; דער קאָפּ דרעהט זיך פון די פאַר־וואַס'ען!

אַז איך בין אמאָל א פּראָסטער מענש געוועזען, פלעג איך האָבען פאַרשידענע חלומות, גוטע און בייזע... אמאָל פלעגען זיך חלומ'ען מלחמות מיט ערד־ציטערניש, אמאָל אבער שוואַרצע, בלויע, גרויע און אַלערליי שעהנע אויגען; פון א קורצער צייט, זייט איך בין לא־עליכם א ב י ה ז געוואָרען, זעה איך נאָר: שוואַרצע כלי־קודש, פעטע בעלי־טאַקסעס, העקער־יונגען מיט די העק איבער נשים הצובאות ביים קלאָץ — אצינד וועל איך זעהן סאַמע פראַגע־צייכען...

רבונו של עולם! אני שלך וחלומותי שלך!

10.

19טען יולי, 1902.

קענט איהר די פּוד־בלימלעך?

אויפ'ן אויג גאַנץ שעהנע, פיינע בלימלעך; קיילעכדיגע, קינסטליך געשניצטע קעפּלעך... נאַר, אז איהר נעמט אזא בלימעל אין דער האַנט אריין, מוזט איהר איינהאַלטען דעם אָטעם; פון קלענסטען בלאָז צופליהט זיך דאָס קעפּעל אין דער לופט און ביי אייך אין דער האַנט בלייבט א גרוי־שטרויען שטענגעלע.

מענער רופען די בלימלעך: „פּרויען־טרייהייט"; די ווייבער רופען זיי „מענער־טרייהייט". מן־הסתם זענען ביידע צדדים גע־רעכט, און דאַך האָב איך פאר די בלימלעך א בעסערען נאָמען, אייגענטליך דריי נעמען: אידישע חברות, אידישע צדקה, אידישע מעשים טובים... קלייבט אייך אויס, וועלכען איהר ווילט!

דאָס מוזען אלע מודה זיין, אז די שטאַרקסטע אידישע באַ־וועגונג איז די ציוניסטישע, און פון שטעדט און שטעדטלעך שרייבט מען:

„עס איז געקומען דער „מטיף" הלא הוא... און מיט זיינע פייערדיגע רייד האָט ער דערוואָרעמט די קאַלטע הערצער פון אונ־זער שטעדטעל... מענער אין דער מענער־שול האָבען געקרעכצט מיט א צובראָכען האַרץ, און דאָס געוויין פון דער ווייבערשער שול האָט זיך געגאָסען ווי א וואַסער... דאָס איז געווען שבת. באַלד שבת־צו־נאַכט האָט מען געמאַכט אן אסיפה, מען האָט געגרינדעט א חברה „בני־ציון", „שערי ציון", „אהבת ציון" אָדער גלאַט אַזוי „ציון"! געפאַלען זענען דרייצעהן שקלים, פארקויפט און גענומען האַנט־געלט אויף גאַנצע דריי אקציען — זונטאג אין דערפריה איז דער „מטיף" ארויסגעפאָהרען; מען האָט איהם באַלייט ביז א האַל־בער מייל הינטער דער שטאָדט, מען איז צוריקגעקומען, און מאָנ־טאג איז שוין דאָס שטעדטעל צוריק איינגעשלאָפען.

מען שרייבט אויפ'ן זאַמד, אויפ'ן וואַסער...

אפט איז אן אלטע שטאָדט, אן אלט־רבי'ישע פרומע שטאָדט.

נסים פלעגען זיך דארט וואלגערען אין די גאסען. די גאסט־הייזער פלעגען פול זיין מיט אויסגעהיילטע און האלב־אויסגעהיילטע משוגעים, און דער קול פון די אפטער לומדים פלעגט לעבערען פריהער דעם דאך פון גרויסען בית־המדרש און דערנאך ערשט אלע זיבען הימלען; התלהבות איז געווען — אין לשער!

מיט דער צייט איז עפעס קאלט געווארען אין אפט, עס האבען זיך באוויזען באהאלטענע און אביסעל אפענע משכילים, און עמיץ האט אויסגעזאגט א סוד, אז די מלמדים האלטען נישט פון „דינא דמלכותא" און האבען קיין רוסישע לעהרער נישט אין די חדרים. עס איז אנגעקומען צום אינספעקטאר און ער האט געלאזט אנזאגען מיט דער גראבער פען די מלמדים, אז, אויב זיי וועלען נישט צונעמען קיין לעהרער אויף רוסיש, וועט ער זיי אלע די חדרים פארמאכען... די מלמדים זענען געלאפען מיט א געשריי צו קהל. מיט א צוואנציג צי דרייסיג יאהר צוריק, וואלט קהל געלאפען מיט א געשריי צום רבי'ן, דער רבי וואלט גוזר תענית געווען, מעשים געטאן, ביז ער וואלט נישט מבטל געווען די גזרה... היינט האבען די בעלי־בתים פשוט אן אסיפה געמאכט, א בעל־בתי'שע אסיפה. עס זענען זיך צוזאמענגעקומען די אלטע קארפען־קעפ, זיי האבען פארקנייטשט די אלטע שטערען, געקייט די לאנגע גרויע בערד אין מויל און מען האט געקלערט און געקלערט, ביז מען האט אפגעקלערט און באשלאסען, אז —

1) היות די גזרה איז, ווי עס זעהט אויס, נישט צום בטל ווערען, דאס מלכות וויל טאקע באמת, אפטער אידישע קינדער זאלען לערנען רוסיש, — און מז־הסתם האט זי עפעס א טעם דערינען! און פאלגען דאס מלכות מוז מען, ווארים, אז נישט, וועט מען אפשר טאקע פארמאכען די חדרים, און פון די מלמדים מאכען א תל!

2) היות אבער פון צווייטען צד — קאן מען אין די חדרים קיין רוסיש נישט לערנען, ווייל רוסיש לערענט מען נישט בעל־פה, און אויפ'ן אייגענעם טיש, וואו עס ליגען הייליגע ספרים, וואלטען זיך געלעגט „גראמאטיקעס" מיט „כרעסטאמאטיעס"... און דער דין איז: מעלין בקודש ולא מורידין!

3) און נאך מעהר, אז מען קאן גלאט קיין לעהרער נישט צונעמען, ווארים — וועמען וועט מען נעמען? א איד? איז ער חשוד

אויף ציוניזם מיט סיציליזם, אויפ'ן טיש וועלען ליגען כרעסטאָ־מאַטיעס, און לערנען וועט ער גאָט־ווייס־וואָס! אַ קריסט צונעמען איז אויך שלעכט, וואָרים לכבוד דעם קריסט וועלען זיצען די קינ־דער בגלוי הראש, און אַ חדר מיט ספרים און מזוזות איז כמעט אַ מקום קדוש!

על כן:

4) אזוי ווי דאָס מאַגיסטראַט האַלט אויף פאַר דער שטאָדט אַ שקאָלע, וואו מען לערענט נאָר (ביי זיי הייסט יענס אויך „לער־נען") פאַרמיטאָג, און נאָכמיטאָג שטעהט די שקאָלע לעדיג — זאָ־לען די אידישע חדרים־אינגלעך אהין געהן נאָכמיטאָג אויף צוויי שעה אין טאָג, לערנען ווי די ממשלה וויל, רוסיש און —

5) דעם לעהרער זאָל מען צאָהלען פינף און דרייסיג רובל אַ חודש ש כ ר ב ט ל ה, זאָל ער נישט זיין אזא מ ת מ י ד! געזאָגט געטאָן!

די אידישע חדר־אינגלעך געהען יעדען נאָכמיטאָג (אויסער שבת און זונטאָג, אונזערע און זייערע ימים טובים) אין שול אריין ד אַ מ אַ ל ט. ווען די קריסטליכע געהען אַרוים... זיי טרעפען זיך אויפ'ן וועג, די קולות געהען עד לב השמים, אידישע קינדער קומען אהיים מיט געשוואָלענע בעקלעך און איינגעפּלאַטשטע נעז, אָבער אָפּט האָט אויסגעפיהרט! קיין לעהרער, נישט קיין אידישען, נישט קיין קריסטליכען, אין חדר נישט אריינגעלאָזט —

וואָס, נישט אָפּגעאַרבייט אַ שטיק?!

אַ מאָדנע שטעדטעל איז דאָס בעסאַראַבישע הינטשעסט!

אַ שטיל שטעדטעל, אַ ציכטיג שטעדטעל. נישט אזוי פרום ווי אָפּט, נאָר דערפאַר „שטיל ווי אין ריוועטש". אין אָפּט טרעפט זיך אַמאָל אַ מחלוקת, עס קאָכט אויף קעסעל און בלים וועגען רבנים, שוחטים, ציוניסטען, נאַציאָנאַליסטען און אפילו איבער אַ הארבע שאלת־הריאה. אַלטע לומדים! אין הינטשעסט הערט מען אין גאָס, ווי די זייגער קלאַפּען אין די שטיבער, דאָס זשומען פון דער שוואַכסטער פליג אין דער לופט! און מענשען אַרום שטילע,

מיט בלייכע מידע פּנים'ער, האַלב פאַרלאָשענע אויגען, אויסער— אַז מען הייצט אין באָד! דאַמאָלט זעהט מען אַמאָל מענשען איילען זיך, לויפען מיט פלאַמענדיגע בליקען, מיט די בעזעמלעך אין די הענט — עס לעבט! ווערט דאָס באָד אָפּגעקיהלט, קיהלט זיך אָפּ און ווערט פאַרשטאַרט די שטאָדט און די בעלי־בתים פאַלען צוריק אין דער „הינער־פּלעט" אריין...

אַזאַ שטיל שטעדטעל האָט מן הסתם אַ שטילען רב.

מען צאָהלט איהם נישט קיין וואָכען־געלט, — איז נישט; באַגעהט ער זיך און שווייגט! אין זיין אייגענער שטוב כאַפּט איהם עמיץ אַן ביי אַ לאַץ, צי גיט איהם אַ גרעבערען גלעט איבער דער באַק — ער רעדט נישט אַ וואָרט; קהל שווייגט אודאי! אַ שוחט איז אויך פאַראַן אַ שטילער, אַן אַלטער קרעכצענדיגער איד. קומט אַ קצב און גיט איהם אַ מתנת יד, פאַרוואָס ער איז נישט געקומען אינמיטען דער נאַכט קוילען, באַגיסט ער זיך מיט דער „רויטער יויך" און שווייגט: דער רב אויך, קהל אודאי, אַ קל־וחומר פון רב'ס פּעטש!

עס איז דאָ אַ בעל־בשר — אַ בעל־טאַקסע; פליש איז צו טייער, די וואָג צו קנאַפּ — קהל און רב שווייגען, ווי אין פּרק שטעהט: מרבה בשר — מרבה רמה, און צוליעב די ווערים אין קבר איז נישט כדאַי זיך אריינצולאָזען מיט'ן בעל־טאַקסע!

דאָס שטעדטעל איז אַזוי פאַרשלאָפען, אַז פיער יאָהר האָט געדויערט, איידער מען האָט צוגענומען אַ צווייטען שוחט. די מעשה איז אַזוי געוועזען. קהל האָט אַמאָל איינגעזעהן, אַז לויט דער שטאָדט און לויט די בהמות, וואָס מען קוילעט פאַר דער שטאָדט, איז איין שוחט, בפרט אַן אַלטער און אַ קראַנקער, צו ווייניג.

אויף דעם סמך האָט זיך אַ יונגערמאַן אוועקגעלאָזט למקום תורה, אויסגעלערענט זיך שחיטה און איז אהיימגעקומען צום רב מיט אַ פיינעם חלף און אַ פולען בויך מיט הלכות שחיטה.

דעם רב איז געפעלען געוואָרען אי דער יונגערמאַן, אי דעם יונגענמאַנס חלף; נאָר אויף זיך אליין שטעלען האָט ער נישט גע־וואָלט און געלאָזט רופען די בעלי־בתים פון שטאָדט אויף אַן אסיפה.

און עס זענען זיך צונויפגעקומען די ה י נ ט ש ע ס ט ע ר קאַרפּען־קעפּ, און האָבען זיך אויך אוועקגעזעצט, און אַנגעהויבען

שאַקלען מיט די קעפּ אין דער לענג און אין דער ברייט, און בייר־סען די שפּיץ־בערד אין די אָפענע מיילער, און קנייטשען די גרוי־סע, ברייטע שטערען, ביז עס איז געבליבען „בהסכם כלם“, פון קהל און רב הייסט עס, אַז קהל און רב קאָנען זיך אויף זיך אַליין נישט פאַרלאָזען און מען מוז שרייבען צום רבי׳ן...

עס האָט געדויערט איידער מען האָט געשריבען צום רבי׳ן, נאָר געשריבען האָט מען; מען האָט געפונען אַ שרייבער מיט אַ פיינעם „לכבוד“, אַ „לפ״ק“ מיט אַ „לפ״ג“ און מיט אַלעם גוטען!

דערנאָך האָט געדויערט, איידער עס איז געקומען אַ תשובה פון רבי׳ן. אַ פאַרנומענער מענש דער רבי! נאָר געקומען איז זי. די תשובה איז אָבער קיין קלאָרע תשובה נישט געווען... באשר בכן — אויף אַ בריף קאָן דער רבי נישט שטעלען, מטריח זיין ווע־גען דעם רוח הקודש אָדער אליהו הנביא איז נישט כדאי, על כן — זאָל דער יונגערמאַן אַליין קומען, ער מוז מיט איהם רעדען פּה־אל־פּה...

עס האָט געדויערט איידער דער יונגערמאַן האָט זיך געשאַפט אויף הוצאות, נאָר געפאָהרען איז ער. עס האָט דערנאָך געדויערט איידער מען האָט איהם צוגעלאָזט, נאָר צוגעלאָזט סוף־כל־סוף האָט מען איהם!

און ער איז אָפּגעזעסען אַ צייט, און דער רבי האָט איהם צו־ריק אָפּגעשיקט צום רב!

אַ טביעת עין, קיין עין־הרע, האָט ער, דער רבי, נאָר אויפ׳ן אויג אַליין — שרייבט ער צום רב — קאָן מען זיך נישט פאַר־לאָזען! און געהערט פון שוחט האָט ער כמעט גאָרנישט! על כן זאָל איהם דער רב נאָך אַמאָל פאַרהערען...

און אַזוי איז דער יונגערמאַן געפאָהרען במשך פון פיער יאָהר פון רב צום רבי׳ן, פון רבי׳ן צום רב, ביז דער רבי האָט עפּעס ד ע ר ז ע ה ע ן צ י ד ע ר ה ע ר ט, און דאַמאָלט ערשט האָט איהם די שטאָדט אויפגענומען פאַר אַ שוחט...

איבער די פיער יאָהר האָבען די קצבים דעם אַלטען שוחט — געפּאַטשט!

דאָס אַלץ איז אייגענטליך נאָר אַ מאמר המוסגר. דער עיקר מיין איך די צדקה פון שטעדטעל!

און נישט א י י ן צדקה, אַסך צדקות; הכנסת כלה, בקור

חולים, תלמוד תורה, הכנסת אורחים און נישט צוואווארפען, נאר אלץ אויף איין ארט און דוקא אין א חורבה!

און הערט ווי אזוי:

אמאל האט דאס שטעדטעל געהאט אן איינען הויז — א דירה פאר'ן רב.

אז דאס הויז איז איינגעפאלען, האט זיך דער רב איבערגע־געצויגען אין א געדונגענער דירה אריין. ער האט אפילו קיין ווארט נישט גערעדט; א שטילער רב, ווי עס פאסט פאר א שטיל שטעדטעל.

אז דער רב האט זיך איבערגעצויגען, האבען זיך מן־הסתם אויף זיין ארט שדים אריינגעצויגען. עס האט געקלאפט, געפייפט פון דער חורבה, אמאל שטיינער ארויסגעווארפען...

פונדעסטוועגען, אז עמיץ איז געקומען אמאל פון דער סביבה צום דאקטאר, בפרט בייטאג, האט ער זיך איינגעשטעלט דאס לע־בען און אפגעשטעלט אין דער חורבה; קיין גאסט־הייזער זענען אין שטעדטעל נישטא.

היימישע ארעמע קראנקע האבען געזעהן, אז דער דאקטאר קומט אפט צו דער חורבה, האבען זיי אנגעהויבען אויך אהין צו געהן און עצות פרעגען. און פון זיך אליין איז מיט דער צייט פון דער חורבה א בקור־חולים געווארען. די שטאדט שווייגט! אז עס האט זיך אליין געמאכט, איז א סימן, אז מען דארף!

דערנאך האבען געזונטע, נאר ארעמע לייט פון דער סביבה, אויך אנגעהויבען קומען צו דער חורבה, כאטש אוועקלעגען דאס אנגעבעטעלטע פעקעל, און בשעת הדחק, כאטש מיט גרויס צי־טערניש, איבערנעכטיגען! און פון דער חורבה איז געווארען מיט דער צייט אן „הכנסת אורחים“ — — —

עס טרעפט פארט, אז די חורבה שטעהט כאטש א פאר מאל אין וואך לעדיג; עס קומען קיין קראנקע נישט בייטאג, קיין שנאָ־רער ביינאכט, און די לצים לאזען זיך ערגעץ אויף עטליכע ווינטער־נעכט אין וועג אריין, אראפצופיהרען שליטען מיט סוחרים פון דרך הישר... איז דער שטאדט א שאד, דינגט זי א מלמד און הייסט איהם פאר דריי רובל א וואך לערנען אין חורבה מיט ארעמע קינ־דער און אין איינגוועגס וואוינען אין איהר — וואס טוט נישט א

זאיך פאר פרנסה? שטעלט ער זיך איין דאס לעבען, ציהט זיך אריין אין דער חורבה און עס ווערט פון איהר א תלמוד־תורה!

און מען ווייסט שוין אליין נישט, וואס און ווען די חורבה איז! קומט א קראנקער, ווארפען איהם ארויס די אורחים: אז הכנסת־אורחים איז נישט קיין בקור־חולים... אמאל קומט אן אורח מיט א פעקעל, באגעגענט איהם די מלמד׳קע מיט א בעזעם: עס איז א תלמוד־תורה! אמאל ווייטער קומען חליים, ציהען זיך אויס אין די שטיבער — עס איז פארט א בקור־חולים...

דערוויייל דארף אן ארעמע כלה חתונה האבען; קומען די קרובים פון ביידע צדדים און מאכען מיט געוואלד פון דער חורבה אן — הכנסת־כלה...

און אמאל האט גאר עמיצער א טעות, וויל געהן אין באד אריין און טרעפט צו דער חורבה, ווייל דאס באד איז אויך פונקט אזא חורבה...

אך, די פיינע פוד־בלימלעך!

נעמט, למשל „פילוויריק“ פון קאמיעניעץ פאדאלסק; מאסען בעלי־טובות, מיט אפענע, ווייכע הערצער! זיי ווילען, נעבעך, טון לטובת הכלל. נאר וואס?

ווערען זיי איינמאל געוואר, אז אויף דער אידישער וועלט איז היינט „תלמוד תורה“ אין דער מאדע; מאכט מען אן אסיפה, און מען עפענט א תלמוד תורה. עס ווערט א קאמיטעט, מען קלייבט אויס צוויי גבאים, א גבאי ראשון און א גבאי שני, צוויי רואה־חשבונ׳ס, אכט אויפמאנער פון וואכען־געלט, באשטעלט זעקס (בפירוש זעקס) חתימות, ווייל אהן זיי איז א חברה קיין חברה נישט, און א סעודה האט מען אויך געמאכט, „ווארעניקעס“ גע־קאכט!

דאכט זיך גוט? האט מען אבער צוויי מ כ ו ב ד י ם נ י ש ט אויסגעקליבען. וואס טוען זיי? זונדערען זיי זיך אפ, מאכען נייע אסיפות, נייע צעטלעך אויף וואכען־געלטער, קלייבען אויס נייע „כלי־קודש“ פאר כבוד, און מען עפענט א צווייטע תלמוד־תורה; מלמדים פעהלען נישט, קינדער אויך נישט!

עס זענען אבער פארט נאך לעדיגע מכובדים געבליבען, עס האבען נאך שליפעס פארפעהלט, און דערוויייל ווערט מען געוואר, איז אריין ביליגער קרעדיט אין דער מאדע, האט מען ווייטער

אסיפות געמאכט און געעפענט — א באנק אויף אקציעס, צעהן רובל אן אקציע — פאר קליינע סוחרים, בעלי מלאכות... און מען האט די רעשט שליפעס צוטיילט, נייע „ווארעניקעס“ געקאכט, אפילו, לויט מען שרייבט, א גוט ביסעל משקה געטרונקען!...

עס זענען אוועקגעגאנגען נישט קיין גאנצע דריי חדשים:

דאס געלט פון דער באנק איז אויסגעטריקענט געווארען, גלייך עס וואלט אין ווארעניקעס מיט דער משקה אריין... די צווייטע תלמוד־תורה איז זיך צופאלען, ווי אויסגעטריקענטער זאמד, און די ערשטע תלמוד־תורה הענגט נאך אין דער לופט אויף א האר!

און נישט דוקא אין די קליינע שטעדטלעך וואקסען די פוד־בלימלעך! אזוינס טרעפט אין גרויסע שטעדט אויך, אפילו אין ווארשוי...

ווערט געוואר אויף טווארדא גאס נומער דרייצעהן!

אז נישט, וועל איך אפשר אליין אמאל די מעשה דערצעה־לען!

11.

24טען יולי, 1902.

סאמע נסים, סאמע מערכות!

ווען נישט די נסים, ווען נישט די מערכות, ווייסט איין גאט, וואס עס וואלט געווען!

אין קאזימיניק, קאלישער גובערניע, איז אין טאג פון א חתונה פארשוואונדען געווארען די ח ו פ ה...

מיינט נאר נישט, חלילה, קיין שלעכטס! עס האט קיין יבם נישט געוואלט נעמען די יבמה, ווי אין דער תורה שטעהט; עס האט, להכעיס דער תורה, קיין כהן קיין גרושה נישט גענומען! עס האט נישט געזאלט זיין קיין חתונה אהן עלטערענס וויסען; מען האט נישט ארויסגע׳גנב׳עט נישט די כלה, נישט דעם חתן! עס איז נישט געווען קיין חופה צו פארכאפען צו דער צייט, עס זאל עמיץ ל ה כ ע י ס צונעמען די חופה; עס איז אפילו קיין פארליעבעניש נישט געווען! עס איז געווען א כשר׳ע אידישע חתונה: די כלה פון קאזימיניק, דער חתן פון דער פרעמד; נישט ער האט זיך א י ה ר, נישט זי האט זיך א י ה ם גע׳חלומ׳ט. אן אמת׳ער זיווג: א שדכן האט אנגעשלאגען, די מחותנים זענען זיך געפעלען... און אז מען האט זיך אויסגעגלייכט וועגען נדן, קעסט, מלבושים, מתנות און רח״ש, האט מען מגביל געווען זמן החתונה, תנאים געשריבען; צו דער צייט האט מען, צו מזל־וברכה, איינגעקויפט פיש, פלייש און אביסעל משקה, מען האט כלי־זמר באשטעלט און א מארשאליק, — אלץ, וואס מען דארף. און דער חתן איז געקומען צו דער צייט — — נאר דא הויבט זיך אן די מעשה!

דער חתן איז געקומען, האט זיך ערגעץ אפגעשטעלט, און עס האבען זיך באלד באוויזען אלערליי גבאי צדקה! דערלאנגט שלום־עליכם, געווינשט מזל־טוב און — אויסגעשטרעקט די האנט נאך נדבות. דער חתן האט אלעמען געגעבען, און אלע זענען ארויסגעגאנגען צופרידען, א חוץ א י י ן גבאי פון חברה־קדישא. דער גבאי פון חברה־קדישא האט געהאלטען די נדבה צו קליין, ער

האט זיך באליידיגט, און איז אוועקגעגאנגען אין שול אריין, האט צוגענומען די חופה מיט די חופה־שטאנגען, און ערגעץ פארטראָ־גען און באהאלטען!

די כלה איז שוין בארעקט, באשיט מיט האפען, אפגעשווירען ווי א שאף; די ווייבער האבען שוין אויסגעווייגט אלע טרערען, אויסגעזיפצט אלע קרעכצען און לויפען ארום מיט רויטע טרוקענע אויגען. דער מארשאליק האט שוין אויסגעשאָסטען אלע זיינע גראַ־מען מיט ראשי־תיבות און לפ"ק'ען, און שטעהט לער, ווי א פאס, און הייזעריג, ווי האלץ; די כלי־זמר האבען צום דרייצעהנטען מאל אנגעהויבען דעם „שטייגער", אז עס איז שוין פון דער הויט ארויס־צושפרינגען, — און קיין חופה איז נישטא!

— א מ ע ר כ ה — שרייבט מען פון קאזימיניק — וואס „וואו תורה, דא חכמה"!

א לייטישער יונגערמאן האט אן עצה געגעבען; פיער אידען האבען זיך ארויפגעשטעלט אויף פיער שטולען (איין שטול האט געלאמט, האט מען מיט עפעס אונטערגעשפארט). די פיער אידען אויף די פיער שטולען האט מען דערלאנגט פיער עקען פון א טלית, יעדען איד איין עק, און תוך כדי דבור איז געווארען א חופה מיט לעבעדיגע חופה־שטאנגען...

אדם וחוה אין גן־עדן געדענקט איהר? איהר האט דאך אין א חדר געלערענט!

— זיי זענען — דערצעהלט דער פסוק — ארומגעגאנגען אין גן־עדן אדם־נאקעט, טאקע ווי גאט האט זיי באשאפען! ווי אזוי אדם־הראשון האט געדאווענט אהן א גארטעל, ווייסט מען נישט עד־היום, און וואס מעהר וואונדער איז — ולא יתבוששו...

אז א דעלעגאט פון חברה „מרבה השכלה" איז אראפגעקור־מען קיין וואלאטשיסק (וואלינער גובערניע), האט ער אין תלמוד־תורה געפונען עטליכע בערג מיסט און צוויי עלטערע תלמוד־תורה־קינדער, און זיי האבען איהם געטייטשט: ולא יתבוששו — און זיי האבען זיך נישט פ א ר ז ו י מ ט!

אפשר ווייסט איהר, ווי קרח'ס ווייב האט געהייסען? ניין?

די אייגענע צוויי עלטערע תלמוד־תורה קינדער האבען געוואוסט! „בן־יצהר" האט זי געהייסען! א בפירוש'ער פסוק: „ויקח קרח בן יצהר"! און די צוויי וואלין־וואלאטשיסקער לומדים האבען גע־טייטשט: און „קרח" האט גענומען „בן־יצהר" פאר א ווייב!

און זאל איך נישט וואונדערען, פארוואס די וואלאטשיסקער תלמוד־תורה קינדער קענען אזויפיעל פסוק. די מעשה דערפון איז אזוי:

וואלאטשיסק איז, ערשטענס, וואלינער גובערניע, וואו תורה איז פון קדמונים אין דערהיים...

צווייטענס, איז עס א לייטישע שטאדט: תלמוד־תורה האט א פיין הויז, א גרויס הויז, און מען קארגט נישט קיין הוצאות: פינף און צוואנציג רובל א וואך און מעהר! מלמדים נעמט מען צו די בעסטע: פון קאפולע — א „מקום־תורה" הינטער וואלאטשיסק, וואו די בעסטע וואלינער מלמדים וואקסען! און די משגיחים פון תלמוד־תורה זענען נישט „אבי ווער"! סאמע פיינע בעלי־בתים, די וואלאטשיסקער סמעטענע!

און פון דער סמעטענע הויבט זיך עס אן!

די משגיחים פון תלמוד־תורה צופאלען זיך אויף צוויי פאר־טייען. א י י ן צד וויל, מען זאל אין תלמוד־תורה לערנען נאר גמרא. איי וואס, עס זענען ס'רוב בעלי־מלאכה־קינדער, וואס לערנען איבגאנצען א יאהר, העכסטענס צוויי, און וועלען קיינמאל קיין גמרא נישט קענען: „לא עליך המלאכה לגמור" שטעהט — קהל נעמט אויף זיך קיין „פאדריאד" נישט, ארויסצוגעבען לומדים, דערווייל איז דאס גמרא־לערנען א מצוה און די רעשט זאכען, ווי צום בייי־שפיל — עברי, איז שוין ג א ר עפעס אנדערש, דאס ווילען שוין י ע נ ע לייט, דאס פיהרט שוין עד שאול תחתיה.

דער צווייטער צד טענ'עט: היות די תלמוד־תורה קינדער קר־קען אין דער גמרא אריין, ווי „א האן אין בני־אדם" און „זאגען נאך דעם מלמד ווי די סאראקעס" און געהען ארויס פון תלמוד־תורה אויסגעמוטשעט, אויסגעקניפען, אהן כח צו דער ארבייט און דערצו אהן עברי. על־כן — ווילען זיי, אז דער עיקר זאל מען לער־נען „עברי", זאלען זיי כאטש קענען דאווענען!

די משגיחים פיהרען מחלוקת און די קאפולער מלמדים ווילען זיך נישט ארייגשטופען צווישען די בערג. זיי לערנען נישט קיין

עברי, דער ע ר ש ט ע ר צד זאָל נישט שרייען; צוליעב דעם צ ו ו י י ט ע ן צד לערענט מען קיין גמרא נישט, הכלל — מען לערענט גאָרנישט!

— און אויב — שרייבט מען פון וואָלאָטשיסק — די תלמידים פון תלמוד־תורה קענען (ווי אויבען איז געשטאַנען) אביסעל פסוק, איז עס טאקע מ ע ש י ־ נ ס י ם!

די מינסקער גובערניע האָט א שטאָדט טאָלטשין.

עס איז א כרך פון זיבען ביז אכט טויזענט נפשות (אקוראַט וועט קיין אידישער קאָרעספאָנדענט קיינמאָל נישט וויסען, כאָטש עס איז לייכט צוצוגעהן צו דער טאבליצע הינטער דער שטאָדט, אָדער צו נעמען די „פאַמיאַטנאַיאַ קניזשקאַ" פון מינסקער גובער־ניע און זעהן און פאַרצייכענען די צאָהל), הכלל, ווי געזאָגט א כרך: עס האָט א מרחץ, א כשר'ע מקוה, א שול מיט א בית־המדרש, עטליכע מוץ חסידי'שע מנינים און, פאַרשטעהט זיך — כלי־קודש מיט א רב אַן דער שפּיץ.

דעם רב אבער צאָהלט קהל קיין שכירות נישט! מען האָט איהם אמאָל אוועקגעגעבען די הייוועז, האָט מען ביי איהם לעצטענס דאָס אויך צוגענומען; מען האָט מבטל געווען דער רבי'צינס מאָנאָפּאָל, און אַן עק.

איז דאָך א קשיא: היכא דמי? פון וואַנען נעמט זיך עס, אַז קהל זאָל דעם רב נישט צאָהלען?

טענ'עט קהל, אַז דער רב איז אַן איבעריגע זאַך; מען האָט גאָר־נישט פון איהם!

שאלות פּסק'עט יעדער מלמד. א דין־תורה פּסק'עט מען נישט היינטיגע צייטען. און אויף א ו י ס ג ל יי כ ע ן איז ער צו ק ר ו ם! דברים שבצדקה, וואו א רב זאָל זיך קאָנען אריינמי־שען, ווי לינת הצדק, חונן דלים, תלמוד תורה, הקדשים, וואָס אַנ־דערע שטעדט האָבען, האָבען מיר נ י ש ט! אין שטאָדט־זאַכען האָט ער קיין דעה נישט, צו קיין אסיפות רופט מען איהם נישט... זאָגט ער אמאָל אליין א דעה, טוט מען, פאַרשטעהט זיך קאַפּויר!

— נאָר וואָס האָט איהר גענומען אזא רב?

— א מקח־טעות געווען! ער האט יונגערהייט פאר אן עלוי גע׳שמ׳ט; אן אייזערנער מח, האט מען געזאגט, א נייער „חתם־סופר“, אן „אורים ותומים“... האבען מיר זיך אויפ׳ן תכשיט „גע־לאמעט“! מיר וועלען איהם — האבען מיר געטראכט, אראפברענ־גען, פארזארגען מיט פרנסה, צו טון וועט ער נישט האבען, די האנט אין קאלט וואסער אריין נישט לעגען, וואס־זשע וועט ער טון? ער וועט זיצען און לערנען, ענטפערען „שאלות־תשובות“ און שריי־בען ספרים, און דורך איהם וועט שמ׳ען טאלטשין... ווער האט מתיר געווען די עגונה? דער טאלטשינער רב! ווער האט גע׳אסר׳ט געפרווירען פלייש? דער טאלטשינער רב! און אויף די שערים פון די ספרים זיינע וואלט געשטאנען לדור דורות: הרב מק״ק טאל־טשין! טאלטשין און טאלטשין, די וועלט וואלט געקלונגען מיט טאלטשין!

— נו?

— וואס נו? ער האט זיך אפגעשטעלט! מען פרעגט איהם קיין שאלות נישט, ער ענטפערט קיין תשובות נישט; ביסלעכווייז זיצט ער און לערענט, נאר קיין ספרים שרייבט ער נישט! עס האט זיך „אויסגעלאזט א בוידעם“!

— הכלל?

— הכלל? ווי אין פרק שטעהט: אם אין תורה אין קמח! האט מען איהם אויפגעהערט צאהלען שכירות, האט מען איהם צו־גענומען די הייוועז...

און דער טאלטשינער רב וואלט אויסגעגאנגען פאר הונגער, נאר — — —

— א מערכה — שרייבט מען פון טאלטשין — וואס די ערש־טע רבי׳צין איז נפטר געווארען, און די צווייטע האט א שטיקעל נחלה, לעבט מען דערפון...

און די שאלה „וואס לערענט מען?“ איז נוהג נישט נאר בנוגע צו וואלין־וואלאטשיסקער תלמוד־תורה־איינגלעך! אין דער פוילי־שער גובערניאל־שטאדט פלאצק שטעהט די הארבע שאלה בנוגע

צו יונגע בעל־מלאכה'ס: וואס זאל מען זיי לערנען שבת? א גאנ־צע וואך, ווי א גאנצע וואך, אבער שבת — א פרייער טאג, מיט וואס שטאפט מען זיי?

און עס איז א מחלוקת צווישען די „יונגע ציוניסטען" מיט'ן רב.

די יונגע ציוניסטען ווילען דוקא לערנען מיט זיי: לשון־קודש, אידישע געשיכטע על־פי גרעץ, וכדומה...

דער פלאצקער רב איז אליין אפילו א משכיל, זעקס קלאסען גענדיגט, רעדט און שרייבט, זאגט מען, דייטש ווי א מזמור, רו־סיש — ווי א וואסער; לאז מען דארפען — וועט ער קענען פויליש, ווי מיצקעוויטש — א מענש מיט א קאפ! איז'ען איז ער אפילו א שמיקעל פחות־משוה־פרוטה פון א ציוניסט; ער צאהלט א שקל, נאר ער פארשרייבט איהם אויף דער צוויי־יעהריגער טאכטערס נאמען... א י ה ר וועט עס שוין נישט שאדען! אויף איהר האבען די חסידים שוין לאנג מוציא שם געווען, אז זי שפילט פארטעפיאן! און דעריבער טאקע איז ביי די ווארשאווער וואהלען אויף א רב. אויף איינעם פון די זעכצעהן ווארשאווער רבנים, דער זכה־בגורל געפאלען אויף ראדאם, נישט אויף פלאצק... ווי איהר זעהט, א שטי־קעל אנגעריהרטער רב. און פונדעסטוועגען לאזט ער נישט די יונגע בעלי־מלאכות זאלען לערנען „ספרים־חצונים"; גמרא זאל מען לער־נען מיט זיי! ש"ס!

און דערווייל לערענט מען גארנישט... די יונגע בעלי־מלאכות, וואס זענען געוועהנט געווארען זעקס טאג צו דער ארבייט, ווערען, לויט מען שרייבט פון פלאצק, דעם זיבעטען טאג שיער נישט משוגע.

— א מערכה — שרייבט מען — וואס עס איז פאראן „קליין־ש"ס"; שפילען זיי אין קארטען!

כל'עם בייז קומט ארויס פון מחלוקת.

אין זשיטאמיר איז פאראן א דאמען־פאראיין, און עכטער דא־מען־פאראיין, (נישט קיין „עכטע" דאמען לאזט מען נישט צו), וואס פארזארגט די ארעמע תלמוד־תורה־קינדער מיט אביסעל גע־

קעבל. מיטאג־צייט באקומען זיי (איך ווייס נישט אויב אלע, אפשר נאר די א ר ע מ ס ט ע און אפשר נאר די, וואס האבען נושא־חן געווען, אליין אדער די עלטערען זייערע, ביי די דאמען!) צוביס־לעך זופ מיט שטיקלעך ברויט אדער זעמעל...

פלוצים איז דורכגעפלויגען א שווארצע קאץ, און אפשר א קאטער צווישען בעקער און איינער פון די עכטע דאמען.

ווענגען וואס עס איז געגאנגען, ווייסט מען נישט; גענוג, אז דער בעקער האט נישט אפגעטראטען דער דאמע, די דאמע דעם בעקער אודאי און אודאי נישט, און — די דאמע האט ארויסגע־געבען א באפעהל, מען זאל אויפהערען קאכען פאר תלמוד־תורה!

און מען קאכט נישט; די קינדער געהען אהיים אויף מיטאג און נישט אלע ה א ב ע ן מיטאג אין דערהיים, מאסען הונ־גערען...

— עס איז נאר א נס מן השמים — שרייבט מען פון זשי־טאמיר — און טאקע א נס בתוך נס! ע ר ש ט ע נ ס, וואס אידישע קינדער זענען אזוי אויסגעהאלטען און קאנען לערנען אומ־געגעסען... און צ ו ו י י ט ע נ ס, וואס זיי האבען נאך קיין צייט נישט געהאט צוצוגעוועהנען זיך צום עסען, ווארים (ווייטער א מערכה בתוך מערכה) ערשטענס, „ארבייט דער גאנ־צער דאמען־קאמיטעט אינגאנצען ערשט דריי חדשים, און צוויי־טענס, האט מען די „זופען" זעלטען געקאנט אין מויל אריינגע־מען...

אזוי שרייבט מען!

דער גרעסטער נס איז אפשר געשעהען אין קיידאנאוו (מינס־קער גובערניע):

אין קיידאנאוו איז פאראן א מארק, וואס פלעגט דינען פאר'ן גאנצען האנדעל פון שטאדט. וואס מען האט געוואלט, האט מען דארט געקויפט און פארקויפט: תבואה, האלץ, פערד, בהמות, מיט איין ווארט, א מארק־הכולל, א כל־בו מארק!

עס איז אביסעל ענג געווען, און אפשר מעהר ווי אביסעל, נאר ד'ערפון זענען צופרידען געוועזען: ע ר ש ט ע נ ס, די בעלי־

בתים, וואָס האָבען מחיה־הייזער אַרום מאַרק און, צ ו ו י י ט ע נ ס — די בייטעל־שניידער, קעשענע־טאַפּער, פּראָסט אידיש גערעדט: די גנבים. פון דעם „צווייטענס" איז אָבער די פּאָליציי נישט צופרידען געווען, און זי האָט באַשלאָסען: יחלוקו — מען זאָל דעם מאַרק צוטיילען: תבואה באַזונדער, פערד באַזונדער, בהמות באַזונדער... דאָס צ ו ט י י ל ע ן און אָפּזונדערען שוועבט היינט אין דער לופט!

און אויף אַלץ האָט מען פּלאַץ געפונען, אָהן וכוחים, אָהן מחלוקת. איין שאלה איז נאָר געבליבען, וואו מאַכט מען דעם מאַרק פאַר בהמות?

די בעלי־בתים פון די מאַרק־הייזער האָבען בסוד סודות איינגערוימט דער פּאָליציי, אַז דער בעסטער פּלאַץ פאַר'ן קיה־מאַרק וואָלט געווען דער שול־הויף, וואָס איז ג אַ נ ץ נאָהנט צום אַלטען מאַרק־הכּלל. דער שול — האָבען זיי געזאָגט — וועט עס נישט שאַדטען, די בהמות וועלען דאָך נישט אַריינגעהן, און חופּות שטעלט מען סיי ווי סיי ערשט פאַרנאַכט, נאָכ'ן מאַרק! און עס וועט אַלץ גוט זיין, דער קיה־מאַרק וועט זיין אָפּגעזונדערט און די מחיה אין די מאַרק־הייזער וועט בלייבען מחיה!

דער פּלאַן איז אַ נ גע נ ו מ ע ן געוואָרען, נאָר איידער מען האָט איהם באַשטעטיגט, איז דער סוד אַרויס, ווי בוימאָויל אויפ'ן וואַסער. עס איז געוואָר געוואָרען דער רב מיט'ן רבי'ן, עס זענען געוואָר געוואָרען בעלי־בתים, וואָס האָבען נישט קיין הייזער אַרום מאַרק און אפילו אַזוינע, וואָס האָבען לחלוטין גאָר קיין הייזער נישט, און עס איז געוואָרען אַ רעש, אַ מהומה, און מען האָט אָנגעשריבען אַ פּאַפּיר: באשר בכן, עס איז ערשטענס אַ חלול הקדש, אַ קיה מאַרק אויף אַ שול־הויף, צווייטענס, וועט עס שאַדטען דער פרומקייט: נישט אַ י י ן בעל־הבית וועט נישט קומען דאַוונען בצבור, ווייל ער וועט מורא האָבען פאַר די אָקסען... אַ קשיא אויף אַ מעשה — עס קאָן זיך טרעפען אַ שור המועד, און נאָך און נאָך טעמים, און — עס איז געוואָרען אַ מחלוקת...

מאַכט זיך נאָך אינמיטען אַ מעשה, און דער אַלטער רב פאַלט נעבעך אַוועק...

ער ווערט ערגער און ערגער. קהל זעהט, אַז עס געהט, לאַ־עליכם, צו גסיסה, אַז דער מזל פון קיה־מאַרק הענגט אָפּ במעט

נאָר דערפון, ווער עס וועט זיין במקום הנפטר, הויבען זיך אָן ביי־דע צדדים ארומצוזעהן וועגען א נייעם רב, וואָרים היינט־מאָרגען וועט מען איהם דאַרפען...

און איין צד האָט ארויסגעשיקט משולחים מיט א כתב רבנות פאַר אזוינעם, וואָס וועט אונטערשרייבען, אז א קוה־שטאָל אויפ׳ן שול־הויף איז יאָ א חלול־השם, און דער צווייטער צד האָט ארויס־געשיקט א כתב רבנות פאַר אזוינעם, וואָס וועט אונטערשרייבען, אַז עס איז נישט קיין חלול השם, פאַרקערט, עס וואָלט געוועזען א זכר לקרבנות...

און די רבנים פון ביידע צדדים האָבען געזאָלט קומען, קוים וועט ער אין אויג צומאכען, צום הספד פון אלטען רב, און האָבען געזאָלט שוין בלייבען; און ביידע צדדים האָבען שוין אָנגעגרייט אלערליי כלי־זיין אויף מחלוקת, ווער עס זאָל בלייבען און ווער ארויסגעטריבען ווערען, און בלוט וואָלט גערונען, און א האלבע שטאָדט וואָלט חרוב ונחרב געוואָרען. — — —

— נאָר א נס איז געשעהען — שרייבט מען פון קיידאַנאָוו— וואָס דער ישיש איז פּלוצים געזונט געוואָרען און האָט זיך אויפ־געהויבען כאחד האדם...

וואָס עס וועט בלייבען מיט די בהמות, ווייסט מען נאָך נישט !...

12.

31טען יולי, 1902.

נאט אייך א האנט — עס איז דאך נאריש, קיין תקיעת־כף וועל איך אייך נישט געבען — נאר אזוי א האנט, אז איהר וועט היינט ביי מיר גארנישט טרעפען, נאט אייך!

ווען איך וועל מיך אפשטעלען און א פרעג טון: נו, טרעפט, וואס ווייטער וועט זיין, מיט וואס וועט עס זיך ענדיגען? וועט איהר טרעפען אדער גארנישט, אדער קאפויר!

איהר זאגט אפילו אלע יאהר אין דער הגדה: „כלנו חכמים, כלנו נבונים“, און עס איז אמת: סאמע עגבויר־מוחות, סאמע שפיץ־ביי־שפיץ קעפלעך — נאר דאס לעבען פון אידישע שטעדט און שטעדטלעך איז קרומער פאר אייך!

אפילו אייערע רבנים, די מאורות הגדולים עם הקטנים, וואס טרעפען אלע רעטענישען אין „הפסגה“ — וועלען בלייבען מיט אפענע מיילער.

איהר וועט זעהן!

איך הויב אן פון ווארשוי.

אין מנין פון א ווארשאווער צדקה־חברה „לינת־הצדק“ איז געווען א הייסער וכוח...

נאר כאפט נישט, מען מוז דערצעהלען כסדר.

„לינת הצדק“ אין ווארשוי איז א שטילע, כמעט באהאלטענע חברה, פונדעסטוועגען האט זי איהר אייגענעם מנין, און דער מנין האט אן אייגענעם מגיד.

דאס אלץ איז נאך קיין עולה נישט. אפילו נישט דאס, וואס דער מגיד איז אן אנטי־ציוניסט; עס שאדט נישט קיינעם, אפילו דעם מגיד נישט, צו דער פרנסה אודאי נישט!

אפילו דעם גרויסען צדיק, וואס פיהרט די גאנצע שווערע

מחנה פון רבנים אויף מלחמה געגען ציוניזם, ווייל ער וויל ברייג־
גען משיח'ן פאר דער צייט און נישט אויף אן עזעל, האט עס
אויך נישט געשאדט?

נישט איהם, נישט זיינע קינדער.

דאס, וואס א געוויסע פארזיכערונגס־געזעלשאפט האט ביי די
בני־הצדיק צוגענומען די אגענטור און מכריז און מודיע געוועזען
אין אלע צייטונגען, אז מען זאל זיי על חשבון החברה מעהר קיין
געלט נישט איינצאהלען, איז געוועזען, ווי אלע ווייסען, מחמת
טעותים אין חשבונות, נישט, חלילה, פאר אנטי־ציוניזם; דאס איז
נאר אלץ געוועזען איידער א רבני'שער האן האט געקרעהט!

א שטיקעל הקול־השם איז עס געוועזען, אבער נישט, חלילה,
וועגען אנטי־ציוניזם!

הכלל — דער מגיד פון לינת־הצדק־קלויז איז אן אנטי־ציוניסט
און עס האט איהם, חלילה, נישט געשאדט, גאר פארקערט, דאס איז
אין ווארשאווער לינת־הצדק א מעלה; ווארים אין ווארשעווער
לינת־הצדק, אויסער עטליכע יונגע אינגלעך, וואס זענען אלע צו־
זאמען אפשר קוים אזוי אלט, ווי דער מגיד, וויל קיינער פון
ציוניזם נישט וויסען.

און אט טאקע צווישען די אינגלעך מיט'ן מגיד איז געווארען
א ויכוח, פארשטעהט זיך — וועגען ציוניזם...

אנגעהויבען האט דער מגיד: ער האט א הייסע דרשה געהאל־
טען געגען ציוניזם און אפילו א פיין משל געזאגט.

— משל למה הדבר דומה — האט ער געזאגט — א איד דארף
פאהרען, למשל — צום ביישפיל — קיי האציפלאץ...

נאר וואס פאהרט א איד קיין האציפלאץ? א דאגה נאך וואס
א איד דארף פאהרען קיין האציפלאץ!

ער האט א ירושה אפצונעמען — שרפ"ט אלפים א ירושה!

ער האט גאר א מעקלעריי אין האציפלאץ, ער קאן נתעשר
ווערען!

און אפשר איז ער גאר א געבירטיגער פון האציפלאץ, האט
אין קורצען יאהר־צייט און איילט זיך קיין האציפלאץ אויף קבר־
אבות!

— הכלל — ער דארף, ער מוז פאהרען קיין האציפלאץ! עס
ציהט איהם ווי מיט צוואנגען קיין האציפלאץ!

נו, וואס טוט א איד, אז ער דארף, אז ער מוז פאהרען קיין האציפלאץ?

ער טוט, וואס אלע גלייכע מענשען טוען:

קיין האציפלאץ געהט א באהן, — געהט אונזער אידעל אין קאסע אריין און קויפט זיך א בילעט קיין האציפלאץ...

פון די, וואס פאהרען אהן בילעטען, רעדט מען נישט; אטו בשופטנא עסקינן!

הכלל, ער האט שוין א בילעט, וואס טוט ער נאך?

גארנישט! ער דערזעהט א באנק, זעצט ער זיך אנידער און וואַרט.

— סטייטש, ווי זיצט עס א איד מיט פארלעגטע הענט און וואַרט?

— איך וואַרט — ענטפערט דער איד — אויפ'ן צוג.

קומען וועט ער דער צוג! יעדע מינוט קאן ער קומען! נאר נישט מיט אמאל קומט ער: פריהער וועט מען בלאזען, דערנאך וועט ערשט געהן א רויך... דערנאך ערשט — וועט ער קומען!

דערווייל זאגט אונזער אידעל תהלים, צי ער דאווענט, אפשר קוקט ער גאר אין חוק'ל אריין... אז עס וועט זיך הערען פייפען, וועט ער צוזאמענבינדען דאס פעקעל; אז ער וועט דערזעהן דעם רויך, וועט ער אויפשטעהן, און אז דער צוג וועט פארפאהרען, „מובטח אני“ — זאגט דער מגיד — אז ער וועט אריינשפּרינגען אין וואגאן!

— אזוי — זינגט ווייטער דער מגיד — טוען פשוט'ע, עהר־ליכע אידען; אידען מיט אמונה, מיט ישוב הדעת...

— און עס זענען — איז ער מבטיח בנאמנות — קיין קאלטע און חס־ושלום, קיין פוילע אידען נישט.

עס ציהט זיי קיין האציפלאץ, ווי מיט אייזערנע צוואנגען ציהט זיי! א שפאס — קבר אבות, א ירושה פון שרפ"ט, צי גאר אז עסק'ל — א מעקלעריי נתעשר צו ווערען!

נאר לויפען א ק ע ג ע ן דער באהן, ווייסען זיי, טאר מען נישט!

— ווי איז אבער — פרעגט דער מגיד — דער דין, אז א אי־דעל, וואס וויל פאהרען קיין האציפלאץ, ווערט, נישט פאר אייך געדאכט, נישט פאר קיין שום איד געדאכט — משוגע?! הא?

אז דער משוגע׳נער איד כאפט זיך פלוצים ארויף, און לויפט, נישט אפווארטענדיג אויף דער רעכטער צייט, אויף „עת לחננה״ — א ק ע ג ע ן דער באהן?

דער מגיד האלט איין א ווײלע און שיסט אוים מיט אמאל:
— גע׳הרג׳עט ווערט ער, דאס אידעל!

— עס איז אפילו א שאד — זאגט ער שוין מיט א ווייכען קול — עס איז אפילו א שאד א נפש מישראל — אן אות פון דער תורה הקדושה — נאר גע׳הרג׳ט מ ו ז ער ווערען!

איך ווייס נישט, צי איך האב אייך ריכטיג איבערגעגעבען דעם מגיד׳ס רייד. עס פעהלט מיר זיין לשון, נאך מעהר — עס פעהלט מיר זיין נגון, זיין הארצעדיגער, זינגענדיג־ווייגענדיגער נגון, וואס ציהט זיך און גיסט זיך אין א אידיש הארץ אריין, ווי א „שמן זית זך״ — ווי אן אמת כשר׳ער בוימאויל...

סיי־ווי־סיי אבער דער נמשל שווימט א ל י י ן ארויס:

וואס איז ארץ־ישראל? פרנסה מיט׳ן פולען מויל — זעמעל וועלען וואקסען אויף די ביימער, אפשר א מעקלעריי; אמאל איז עס געווען צווישען מצרים און בבל, היינט וועט דאס געשעפט ב ר י י ט ע ר און ג ר ע ס ע ר זיין: א פאקטאריי צווישען אזיע און אייראפא! און אחוץ דעם — קבר אבות! דאס איז אפשר גאר דער עיקר! און א באהן ג ע ה ט, דער צוג מ ו ז קו־מען!...

און דעם בילעט צו פאהרען, (פון פאהרען אהן בילעטען, פון גלגול מחילות א ו נ ט ע ר די בענק, רעדט מען נישט!) דעם בילעט — דעם זכות אויף דער גאולה — קויפט מען אין גלאוונע־קאסע ביים רבונו של עולם פאר בארע תורה, מצוות און מעשים טובים, אדער איז דער הילפס־קאסע, אין דער פיליע ביים רבי׳ן פאר פדיונות...

נאר אפילו מען האט שוין דעם בילעט, מוז מען נאך א ל ץ ווארטען!

פריהער „וועט מען בלאזען״, דאס איז שופר של משיח!

דערנאָך „וועט זיין אַ רויך!“ באַ, מעהר ווי אַ רויך — עס וועט זיין דם ואש ותמרות עשן, — אַ קל־וחומר פון מצרים!

אָבער די „ציוניסטען“, וואָס לויפען אַ ק ע ג ע ן דעם צוג — וועלען געהרג׳עט ווערען...

אַזוי האָט דער מגיד געזאָגט, ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויפ׳ן עולם מיט נצחון, האָט שוין געוואָלט ענדיגען מיט „ובא לציון גואל“ — — און שבת איז געווען, און די לינת־הצדק־לייט וואָלטען רוהיג אהיים געגאַנגען שלאָפען און וואָלטען איינגעדריקט דאָס רעכטע אויער אין קישען אריין צו הערען אין שלאָף, אויב מען בלאָזט נאָך נישט... איז אָבער, ווי להבעים, אַרויפגעשפרונגען איי־נער, פון י ו נ ג ע צ ו ו י ש ע ן י ו נ ג ע, אַ צעיר שבצעירים אויף דער בימה, און האָט אַ געשריי געטאָן:

— רבותים!

— רבותים, ער האָט אַ טעות, דער מגיד!

און ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ נעגעל פון די פיס, און דאָס יונגע קול׳כעל האָט געקלונגען, ווי אַ ניי־זילבערען גלעקעל: ער האָט אַ טעות, דער מגיד!

דאָס ניי־זילבערנע גלעקעל האָט אַן אַנדער נוסח פון דעם אייגענעם משל!

— קיין האַציפּלאַץ, — זאָגט ער — געהט טאַקע אַ באַהן — אָבער אונזער אידעלע זיצט נישט אויף דער סטאַציע!

און — ו ו ע ר סטאַציע, ו ו ע ן סטאַציע?

„די סטאַציע ווילען מיר ערשט בויען!“

דאָס אידעלע זיצט אין אַ וויסטען מדבר, אונטער די הרי־חשך זיצט ער! צווישען נחשים ועקרבים און פּיפערנאָטערס זיצט ער! עס חלומ׳ט זיך איהם נאָר די באַהן! אַן אַלטער חלום, פון וועלכען ער האָט דעם פתרון פאַרגעסען; און ער לעגט זיך נאָך שלאָפען, ער לייענט קריאת־שמע, קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין „על־חטא“! און קוים וועלען זיך איהם די אויגען צומאַכען, וועלען קו־מען די „ווילקאַלאַקים“, די חיות רעות, די הונגעריגע וועלף און וועלען איהם בייסען, און ער וועט אפילו נישט פּיהלען! ער וועט זעהן מיראַזען (אַ ליטוואַקעל, נעבעך!) חלומות... און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער...

און מיר — האט ער געענדיגט — שרייען טאקע: לויפט צו דער סטאציע וחיו! איהר וועט נ י ש ט גע'הרג'עט ווערען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צווישען דעם מגיד מיט די אינגלעך וויל איך מיך נישט ארייג־מישען; וועלכער נוסח עס איז דער ריכטיגער, איז נישט מיין זאך צו זאגען. ווען פ ר י י ע א ר ט און צ י י ט, וואלט איך אפשר פאר אייך א ד ר י ט ע ן נוסח, און אפשר גאר א נייע משל געהאט; אניט, וואלט איך אייך גאר א ליעדעל געזונגען, איך האב שוין אזוי לאנג נישט געזונגען! נישט אין דעם אבער געהט עס...

עס געהט אין דעם, אז אין לינת הצדק איז געווארען א ויכוח, א הייסער ברענענדיגער ויכוח! די לינת־הצדק־לייט זענען אויפגע־ריהרט געווארען, דער „שינה־בשבת־תענוג" איז דעם שבת בטל ומבוטל געווארען, — און אפשר אויך וויי‍טערע שבתים אויך... דאס, אייגענטליך, שאדט נישט — מען האט אפילו אן אסיפה געמאכט, און דערנאך — נאך אן אסיפה, און נאך אן אסיפה...

פראוועט אבער און טרעפט — וואס פון די אסיפות איז גע־בליבען!

— עס איז געבליבען, ברידערלעך, עס איז געבליבען, אידעלעך, אז פון היינט אן זאל לינת הצדק קיין קראנקע ארעמע ציוניסטען — מעג זיין וו י י קראנק און וו י י ארעם, — קיין לינה נישט שיקען!

מען האט זיך נוקם געווען אן קראנקע!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אז מען רעדט פון א ברונעם, דערמאנט מען זיך אן עמער, וואס שעפט פון ברונעם; און אז מען רעדט פון קראנקע, קומט אויף די געדאנקען דער רופא, וואס ציהט פון דעם חיונה!

שטעלט אייך פאר א רופא. —

און איהר שטעלט אייך פאר—א „טוב שברופאים לגיהנום"—

און, אויב איהר האט אייך אמאל ביי א רופא א צאן געריסען, דערמאנט איהר אייך אן א רויטע ברודיגע פאטשיילע, מיט וועל־כער מען האט אייך, צום דערשטיקט ווערען, דאס מויל פארשטאפט; דעם גרויסען אייזערנעם שליסעל, א שטאל צו עפענען, מיט וועלכען

מען האָט אייך אָפּערירט, און עס שרייט אין אייך: טוב שברופאים לגיהנום!

און איהר דערמאָנט אייך נאָך אפשר אַן אָרעם קראַנקען־בעט...

אַלע צוויי און פיערציג אַלטע ווייבער, אַלטע קרובות און אַזוי גבאי'טעס, האָבען מיט אַלערליי סגולות נישט געהאָלפען, צעהן מלמדים האָבען אָפּגעשפּראָכען עין־הרע'ס — און די קרענק ריהרט זיך נישט פון אָרט... מען האָט געבראַכט פון „איהם, זאָל לעבען" קמיעות — די זינד לאָזען די תּפלות נישט צו, לעגען זיך אויף דער קמיעא... און דער רופא שטעהט שוין ביים בעט...

וואָס נעמט ער אינגאַנצען, דער רופא? א צעהנערל! נאָר ער קומט דריי פיער מאָל אין טאָג... ער שמירט, רייבט, קלאַפּט אַריין עטליכע באַנקעס, שטעלט אוועק עטליכע פּיאַווקעס, א שפּאַניש פליגעלע... א בענקעל איז אַרויס פון שטוב, דערנאָך א טיש, דערנאָך מלבושים, דערנאָך דאָס קישען פון אונטער'ן קאָפּ — דער־נאָך ערשט, זאָגט ער, דער רופא: רופט א דאָקטאָר!

„טוב שברופאים לגיהנום!" קלאַפּט אייך אין די שלייפען!

איהר דערמאָנט אייך נאָך אין גרויס־שטאָדטישע רופאים פאַק־טוירים, רופאים, וואָס לאָקערען ביי גאַסטהייזער אויף אָרעמע און נאַרישע פּראָווינץ־קראַנקע, ווי די פאַסקע־שפּילער, בייטעל אונטער־וואַרפער... ווי די וועלף אויף פאַרלוירענע שאָף! אַן די שותּפים של עמלק — פון שווינדלער, שאַרלאַטאַנעם דאָקטוירים, וואָס טיילען צווישען זיך און די רופאים דעם אָרעמען קראַנקענס פעל... די יד־אחת־לייט מיט פאַלשע קונצען־מאַכער־פּראָפעסאָרען, וואָס מאַכען די קרענק אוועק מיט דער ל י נ ק ע ר האַנט, בשעת ווען די ר ע כ ט ע גראַבעלט אוים דעם לעצטען גראָשען פון אונטער'ן קראַנקענס קישען... און אין יעדען טראָפּען בלוט רופט אין אייך: טוב שברופאים לגיהנום!

און אפשר האָט איהר קרובים, באַפרייטע פון מיליטער — אויפ'ן בית־עולם? אפשר ליגען אייך זייערע אַלמנות און יתומים אויפ'ן האַלז? וואָס האָט ער דען געטאָן? עטליכע טראָפּען אין אויג צי אין אויער אַריין, עפּעס ערגעץ אביינדעל איבערגעבראָ־כען... אפשר קענט איהר רופאַ'ישע הייזער פאַר געמאַכטע קרענק און פעהלער — — — אפשר האָט איהר נאָך א קרובה, וואָס דער

רופא האט זי באפרייט פון צער־גדול־בנים מיט׳ן לעבען צוזאמען?

און איהר קריצט מיט די ציין: טוב שברופאים לגיהנום...

און איהר פרעהט אייך שוין מיט דער הייסער סמאלע באר, וואס איך וועל מאכען א רופא...

איהר האט אבער נישט געטראפען...

איך האב א רופא אין גן־עדן אריין! נישט באלד, חס ושלום; איבער הונדערט און צוואנציג יאהר, מיין איך!

געוואוינט האט דער רופא אין גערשאנקאווע (פאדאליער גוב.), אין דער קאלאניע גערשאנאווקע, וואס ליגט אין דערמיט צווישען צוויי באהן־סטאציאנען ווארנאווקע און קאלבאסנע, צו פינף ווערסט פון יעדערער.

אפשר פאהרט איהר מיט יענער באהן, כאפט אייך אהין אדער צוריק־צו־וועגס אראפ קיין גערשאנאווקע; איהר וועט, איך בין אייך ערב, קיין חרטה נישט האבען. איהר וועט זעהן א גן־עדן. הייזער באדען זיך אין גרינס — סאמע גארטען. טאמער פאהרט איהר ערשט א פאר יאהר שפעטער, וועט איהר שוין זעהן א גאנצען פארק!

און אין דעם פארק, אין גערשאנאווקער גן־עדן האט דאך ערשט נישט לאנג זיך אריינגעכאפט דער הונגער... אין 1900־1 — ווען בעסאראביען האט געהונגערט...

פאר בעסאראביען האט זיך געמאכט אין קישענעוו א קאמי־טעט, וואס האט געזאמעלט נדבות ביי דער גאנצער אידישער וועלט, און ווי עס איז געהאלפען. גערשאנאווקע ליגט אבער אין פאדא־ליער גובערניע! קריסטליכע קאלאניסטען האבען ווי עס איז הילף באקומען פון דער דומע, אידישע קאלאניסטען האבען פון ערגעץ קיין הילף נישט געהאט...

די שפייכלער זענען געשטאנען פוסט, ריין ווי אן אויסגע־לעקטער טעלער, שטיבער זענען געשטאנען טויב־שטום און פאר־וויסט, מענשען האבען זיך געבויגען, ווי דארע פארשווארצטע שא־טענס... נאכ׳ן הונגער געהט טיפוס פאר הונגער...

און דא האט זיך באוויזען דער רופא...

— און האט געהיילט, ממש מחיה־מתים געוועז?...

— ווייטער נישט געטראפען, ער האט זיך גאר אויפגעהויבען און איז אוועק קיין קישענעוו, צום קישענעווער קאמיטעט, און אזוי לאנג גערעדט און גערעדט, און אזוי פיעל רחמים געבעטען פאר

די גערשאנקאָווער קאָלאָניסטען און געווײנט, ביז — — —

— ביז מען האָט געמאַכט אַ נײעם קאָמיטעט פאַר גערשאָ־נאָווקע...

— נײן, דאָס װאָלט צו לאַנג געדויערט, עס מוז אָנשלאָגען אין פּעטערבורג. ער האָט בײ זײ גע׳פּועל׳ט, זײ זאָלען געדענקען, אז דאָס געלט איז פון כל ישראל, פון גאַנץ תפוצות ישראל, און די נאָהנטע גערשאָנאָווקע איז נישט שולדיג, אז די פּאָליציי האָט זי פאַר־רעכענט צו פּאָדאָליען... אז הונגער איז אין בעסאַראַביען, ווי אין פּאָדאָליען...

און דער קאָמיטעט האָט נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אַ קאָמיטעט פאַר׳ן הונגער אין בעסאַראַביען און האָט דורכ׳ן רופא געשיקט הלוואות פאַר די אידישע קאָלאָניסטען אין פּאָדאָליען!

און דער רופא איז אהײם געקומען מיט געלט, און די קאָלאָ־ניסטען האָבען איהם אויסגעקליבען, ער זאָל צוטײלען דאָס געלט, לויט הונגער, לויט נפשות אין דער פאַמיליע...

און דער רופא האָט עס געטאָן!

— אומזיסט?

— נאָר אינגאַנצען אומזיסט. אפשר האָט ער אין הארץ, ווי לינת־הצדק־לײט, גערעכענט אויף עולם־הבא, עס קאָן זײן; „אַ אי־דישע קישקע קאָן מען נישט שאַצען", טאַקע אַ רופא, נאָר דאָס פּינ־טעלע איד, פאַרט אַ נשמה פון בארג סיני, נאָר דאָ אויף דער וועלט האָט ער גאָרנישט גענומען.

— און דאָס האָט ווירקליך אַ רופא, אַ פּראָסטער רופא גע־טאָן?

— געוויס... נאָר טאָמער קאָנט איהר טרעפען, וואָס די קאָ־לאָניסטען האָבען געטאָן...

— נאָכ׳ן הונגער אַ פײנע מתנה געשענקט?

— נײן!

— אויף זײן נאָמען אַ קרן־קימת געמאַכט?

— נײן!

— אן אדרעס געשריבען און געשיקט מיט גאָלדענע אותיות אויף פײן פּאַפּיר?

— נײן!

— געשענקט איהם אן אָרט אין שול בײ דער מזרח־וואַנט?

אויף אייביג אויעקגעגעבן אתה־הראית, חתן תורה צי פּתיחת נעילה?

— ניין!

— אויפגעהאנגען, ווייל א רופא איז א דייטש, זיין פּאָרטרעט אין „שקאָלע“?

— אויך נישט!

— וואָס דען צו אַל־די־שוואַרצע יאָהר?

— בייזערט אייך נישט און רעדט נישט קיין נבול־פּה... איך האָב אייך פריהער געזאָגט, אז איהר וועט היינט ביי מיר גאָרנישט טרעפען...

הערט, וואָס די קאָלאָניסטען האָבען געטאָן! אייגענטליך נישט אַלע, נאָר די, וואָס האָבען ווענינער הלואות באקומען, ווי זיי האָבען געוואָלט. זיי האָבען דעם רופא גע׳מסר׳ט...

— טעותים אין חשבונות?

— דאָס איז געווען ביי די בני־הצדיק, נישט ביים רופא!

— אַז ער האָט נישט ע ה ר ל י ך געטיילט, נושא־פּנים געווען...

— חס־ושלום!

— וואָס דען?

— מען האָט איהם גע׳מסר׳ט, הערט, אידען — מען האָט איהם גע׳מסר׳ט, אַז ער פאַרקויפט שטילערהייט ארצניי־מיטעל! און דאָס טאָר מען נישט...

— און דאָס האָט ער כאַטש געטאָן!

— אפנים — אויך נישט! דאָס גערעכט, ווענינסטענס, האָט איהם אינגאַנצען באפרייט...

זעהט איהר, נ י ש ט געטראָפען!

און איך האָב נאָך, און — סחורה, ווי גאָלד!

וואָרים, אַז איך רעד פון רופאים, דערמאָן איך מיך אָן זייערע שותּפים...

אָן מאַנכע „באריהמטע“ דאָקטוירים — איהר קענט זיי אפשר די נאָכגעמאַכטע פּראָפעסאָרען, אויפגעבלאָזענע ספּעציאַליסטען, מיט די שוואַרצע רעק און גלאַנצענדיגע צילינדער מיט ווייסע האַנטשוה און קראַוואַטען אין מיטען דער וואָך...

און, אַז איך דערמאָן מיך אָן די יד־אחת־לייט מיט די רופאים,

וואס שטעהען ה ע כ ע ר און טויזענט מאל נ י ד ע ר י ג ע ר פאר די רופאים, דערמאן איך מיך אן מלאך־המות, ביי וועלכען זיי שטעהען אין דינסט, אן די בית־עלמינ׳ס, וואס זיי פלאנצען!

און פלוצים — אין מיט׳ן רווישענדיגען זידענדיגען בית־עלמין לעגט זיך מיר אויס א בית־הקברות!

שא, שטיל!

דא און דארט א גרין ציטעריג בוימעל — — —

ווייסע שטיינער, סאמע ווייסע שטיינער, אחוץ עטליכע אלטע, מיט מאָד־באוואקסענע, האלב, דרייפיערטעל און גאנץ איינגעזונקענע.

שא — צדיקים שלאפען, מורינו׳ס, מורה־מורינו׳ס און מורה־מורה־מורינו׳ס...

סאמע צדיקים, סאמע נדיבים, — תורה, חכמה וגדולה במקום אחר — אין דער ערד!

טייערע מענער, טייערע ווייבער, בריליאנטענע קינדער!

ווייסע נשמות, ווי די ווייסע שטיינער, גאלדענע הערצער, ווי די גאלדענע אותיות, און טיפע, טיפע נשמות, ווי די איינגעזונקענע מצבות...

שטיל, לאזט זיי שלאפען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאר טאמיר ווייסט איהר, ווען אין טאלאטשין, למשל, אין טאלאטשין, מינסקער גובערניע, ווער עס געהט דארט אממעהרסט אויף קבר־אבות?

— טאלאטשין — זאגט איהר — איז באריהמט מיט איהר טיפער בלאטע, מען קאן, אויסער אין די גרויסע פרעסט ווינטער, אדער תמוז אין די גרעסטע היצען אין שעהנעם העלען טאג איגמי־טען גאס דערטרונקען ווערען...

מן־הסתם — שטויסט איהר אייך דעריבער — געהען אויף קבר־אבות נאר די נאהנטסטע שכנים...

נישט געטראפען! אז מען האלט ביי קבר־אבות, איז בלאטע — בלאטע! א פוס ארויס, א פוס אריין און מען שפרייזט! הלמאי, אז מען זעהט פון דערווייטענס א בליץ פון א קופערנער קאפיקע?!

— בלי־קדש אין לאנגע שטיוועל —

אויך נישט; די געהען בארוועס!

— אהא ! דער גבאי !

איהר האט געהערט, אז אין טאלאטשין איז פאראן א באַריהמטער גבאי, א צוויי איילענדיג אידעלע מיט א שפאן און א פאר גרויסע שפאקולען...

אבער גאר לא, און דוקא מיט א ספאדעק !

דער גבאי, פארשטעהט איהר מיך, האלט אן אפטייק ; א קליין אידעלע און א גרויסע אפטייק ! אויפ׳ן ווייבס נאמען האלט ער זי, די אפטייק... גוי׳ש לייענען אבער קאן ער נישט. נישט ער, נישט זוגתו הצנועה... טרעפען זיך אודאי טעותים... נישט אין חשבונות חלילה, מישט מיר ווייטער נישט אריין די בני־הצדיק שיחיו, נאר אין די רעצעפטען...

און דער גבאי ציטערט פאר׳ן בית־עולם... וואו דער פעפער וואקסט אנטלויפט ער פאר׳ן בית־הקברות...

ווארים, וואס טוט אזא קליין אידעלע פון צוויי איילען און צוויי שפאן מיט א פאר גרויסע שפאקולען, אז א מצבה גיט זיך ראפטום א רוק אוועק און פון דער הייליגער ערד ברעכט ארויס און באווייזט זיך א ביינעריגער גולם מיט אויסגעהוילטע אויגען און פון אן אויסגעפוילטען לאך, במקום א מויל, שרייט פלוצים ארויס : רוצח !

ניין, דער גבאי געהט נישט אויף קבר־אבות...

— הכלל, ווער דען ? אזוי פרומע אידענעס, גבאי׳טעס, קברים־מעסטערינס, ליכטלעך־ציהערינס, אל־מלא־רחמים מאכערינס, שול־ און ארון־קודש איינרייסערינס...

— ניין, ברידערלעך ! הוא אשר דברתי — איהר וועט היינט ביי מיר גארנישט טרעפען !

חזירים, ברידערלעך, געהען אויף קבר־אבות, בהמות, אידעלעך, געהען...

אהן א צוים איז דער טאלאטשינער בית־עלמין, אהן א צוים !

און אפשר וועט איהר כאטש טרעפען, פארוואס קראנקע עסען אין ראדאמישל פון א געוויסער צייט קיין הינער־פלייש נישט ?

איך רעד נישט פון ארעמע קראנקע, די האבען אויף קיין הינער נישט. דאס זענען דעם בעל־טאקסעס פאראבקעס און מוזען

יוצא זיין מיט ביינער פון רינד־פלייש, — איך מיין רייכע חולאים!

עס פעהלען קיין הינער נישט, קיין שוחטים, בפרט עופות־שוחטים אודאי נישט!

נאר ווייסט איהר, וואס עס פעהלט?

עס פעהלט אן ארט, וואו עופות צו קוילען!

ביים אויסקלייבען אן ארט, וואו עופות צו קוילען, האט א דעה צו זאגען דער בעל־טאקסע, יאגט ער זיך נישט מיט'ן אויס־קלייבען! זאלען זיי דערווייל רינד־פלייש־ביינער לעקען!

און ווייסט איהר, פארוואס אדעם שטעהט אהן א רב? מען קאן קיין קלפי נישט מאכען...

עס פעהלט נישט, חס־ושלום, קיין וועהלער... א דעה צו זא־גען, ווען אפילו נאר אויף א רב, איז א שטיקעל נחת; אמאל לעקט מען נאך א ביין, אביסעל משקה כאפט מען אודאי... רבנים, מיט אפעטיט אויף אדעם פעהלט אודאי נישט...

וואס דען?

דער דומע פעהלט אן ארט, וואו די קלפי צו מאכען!

און אפשר וועט איהר כאטש טרעפען, וואו די כשר'ם־טע אידישע פאבריק איז?

אין פוילישען ראדזימין איז זי!

— ווער האט זי פארלעגט?

דער רבי, זאל לעבען און געזונט זיין, אליין!

— וואס ארבייט אוים די פאבריק?

בייטעלעך ארבייט זי אוים; בייטעלעך צו קמיעות... מען רע־כענט נאך איבערצוגעהן אויף בייטעלעך צו ארץ־ישראל־ערד...

— ווער ארבייט אין פאבריק?

משוגעים ארבייטען, משוגעים, וואס קומען זיך צום רבי'ן קורירען!

און בילעצט נאך איינס, נאך א קליינע רעטעניש! אייגענטליך נאר א פירוש אויף א לשון־קדש ווארט!

דער נייער, צוויי און צוואנציג יאהריגער טריסקער רב, ר' יעקב לייבעלע, זיין זכות זאל אונז ביישטעהן, פאהרט ארום אויף דער וועלט, דערווייל אין לובלינער גובערניע.

געקומען קיין סווערזש — געכאפט א פופציגער!

אריבערגעכאפט זיך קיין רודא־אפאלין, נישט ווייט פון סווערזש — איינגעשלונגען א פינף און צוואנציגער!

וואו ער איז פריהער געווען, וואו ער וועט שפעטער זיין, וועט אמאל די היסטאריע פארצעהלען...

נאר ביים געזעגענען אין רודא־אפאלין האבען די חסידים געבעטען דעם רבי'ן א נדבה פאר נ ש ר פ י ם.

און ער האט געגעבען... גאנצע דרייסיג קאפיקעס!

א ברייט הארץ האט ר' יעקב לייבעלע!

נאר טאמער טרעפט איהר, וועלכע נשרפים מען האט געמיינט?

איהר טרעפט: באברויסק, דזשיאלאוויטש... איהר רעכענט אויס א גאנצען אלף־בית פון נשרפים־שטעדט און — איהר האט נישט געטראפען!

פארשטאפטע מוחות זייט איהר! מתנגדים זייט איהר, אפשר גאר ציוניסטען!

ביי אייך איז פרעה — פרעה, חמץ — חמץ, זמרי־בן־סלוא — זמרי־בן־סלוא?

ביי אונז חסידים איז פרעה דער יצר־הרע, חמץ — די קליפה, זמרי־בן־סלוא א צדיק בן צדיק! און נ ש ר פ י ם זענען — ברענענדיגע חסידים מיט טרוקענע העלזער, וואס לעכצען נאך תקון! נאך אביסעלע י"ש!

פאר זיי האט ר' יעקב לייבעלע איבערגעלאזט דרייסיג קאפיקעס.

א ברייט הארץ האט ער, ר, יעקב לייבעלע!

זיין זכות זאל אונז ביישטעהן אין דעם מדבר, אונטער די הרי־חשך, צווישען פיפערנאטערס און חיות־רעות מיט די „מיראזשען", מיט די ווילקאלאקעס און חיות רעות!

13.

7טען אויגוסט, 1902.

פאריגע וואך האב איך אייך דערמאנט אז „טוב שברופאים לגיהנום“, נאר געמיינט האב איך פראסטע רופאים, און נישט אזוי וויט דערפאר, וואס זיי היילען קראנקע און וויסען קרענק, נאר איבער'ן „עיקר שכחתי“ — ווייל זיי גאלען, כאטש איך האב עס נישט דערמאנט, אידישע בערד, און ווערען אויף אזא אופן שותפים אין די פינף לאו'ן, וואס דער בעל־עברה'ניק איז עובר...

און קיין איינציגער „גאל־ישראל'ניק“ וועט זיך נישט פטר'ן אין יום־הדין דערמיט, וואס ער איז מצער די בעלי־עברה'ניקעס מיט ברודיגע שטיבער, אומריינע האנטיכער, שטינקענדיגען זייף און נישט גוט געשארפטע מעסער; און מען וועט אויף איהם נישט מלמד־זכות זיין דערפאר, וואס ער שניידט די בערד מיט די „וואנ־סערלעך“ מיט דער הויט צוזאמען — ווארים דערמיט טוט ער נאך ערגער: דורך איהם קומט אפ דער בעל־עברה, — אויב ער אנט־לויפט נישט צו א ראזירער א גוי, — אויף ד ע ר וועלט, און דארפען דארף ער אפקומען אויף י ע נ ע ר וועלט!

סיי־ווי־סיי קיין דאקטוירים האב איך דערמיט נישט געמיינט...

אמת, טייל דאקטוירים זענען נישט בעסער פאר די רופאים, זיי זענען אבער ג ר ע ס ע ר... וואס גרעסער דער בוים, גרעסער איז זיין שאטען; וואס גרעסער דער מענש, גרעסער איז דער יצר־הרע. עס איז, דאכט זיך, נאר א גמרא, עס איז אבער פארט אמת. א דאקטאר קריגט צוזאמען מיט'ן דיפלאם א גרעסערען זכות אויף עולם־הזה. ער מ ו ז האבען א שעהנע דירה, ער קאן נישט געהן אויפ'ן „היי־בוידעם“ אין טעאטער, ער קאן נישט פאהרען אויף דער באהן אין דער דריטער קלאס, צי מיט'ן טראמוויי פאר פינף קאפיקעס... ער מוז דעריבער „פארשרייבען“, נאך איידער ער וויסט די קרענק, ער מוז באווייזען קונצען און פארטרייבען די היץ, כאטש זי איז אמאל א רפואה — ער מוז... און „אונס רחמנא פטריה!“

און דעריבער טאקע האלטען אסך רביים מיט דאקטוירים.

דער פראגער צדיק, למשל, ווייסט נישט מעהר ווי נאר קריזשע! צי ער איז „בגלופין“, צי מיט א טרוקענעם האלז, צי עס איז „שואל בעצה“ א מענש מיט א קראנקען פוס. צי מיט א מאגען, צי מיט א קאפ, איין דאקטאר איז פאראן: קריזשע...

קריזשע איז אפילו נישט מזרע אברהם, יצחק ויעקב, אבער פון די חסידי־אמות־העולם איז ער; אידישע קראנקע האט ער ליעב, ווי דאס לעבען... ער איז זיי שטארק מקרב!

אנדערע — דער גראדיסקער, דער אפטער, דער אטוואצקער וכו׳ וכו׳ — מי מנה עפר יעקב? — שיקען שוין צו אידישע דאקטוירים, אדער שיקען בכלל נישט!

ווארים נישט אלע שיקען — נישט אלע האלטען פון דאקטוירים!

די דאקטוירים האבען טייל מורא — ווילען צופיעל וויסען, גראבלען צו פיעל אינעווענינ!

איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה שהיה — מיינער א באקאנטער איד געוועזען.

און א איד א מוצלח; נישט קיין עושר, נאר א בעל־פרנסה. א גרויסער בעל־בטחון דערצו.

און ער האט שעהן געלעבט, אידישליך געלעבט. ווי געזאגט— מיט בטחון... דאס הייסט: מיט קיין עין־הרע, א ווייב, מיט קיין עין־הרע, קינדערלעך, מיט קינדס־קינדערלעך!

די קינדער געשיקט אין חדרים, די איידעמעס גענומען צו זיך אויף קעסט און געשיקט אין די חדרים אריין די אייניקלעך.

עס איז א מחיה געווען צו קוקען, ווי אלץ האט געהאנגען אויף איין איד: ווי איין איד האט מיט זיינע צעהן פינגער און שארפען שפיץ־ביי־שפיץ קעפעלע געשפייזט, קיין עין־הרע, אן עולם! שבת ויום־טוב — אלע ביי איין טיש, סוכות—אין איין סוכה,—הושענא רבה פלעגט מען אויסארבייטען א שעהן ביסעל מעהל אויף קרעפלעך! אמת אידישער נחת!

פלוצלונג איז דער איד ארויס פון „קב־הבריאה“...

ער האט דעם אפעטיט פארלוירען — מען האט געמעגט פאר איהם קרעפלעך שטעלען, פיינסטע ציבעלעס מיט שמאלץ, מיט גענ־

זענע לעבערלעך — גאַרנישט! קיין שטיקעלע הערינג נישט, קיין שטיקעל האָניג־לעקער נישט:

און די הויט איז איהם פלוצלונג אויסגעטריקענט געוואָרען, ווי אַ פּאַרמעט האָט זי אויסגעזעהן, דאָס גאַנצע פּנים איז איהם דעריבער פאַרענדערט געוואָרען און דערביי האָט איהם שטענדיג געדאָרשטען!

מען וואָלט זיך אפילו נישט פיעל געמאכט פון אַזוינע זאכען, מאלע אַ מענש איז נישט בקו־הבריאה! מאכט זיך אָבער אַ מעשה, און, שניידענדיג זיך ערב שבת די נעגעל, פאַהרט ער אריין אין דער הויט און עס מאכט זיך אַ קליינע וואונד, מען לעגט צו שפּינוועבס, עס העלפט נישט; מען פאַרקלעפּט מיט מאַרקען־פּאַפּיר, עס זייערט דורך; מען לעגט איין פּלעסטערל, דאָס צווייטע — די קליינע וואונד וויל זיך נישט היילען, ווי אַ להכעיס!

קורץ און בקצור, מען האָט אָנגעהויבען ביי אַ פעלדשער, געקומען איז מען צו אַ דאָקטאָר, און דעם דאָקטאָר איז פונקט איינגעפאַלען נישט יוצא צו זיין מיט אויספּרעגען וועגען געזונט עד סוף כל הדורות, מיט באַקוקען די צונג, טאַפּען דעם דפק און אויסהאָרכען דאָס האַרץ מיט די פּלייצעס — ער האָט נאָך געהייסען שיקען צו אַן אַנדער דאָקטאָר, צו אַ „מומחה לאותו דבר“, דעם קראַנקענס „וואַסער“, ער זאָל זעהן, צי עס האָט נישט קיין גרויסען פּראָצענט צוקער.

פאַרשטעהט זיך, אַז אויב אַזוי, מוז מען שוין פרעגען דעם רבי'ן, זאָל לעבען...

און דער רבי, זאָל לעבען, האָט געשמייכעלט:

— זאָג נאָר, יענקעל, — פרעגט ער, — דו פרעסט צוקער?

— חס־ושלום, —ענטפערט אונזער יענקעל, — וואָס איז, אַ אינגעל בין איך?

— און וויפיעל שטיקלעך צוקער לעגסט דו אריין אין טיי אריין?

— איך לעג גאַרנישט — ענטפערט יענקעל — איך בייס צו!

— פון וואַנען דען קומט צו דיר צוקער?

אונזער יענקעל זעהט בחוש, אז עס איז אינגאנצען א שטות געווען...

— און וואס איז, — מאכט ווייטער דער רבי — אז מען האט צוקער? א שלעכטע זאך צוקער? צוקער איז, דאכט זיך, זיס? הא?

און דער יענקעל איבערצייגט זיך נאך מעהר, אז דער דאקטאר איז פשוט „שאינו יודע לשאול".

און דער רבי ווערט שוין אביסעל ערנסטער און זאגט:

— ווייסט דו: וואס, יענקעל, האסט ביז אהער נישט געוואוסט, וואס דו האסט אינעווייניג, ווייס ווייטער נישט...

און אונזער יענקעל איז אהיים געפאהרען, האט שוין קיין דאקטאר נישט גערופען, און איז אין א קורצע צייט ארום פלוצלונג אוועקגעפאלען, און, נישט פאר אייך געדאכט — געשטארבען...

— און וואס, מיינט איהר, וואלט געווען, ווען ער ווייסט, אז ער האט צוקער? ער וואלט נאך אפשר פריהער געשטארבען, פאר שרעק!

אזוי האט מיר א חסיד פארטייטשט...

דער נערער צדיק איז אויך נישט קיין מאמין אין דאקטוירים...

דאס איז שוין אין ווארשוי געשעהען:

אויף דער קראכמאלנע גאס איז א חסיד'יש ווייבעל געגאנגען צו קינד.

איך בין דערביי נישט געווען, נאר אזוי שרייבט מען.

און עס איז א ווייבעל פון א רייך הויז און א שוואך ווייבעל, און עס דארף זיין אן ערשטלינג... און גלאט — „היינטיגע שוואכע דורות", און א גארסעט־ווייבעל דערצו... מיידעלווייז האט זי נאך אפשר, צוליעב דער פיגור, גאנצע עמער עסיג אויסגעטרונקען... און דאס קליינע חסיד'ל, צי די קליינע צנועה, האט זיך נישט געוואלט ריהרען פון ארט...

די באבע האט געוואלט א דאקטאר; דער דאקטאר האט גע־זאגט, אז עס קאן זיין, מען וועט דארפען באנוצען די צוואנג, דעם

ווייבעלס יונגערמאן האט זיך דערשראקען און — איז געלאפען צום גערער צדיק...

— לאו! — האט דער גערער צדיק געזאגט — — —

עס איז אפילו געווען א מערכה, וואס איידער דער יונגערמאן איז אהיים געקומען, האט דער דאקטאר זיינס געטאן און די יולדת ל ע ב ט, און דאס קינד ל ע ב ט — דאך האט מען מורא, אז דאס פאר־פאלק וועט שוין, חס־ושלום, קיין ג ו ט ל ע ב ע ן נישט האבען...

דער אטוואצקער רבי ל ע ב ט פאר אזא מעשה שוין פופצעהן יאהר אהן א ווייב...

דערפאר טאקע קורירען אסך גוטע אידען אליין!

דער איד, זכרונו לברכה, איז, ווי די וועלט ווייסט, א גרויסע בריה געווען, לא עליכם, צו אומריינע קעפלעך. קונציג פלעגט ער די הערלעך רייסען; געשיקט — נישט מיט'ן אויג צו דערזעהן! ס'רוב גוטע אידען, פון בעל־שם ביז'ן ביכאווער, זענען גרויסע מבינים אויף עקרות... זכרונו לברכה דער אישביצער, סוף ימיו — דער ראדאשימינער — האט געהאט זיין אייגענם אן אלט ספר פון רעצעפטען, אפילו אויף דייטש, נאר גאר פון קדמונים, און האט געהיילט אהן אן אויסנאהם אלע ק ר ע נ ק...

דערפאר איז, למשל, דער קאריעניצער רבי אן אמת'ער מומחה פאר מקשה לילד'ס!...

און מאכען מאכט ער גאר פראסט.

אז עס קומט א דאקטאר, פארקאטשעט ער די הענט, גלייך ער דארף עמיצען פאטשען, כאפט א צוואנג, ווי א קאוואל, און לויפט צו צו דער ארעמער אידענע, ווי א גזלן...

דער קאריעניצער דארף נישט די אלע זאכען; ער ריהרט זיך אפילו פון ארט נישט!

ער שיקט צו דער מקשה לילד דריי שמעק טאביק פון זיין הייליג פושקעלע; ח"י גדולים א שמעק טאביק... ער הייסט, די באבע זאל זיך נאר א דריי מאל וואשען די הענט און זאגען דריי פסוקים אינגאנצען!

נאָכ'ן ערשטען מאָל די הענט וואשען: והוא כחתן יוצא מחופתו...

נאָכ'ן צווייטען מאָל וואשען: שערים ראשיכם... און ווי ווייטער שטעהט.

און ערשט נאָכ'ן דריטען מאָל אָפּוואשען דעם לעצטען פּסוק:
והשער הפונה קדמה לא יפתח בלתי לה' לבדו...

ווער עס ווייסט נישט די טייטש פון די פּסוקים, זאָל אָנ־פרעגען ביי א קאַפּולער מלמד פון וואָהלינער וואָלאָטשיסקער תלמוד־תורה...

נאָר נישט אַלע יולדות היילט ער! נישט אַלע וויל ער היילען!

טראָגט א אידענע א שייטעל, נישט א האָר־באַנד; כאַפּט זי זיך אַמאָל אַרויס אין א לבנה־נאַכט מיט'ן מאַן שפּאַצירען, ווער שמועסט, אז זי לייענט א אידיש וואָרט, אחוץ תחנות און צאינה וראינה — זאָל זיך די וועלט איבערקערען, וועט ער איהר קיין שמעק־טאַביק פון זיין פּושקעלע נישט שיקען, סיידען, אז זי וועט צוזאָגען תשובה צו טון...

און אז מען נאַרט איהם אָפּ (עס טרעפט זיך!) און ער ווערט דערנאָך געוואָר, אז ער האָט געראַטעוועט נישט קיין פרומע נשמה, ווערט ער אש־להבה, שטורעמט ער הימעל און ערד, ווערט ער טאַקע „להשמיד ולהרוג" — סיידען, אז מען שיקט איהם צו נאָך ח"י גדולים...

הייסען הייסט ער ר' דוד'ל...
זיין זכות זאָל אונז ביישטעהן!

און נישט נאָר רופאים, דאָקטוירים און גוטע אידען היילען—

אין ווארשוי איז פאַראַן א פּשוט אידעל, נישט קיין רופא, נישט קיין דאָקטאָר, נישט קיין רבי און מאַכט אויך גאַנץ גוטע געשעפטען —

ער היילט אַלע קרענק, און דוקא מיט איין רפואה — מיט פּאַרע...

ער האָט זיך זיין אייגען קעסעלע, מיט אַן אויוועלע, מיט א קוימענדעל — מיט א קליין מאַשינדעל דערצו...

אין קעסעלע גיסט ער אריין וואסער, און שיט אויף פֿאַרשי־דענע קרייטעכצער... דאָס איוועלע הייצט ער אונטער מיט האָלץ, מיט קוילען, אפילו מיט נאַפט, אבי עס ברענט. פֿון דעם וואסער מיט די קרייטעכצער לאָזט זיך דורכ'ן איוועלע א רויך — א פּאַרע. די פּאַרע לאָזט ער מיט דער היץ פֿון מאַשינדעל דעם קראַנקען אונטער דער הויט...

עס געהט צו איינס, צוויי, דריי! — ער „באַלאַמוטשעט" נישט! באַקוקט נישט קיין צונג, טאַפּט נישט דעם דופק, פרעגט אפילו נישט, צי האָט זיך עמיץ אין דער משפחה געהאַנגען און וואו עס טוט וועה — — — ער פרעגט נישט, און רעדט נישט א וואָרט און לאָזט אריין פּאַרע!

און די פּאַרע ווירקט, נאָך ווי אַזוי!

— געוואַלד, ר' איד, — שרייען די קרובים דערשראָקען, — עפּעס ווערט ער דאָך דער חולה אַנגעבלאָזען —

— גוט אַזוי, — ענטפערט ער, ער וועט נאָך ווערען גע־שוואָלען...

און עס איז אמת, דעם צווייטען טאָג זעהט מען שוין דעם חולה קיין אויג נישט אַרויס.

די קרובים שרייען נאָך מעהר געוואַלד, און ער ענטפערט נאָך קאַלטבלוטיגער:

— גוט אַזוי — ער מוז ווערען ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּענכער!

און צום דריטען טאָג:

— עוכר ישראל, ער שטאַרבט!

— מאַלע, א מענש שטאַרבט! אָבער וויפיעל האָב איך גע־ראַטעוועט?...

נאָר דאָס איז שוין פּאָר בעלי־בתים — — פּאָר סוחרים פֿון דער פראַנצישקאַנער גאַס, פֿון גענשא גאַס, פֿון די נאַלעווקעס...

פּראָסטע אידען הענגען נאָך אַן רופאים מיט גוטע אידען...

צולעצט קומען ערשט די דאָקטוירים...

גיטע געשעפטען מאַכען די, וואָס האָבען שותפות מיט רופאים; בעסערע די, וואָס האָבען א שטיקעל שייכות מיט גוטע אידען...

א ז ו י דאָקטוירים זענען נישט פֿון די גרויסע זאַכען.

ס'רוב זענען שולדיג די דאקטוירים אליין.

אין קארעניץ, למשל, איז געווען א דאקטאר, האט ער גע־האט צוויי מאוס'ע חסרונות: ערשטענס, איז ער געווען א איד און א אידישען דאקטאר האבען אידען, בפרט קארעניצער אידען, בפרט קארעניצער ליבאוויטשער חסידים, נ י ש ט ליעב; צוויי־טענס, האט ער זיך גארנישט אויפגעפיהרט ווי א דאקטאר: נישט פארשריבען קיין טייערע רעצעפטען, טיילמאל אליין פאר אן ארעמאן א רעצעפט געמאכט; טיילמאל איז ער גאר ארוים פון די כלים און האט איבערגעלאזט ביים ארעמאן עטליכע גראשען אונ־טער'ן קישען, און דוקא נישט אויף א רעצעפט, פון דעם האט ער ווייניג וואס געהאלטען, נישט אויף „באבסקע־רפואות“, אויס זיי האט ער געלאכט, נאר אויף פשוט עסען און טרינקען! ער האט שוין געהאט אזא איינרעדעניש, אז קראנקע, וועניגסטענס טייל קראנקע, דארפען עסען און טרינקען...

א טשערקעסין וויינט און ברעכט די הענט, אויב דער מאן שלאגט זי נישט במשך פון א וואך, „ער קוקט זיך אויף מיר נישט אום — קלאגט זי זיך — ער זעהט מיך נישט! עס איז גאר קיין מאן נישט!“ און ביי א אידישער קארעניצער קהלה איז א דאקטאר, וואס צאפט נישט קיין בלוט, מאכט נישט רייך דעם אפ־טייקער און רייסט נישט אויס ביים ארעמען קראנקען די לעצטע קאפיקע, וואס רייניגט נישט די קישקעס מיט דער קעשענע צו־זאמען, ווי א הונט לעקט אויס א טעלער — קיין דאקטאר נישט...

און אז נאט האט געהאלפען און דער דאקטאר בלומבערג האט זיך אנגעשטעקט ביי ארעמע לייט פון א טיפוס און מען איז זיינער פטור געווארען, האט מען איהם געלעגט הינטער'ן פלויט... און אז זיינע גלייכען, דעם דאקטארס קאלעגען האבען געבראכט פאר'ן קבר ווענען א מצבה — האט מען זיי נישט אריינגעלאזט!

און געגען וואס, מיינט איהר, האב איך דאס אלץ דערצעהלט? איהר זאלט נישט אזוי מורא האבען פאר קרענק...

אחוץ עין־הרע אפשפרעכען, אחוץ תוספות'לעך אויף קרחת, אפ'מאוס'ען רויזען... אחוץ ציגיינערשע, זנאכארשע און באבסקע

רפואות, און אחוץ בעדער פאר רייכע לייט, האָט איהר נאָך: רופאים, דאָקטוירים, גוטע אידען, און אַזוי אידען, וואָס היילען קרענק מיט פארע, מיט וואונדערליכע פלאַסטער, מיט ווייס איך וואָס...

14.

14טען אויגוסט, 1902.

אז מען לייענט אונזערע בלעטער, מיינט מען די וועלט געהט אונטער; די אידיש־רוסישע און די אידיש־פוילישע מיין איך. ריין גיפט זענען די בלעטער, א מרה־שחורה באפאלט, משוגע צו ווערען. און משוגע ווערען איז היינט קיין געשעפט נישט; עס פעהלט פלאץ פאר משוגעים אפילו אין וואַרשאַ־ווער שפיטאַל, און ארומלויפען משוגע'נעדהייט אין די גאסען — בררר! א קעלט געהט דורך די ביינער —

און וואס א בלאט — א בכיה לדורות, וואס א נומער — א קלאג־ליעד! מען הערט נישט מעהר, ווי נאַר חוסר־פרנסה, ציין אויף דער פאַליצע; קרעמער זיצען גאנצענע טעג אהן א „פאַ־טשאנטאַק", „גבירים טראַגען ביינאַכט אונטער די אָרים דאַס בעט־געוואַנט צום מלוה, דערנאַך — הענגען זיי זיך! שניידער לויפען ארום בארוועס, שוסטער נאַקעט און בלויז, שטיינער־קלאפּער האַ־קען זיך מיט די האמער אין קאַפּ אריין...

גאַנצע קהלות געהען, חס־ושלום, אונטער!

די קיעווער־קאוולער באהן האַט, אויסמיידענדיג ראַדאַ־מישל, ארויסגעוואַרפען דאַס שטעדטעל פון דער האנדעלס־וועלט, אבער גאַר אינגאַנצען! הונגעריגע קרעמער באפאלען, אז מען דער־זעהט א קונה, ווי די היישרעקען, ווי די חיות רעות... בעלי־מלאכות געהען ארום „פוסטע־פּאַס" מיט גרינע פּנים'ער און פרעמד־פייערדיגע אויגען... און דער יקרות איז גרויס, צוואַנציג קאַפּי־קעס א פונט פלייש...

עס זענען פאַראַן עטליכע רייכע בעלי־בתים, „מישען" זיי זיך נישט מיט אָרעמע לייט! זיי לעבען זיך גאַר באזונדער! א באַ־זונדער שול, א באזונדער באַד, א באזונדער רב, רבי צי ראַבינער... (איך האָב עס אויף גוי'ש געלעזען)...

זיי וועלען זיך נאָך אפשר מאַכען א באזונדער בית־הקברות... מיט אן אייזערנעם צוים, גאָלדענע שפּיצען... דעם ערשטען גביר—

א נפטר וועט איז דער התחלה זיין אביסל אומעטיג, מיט דער צייט וועט זיך דער בית־הקברות, מיט גאטס און די דאקטוירימס הילף, פארפולען...

— „מען אנטלויפט פון יעקאטערינאסלאוו... ווער קיין פא־לעסטינא, ווער קיין ארגענטינא... אלע געשעפטען געפאלען, אלע האפנונגען אויף בעסערע צייטען האבען אפגענארט..."

איך ווייס גארנישט, ווען זיי זענען געוועזען...

— „אוסטילוג, וואהלינער גובערניע... אמאל א גרויסער האנ־דעלס־פונקט... צווישען וועלדער,ביים בוג... עס האט געווימעלט פון דאנציגער סוחרים, סקיפער, שרייבער, שווימער, בינדער, בראַ־קירער, פארטירער, אחוץ פאקטוירים... עס האט געקאכט, ווי אין א קעסעל — — היינט פארוויסט!

די עמיגראציע וואקסט פון טאג צו טאג, עס העלפט אבער נישט. דער דלות וואקסט נאך געשווינדער...

פון די עמיגראנטען קומען בשורות רעות; עס העלפט נישט — ערגער ווי שלעכט קאן נישט זיין!"

— מען עמיגרירט פון אלע „סיעווערא־זאפאדניע" גובערניעס... קיין ענגלאנד, טראנסוואל, קאנאדא... וואו די אויגען טראגען — דער הונגער טרייבט!

— „מען פארלאזט אפ־ און נאך־נישט־אפגעברענטע שטעדט און שטעדטלעך... פון פריש־פארברענטען קאמיעניעץ ליטאווסק, גראדנער גובערניע, געהען אויף דער וועלט ארויס עמיגראנטען און אזוי בעטלער..."

— „אין ווילנא איז אן איינפאכער הונגער, בעלי־מלאכות כאַ־פען זעמעל פון די שטעלען... אנדערע — בעטלען! וואס־עס־איז ארבייט צו שאפען, הייסט די פאליציי איבערפארבען די צווי־מען ביי די הייזער..."

— „דורך ענגשאפט, אומריינקייט און הונגער שטארקט זיך אין ווארשוי דער פלעקען־טיפוס פון יאהר צו יאהר; ס'רוב ביי אידען... אין יאהר 1900 זענען געוועזען צוויי און זיבעציג אידען אויף ניין און ניינציג קראנקע; אין 1901 נישט בעסער: הונדערט דריי און פיערציג אידען אויף צוויי הונדערט דריי און פיערציג קראנ־קע, און אידען זענען דאך נאר א דריטעל איינוואוינער... דאס יאהר

1902 פיהרט זיך גישט בעסער: אין יאנואר איז געוועזען דריי־צען אידען אויף זעקס און צוואנציג קראנקע, פעברואר — נייגצעהן אויף זיבען און דרייסיג, מערץ — פינף און דרייסיג אויף פופציג, אפריל — אכט און דרייסיג אויף ניין און פופציג..."

און נאך, און נאך...

און ווייסט איהר, וואס איך טו, אז איך לעז אזוינע ידיעות?

איך שטעה אויף, טו אן דאס היטעל, וואש מיר די הענט און בענש גומל, וואס איך בין געבוירען א איד, מיט א אידישער נשמה!

איך בין א איד, וואס איז געוועהנט פסח, זמן חרותנו, א מלך אויפ'ן הס'בעט, צו עסען אייער לסמן אבלות, און תשעה־באב, אין דעם שווארצען יאהר־צייט פון אנהויב גלות, צו מאכען זיך א יום־טוב, נישט צו לעגען קיין תפילין אוןווארפען זיך, שפּילענדיג, מיט בערעלעך, און אז עס פארפעהלען בערעלעך — מיט שוד און שטיוועל, מיט לייכטער, בענק און שטענדער...

איך בין א איד, און ב ט ב ע זוך איך פלעקען אין דער זון און ביי א פלעקיג־געשפּרענקעלט־געשטופּעלטער אידענע — א שעהנע העויה, א ליעבליכען בליק...

איך בין א איד, א אידישע ביהן, און פון מ י י נ ע קאָ־רעספּאנדענטען וועל איך אייך דוקא אויסשלאגען מעהר האָניג, ווי א גאנץ יאהר!

ישועות ונחמות וועל איך אייך געבען!

עס איז נ י ש ט אזוי שלעכט; די וועלט געהט אזוי לייכט נישט אונטער!

איהר גלויבט נישט?

הערט, וואס מען שרייבט:

— ג א ל ד ע נ ע ג ע ש ע פ ט ע ן מאכט מען ביי אונז אין מיראפּאל, וואהלינער גוברניע...

און צו די גאלדענע געשעפטען דארף מען קיין ג א ל ד, אפילו קיין ג ע ל ט נישט האבען; מען נעמט ארויס, כאטש מען לעגט נישט אריין, אפילו נישט די האנט אין קאלט וואסער!

אז א פרומער כשר'ער מיראַפּאָלער איד, א איד ווי א איד דאַרף זיין, וויל האָבען, אויסער לויתן, שור הבר און יין המשומר אויף י ע נ ע ר וועלט, כאָטש עטליכע מאָל אין יאָהר א פּולקע געגזענעם, א שטיק פיש, א קאַרפּען־קאָפּ צי א מיטעל־שטיק, און א פיין גלעזעלע משקה אויף ד ע ר וועלט אויך, דאַרף ער קיין גרויסע זאַכען נישט טון, אפילו נישט אוועק למדינת הים. עס איז גענוג, אז ער פאַרשרייבט זיך אין ח ב ר ה ק ד י ש א ! עס פאַלט אמאָל א קאָפּיקע אין קעשענע אריין אויך!

„אונזער געשעפט איז א זיכער געשעפט!"—זאָגען די שמשים און קלאַפּען פרעהליך צו צום טאַקט מיט דער צדקה־תציל־ממות־פּושקע...

„גאָלדענע געשעפטען!" — זאָגען די גבאים און די חברה־לייט פון חברה־קדישא מיט א זיסען שמייכעל אויף די זאַטע פּנים'ער...

און מיינט איהר — מען באַרייסט?

חלילה! דוקא מענשען מיט רחמנות, מיט אידישע הערצער!

אַט איז ערשט נישט לאַנג אַוועקגעקומען א אידישער לעה־רער... אן אָרעמאַן... פאַרקרענקט דאָס לעצטע קישעלע פון אונ־טער'ן קאָפּ... איבערגעלאָזט אן אלמנה מיט יתומים — — מיינט איהר, מען האָט איהר די „בעבעכעס אויסגעזעצט"? חס־ושלום! איינגאַנצען א פינף און צוואַנציגער באַצאָהלט! קוים אן אַכטעל פון דער סומע, וואָס די בני־חת האָבען באַקומען פאַר די מערת המכפלה — און יענעם איז דאָך געווען אויפ'ן עהרליכען וואָרט, אויף „ביני ובינך מה הוא"...

און, למשל, אין פּוילען...

די אָרומיגע שטעדטלעך ביי מראַזי זענען אָפּגעפאַלען, ווייל די קריסטליכע בעלי־בתים פון די מראַזער זומער־וואָוינונגען לאַ־זען קיין אידען נישט אריין... דערפאַר הויבט זיך קאַרטשיעוו אונ־טער אָטוואָצק און אויך דורך דער חברה־קדישא... עטליכע מאָל אין יאָהר טרעפען זיך מתים אין אָטוואָצק, און וואָס פאַר א מתים, — וואַרשאַווער, סאַמע דייטשען כמעט! מען נעמט צו ביז'ן לעצטען

גראשען, דעם בר־מנן שמייסט מען אפ נאך דער טהרה, ער זאל אביסעל אפקומען אויף דער וועלט און — געלט איז דא!

און דאס געלט, חס־ושלום, געהט נישט לאבוד... מען וועט דערפאר, חלילה, צוריק נישט אויפבויען די איינגעפאלענע שול, קיין שויב אין בית־המדרש נישט אריינשטעלען, נישט ארומצוימען דעם בית־הקברות...

אין זומער־צייט האט קארטשיעוו ס ע ז א ן, קארטשיעוו בליהט און שטעהט אויף תחית המתים צוזאמען מיט וואלד און פעלד, מיט די פייגעל צוזאמען קלינגען פרעהליך־נחת'דיג די קארטשיעווער זמירות...

גאלדענע געשעפטען!

און ווייסט איהר פאר וואס גאלדענע געשעפטען?

ווייל עס איז חברות!

קוים א חברה (פרעגט לעוויצקי'ן!) איז שוין גוט!

ביי אן ארעמאן, אז מען גיט יעדען אויף א באזונדערען טעלער, זעהט מען ארום דעם דנא, אז אפילו א פליג וועט נישט דערטרונקען ווערען! אבער אז מען עסט פון איין שיסעל, פרעהען זיך כאטש די אויגען!

דעריבער געהען חברות אין דער מאדע אריין!

אין ווארשוי מאכען „יד אחת" שניידער, שוסטער, שמוקלער... אין ל י ט וו י ש ע שטעדט — אפילו מלמדים מיט קצבים!

אוים קאנקורענץ!

איין מלמד וועט שוין נישט זאגען דעם צ וו י י ט ע ן: דו לערענסט א י י ן פרשה חומש א וואך, איך וועל לערנען צ וו י י, דו לערענסט תרגום א ו נ ק ל ס, איך וועל לערנען אונקלס מיט י ו נ ת ן ב ן ע ו ז י א ל! דו שמייסט דורך דעם עולם א י י ן מאל אין וואך, — טאג־טעגליך וועל איך שמייסען, איך זאל אפילו א הארץ־פעהלער באקומען! בלוט וועט רינען!

און איין קצב וועט נישט זאגען דעם צווייטען: דיר להכעיס וועל איך וועגען עהרליכער, פארקויפען ביליגער; אן אמת'ען מארך־

ביין געבען פאר א צולאג און קיין פגירה־פלייש וועט אויף מיין קלאץ נישט קומען!

יד אחת וועט זיין: איין תורה, איין קאנטשיק צו אלע מלמדים; איינערליי ביינער און איינערליי וואג — אויף אלע קלעצער, ביי אלע קצבים!

אפילו שוחטים, אויסגעווייקטע פרומע שוחטים, מאכען יד־אחת און פארלאנגען צוויי גולדען הוספה אויף דער בהמה. די קצבים ווילען נישט, זיצט די פוילישע גובערניע־שטאדט קיעלץ שוין א צייט אהן פלייש!

און די שוחטים ווילען אויספיהרען!

יעדער שוחט פ א ר ז י ך איז א ווייך ריטעל, וואס א קצב בויגט זיך ארום פינגער, אבער אלע צוזאמען זענען א בעזעם! א בעזעם פאר די קצבים, א בעזעם פאר קיעלץ!

און אפילו טייל ווארשעווער דאקטוירים ווילען זיך מאכען א חברה: איינער פאר אלע א י ן דער חברה און קעגען אלע א ו י ס ע ר דער חברה, און די גאנצע חברה פאר יעדען פ ו ן דער חברה און קעגען אלע א ו י ס ע ר דער חברה!...

און עס וועט אפשר געראטען. עס האבען זיך שוין פארשריי־בען ספעציאליסטען; עלעגאנט־שמעקענדיגע דאמען־טרייסטער, גאנץ־אויבערפלעכליכע הויט־קראנקהייטען־היילער, טיף־ערנסטע דאקטוירים פון דער אקושעריע, טיף־זיניגע מאגען־פארשער: אחוץ נערוועז־עלעקטריזירער, בייטעל־שניידער, קאפ־צופער, ציין־רייי־סער, נאז־ברענער וכדומה... מען זאגט: עס ווילען אריין צו צוויי פאר ספעציאליסטען, ווי די עופות טמאים אין נח'ס תיבה...

די חברה האט שוין אפילו ת ק נ ו ת געמאכט!

שוין אויפגעשריבען! מען דארף נאר די תקנות איבערלעזען, אנגעמען און דערנאך — דערנאך וועלען זיין גאלדענע געשעפטען!

איהר זאלט נישט מיינען, איך שפאס, ווי אויך צוליעב די דאקטוירים פון דער פראווינץ, גיב איך אייך דא איבער עטליכע פון די תקנות:

1) יעדערער פון דער חברה איז מחויב צו באמיהען זיך צו

האבען וואס מעהר פראקטיקע; די, וואס ער האט, צו האלטען מיט די ציין, נייע זיך צו שאפען מיט אלע כוחות, מיט גוטען און מיט בייזען, כדי ער זאל קאנען וואס מעהר פראטעזשירען זיינע חברים!

צו דעם צוועק זענען פאראן פארשידענע עצות; עטליכע נאט אייך:

6) מען מוז זיך אויפפיהרען פיין און גוט, ווי א מענש מיט הארץ...

איז קראנק א קינד, בפרט א ציטעריג קינד, זאל מען גלעטען די מוטער... זי מעג זיין מאוס, מען דארף גערענקען, אז מען אר־בייט לטובת הכלל.

אין פאדער־הויז מוז מען צושמייכלען דער דינסט; ס'רוב האט זי אויך א דעה...

באמערקונג: דאס איז נאר נוהג ביי רייכע פאציענ־טען. ארעמע איז בעסער צו האלטען פון ווייטען, טראקטירען פון דער הויך... ווינטער מעג מען צו אן ארעמען קראנקען ארייננפאלען פארשנייט און אין פאלטא מיט די קאלאשען, ארויסכאפען דאס קינד פון וויג און צולענען מיט די לונגען צום אויער... עלטערע נישט צולאזען צו זיך, מאכען פאר זיך מיט'ן שטעקען, ווי א מיהל — פון ווייטען באזעהן די צונג...

7) ביי רייכע קראנקע — ווארטען, ביז מען וועט ברענגען דאס פלעשעלע פון אפטייק און אליין איינגעבען דאס ערשטע לע־פעלע. ביי די מיטעלמעסיגע בעלי־בתים הייסען זיך שיקען זאגען, ווי דאס קינד איז ביינאכט געשלאפען...

11) עטליכע וואכען נאכ'ן געזונט ווערען פון קראנקען, ארייג־פאלען אמאל און פרעגען, וואס עס הערט זיך. נאר דערפאר קיין געלט נישט נעמען. מען זאל אפילו האבען א פול מויל מיט וואסער!

23) די קראנקע, און אלע אהום קראנקען, דארף מען איבער־שרעקען... אלץ אויפבלאזען, ווי א לונג און לעבער, מען דארף מאַ־כען: פון א קאטאר — אן אנצינדונג, פון בויך־וועהטאג — א טי־פוס, פון א פשוט'ער אנגינא, קוים דאס העלזעל רויטעלט זיך — אסכרה; בעסער נאך דיפטעריט און רופען א ספעציאליסט פון דער חברה, ער זאל ארייגשפריצען סוראוויצע...

לאָזט זיך בלוט פון דער נאָז — אַ פּאַליפּ, און באַלד, טאַקע תּוך כּדי דבור, אַפּשיקען צו אַ ספּעציאַליסט אַ חבר צום אויס־ברענען!

פון אַ בראָדאַווקע איז לייכט צו מאַכען אַ בייז־ווילד־פלייש, און כאַטש דריי חברים רופען צו אַ קאָנסיליום...

פאַררייסט זיך אַ נאָגעל, זאָל מען דערמאָנען אין גאַנגרענע... און נאָך, און נאָך...

און דער טעם דערפון איז אַ פּשוט'ער! ממה נפשך: וועט אויסגעהן צו גוטען, איז ער דאָך טאַקע אַ דאָקטאָר, נאָך ווי הייסט אַ דאָקטאָר! סכּנות־נפשות געוועז! און ווען, חלילה, נישט — על כּל פּנים — האָט ער פ ר י ה ע ר געוואוסט, „אַ שטיק נביא איז ער“...

און, אַז דער עולם ארום, מיט'ן קראַנקען צוזאַמען, זענען שוין גוט איבערגעשראָקען, זאָל מען זיך נעמען צו דער ארבייט מיט כּח — „איבערצורייסען“ אָדער „פאַרכאַפּען“ די קרענק! פּיאַווקעס, באַנקעס, אַלערליי פּלעשער, פּולווער, שפּריצען אונטער די הויט, צו אַ יולדת באַלד צו מיט דער צוואַנג... דער עולם זאָל זעהן, אַז מען טוט, מען ראַטעוועט...

אַזוי זאָגט פּאַראַגראַף צוויי און זעכציג!

און, דער עיקר איז, שטענדיג צוצוציהען איינעם פון דער חברה.

קומט אמאָל אויס, מען מוז צורופען איינעם נ י ש ט פון דער חברה, למשל, ביי אויגען (קיין אָקוליסט האָט זיך נאָך נישט פאַרשריבען), זאָל מען רופען איינעם פון י ע נ ע ר זייט וואַר־שוי... מען זאָל איהם נישט האָבען אונטער דער האַנט! אַזוי זאָגט פּאַראַגראַף זיבען און אַכציג!

אויסער דעם איז פאַראַן אַ גאַנצער פּרק, ווי אַזוי מען זאָל זיך נוהג זיין, אַז מען קומט צו אַ קראַנקען, וואו אַן אַנדער דאָק־טאָר, נישט פון דער חברה, איז שוין געוועזען. איז עס אַ יונגער געוועזען, לאָז מען פּשוט ארויסוואַרפען דעם רעצעפּט דורכ'ן פענס־טער; אָדער מיט בזיון, אָדער מיט כּעס, ווי עס פּאַסט... איז עס אַביסעל אַן עלטערער — זאָל מען אַ קרים טון מיט דער נאָז און זאָגען: אַ גוטער רעצעפּט, נאָר א י ד האָב אַ בעסערען, אַ פריי־

שערען, ערשט א נײ מיטעל, ערפונדען אין פאריז... און פארשרײ־בען זאל מען דוקא דאסזעלבע, נאר אויף אן אנדער אופן. איז גע־װען א פלעשעלע, זאל זײן פולװער און פארקערט... טײלמאל עפעס צוגעבען; נאך א פיאװוקעלע, א שפאניש־פליגעלע, באדײ א פלעם־טערל...

װי איהר זעהט, אויב די חברה װעט זיך מאכען, און עס האלט דערבײ, װעט זײן פרנסה, װעלען זײן גאלדענע געשעפטען!

נישט אומזיסט האט דוד המלך געזאגט: לכו והתפרנסו זה מזה!... נאגט אײנער דעם צװײטען!

איך בין אײך מבטיח, אז עס װעט גוט זײן, אויסער, אז עס װעט זיך מאכען נאך א חברה!

װארים, װי קאן זײן א בעסער געשעפט, װי חברה־קדישא, און פונדעסטװעגען ליגט אין װאסילקאװ, גראדנער גובערניע, שוין א צײט לאנג הונדערט און פופציג רובל קבורה־געלט און קײנער לעקט נישט אפ א בײן... און װײסט איהר פארװאס? װײל עס זענען פאראן צװײ חברה־קדישות...

די הונדערט און פופציג רובל קאנען אזוי ליגען „עד שיבא אליהו", ליגען גאנץ, װי א טויטער אינדיק צװישען צװײ הינט. װאס שטעהען זיך אקעגען אײנער דעם אנדערען, בײדע בילען און אײנער לאזט דעם צװײטען זיך נישט ריהרען מיט א צאן!

הכלל, חברות, מאכט חברות! דאקטוירים, אדװאקאטען, אינ־זשענירען...

דאך נישט אלע דארפען חברות...

שװאכע קעניגלעך האלטען זיך צוזאמען, לײבען געהען שוין יעדערער באזונדער... גוטע אידען דארפען קײן חברות נישט, יע־דערער לעבט זיך אויף זײן אײגענער פויסט!

הערט, למשל, װאס מען שרײבט פון לובאמיל (װאהלינער גו־בערניע):

— ער איז געקומען אײנער אלײן, ר' לײב צדיק... און גע־

עפענט האַט ער זיך זיין קרעמעל פון בנן, חיי, מזוני מיט אַ צולאַג אביסעל נביאות אין אן אכסניא, און ער לייזט, ברוך השם. דער עולם לויפט, ווי נאָך מצה־וואַסער! ער — מאַכט גאָלדענע געשעפטען...

זעהט איהר שוין — עס איז גישט אַזוי שלעכט!

15.

21טען אויגוסט, 1902.

היינט וועט נעהן נאר א נייע סדרה.

די פאסט איז צו קליין, ווענינ נייעס!

די קארעספאנדענטען, ווי עס זעהט אויס, זענען זיך צולאַפען: ווער אויף פרישע לופט, ווער אין בעדער, ווער קיין אמעריקא, ווער קיין טראנסוואל...

נאר שרעקט אייך נישט, עס איז נישט קיין „בכיה לדורות"... פון „פרישע לופט" און בעדער קומט דאס רוב צוריק, און אפילו די, וואס זענען געפאהרען קיין טראנסוואל, וועלען אויך, אם ירצה השם, צוריק קומען! עס ווייזט זיך אויס, אז ענגלאנד, וואס האט געשלאגען די בורען, ווייל זיי זענען זיך שלעכט באַגאנגען מיט פרעמדע און נישט אויף דער רגע צוגעלאזט צום קרעפעל, אז דאסזעלבע ליבעראלע ענגלאנד האט, נאכ'ן איינ־נעמען טראנסוואל, די גרענעצען פארשלאסען, און לאזט קיין פרעמדע נאר לחלוטין נישט אריין!...

און די אמעריקאנער וועלען אויך נישט פעהלען; איבער דער וואך וועלען, מיט גאטס הילף, אויף זייער ארט אויפוואקסען נייע, שפאגעל־נייע קארעספאנדענטען! און — „נייע פיינעל — נייע ליעדער" — זיי וועלען אפשר באריהרען נייע זייטען פון אידישען לעבען און נישט שטאפען אייך אלץ מיט סאמע אלטווארג: מיט קאראבקע, כלי־קודש, חברה'לעך... סיי־ווי־סיי — שרייבען וועט מען; אויב „שרייבען" איז נאך קיין געשעפט נישט, א יצר־הרע איז עס!

און איך, פון מיין צד, זאג אייך צו מויערען דורכ־צוברעכען און שטעדט און שטעדטלעך זאלען זיין!

דערווייל אבער וועלען מיר זיך פארנעמען מיט די הכחשות, וואס זענען איינגעפלאכען, זייט איך האב מיך ביי אייך פאר א „ביהן" געשטעלט! מיט די האלבע און גאנצע פראטעסטען, וואס איך האב איבער דער קורצער צייט באקומען.

און איך טו עס גאנץ גערנוויליג.

איך האב אייך קיינמאל נישט ערב געוועזען פאר'ן מאטעריאל, פון וועלכען איך בוי די „שטעדט און שטעדטלעך"... נישט מיין מאטעריאל; האט מען מ י ך גענארט, האב איך א י י ך גענארט!

און וועט זיך אויסווייזען, אז איך א ל י י ן בין אריינגעפאלען, איז אויך, חס־ושלום, קיין אומגליק; וועל איך אויף דער שטעל חרטה קריגען, קלאפען זיך אין הארצען אריין על חטא: חטאתי, עויתי, פשעתי און — וועל ווייטער שרייבען!... וועט זיין „אחטא ואשוב" — א דאגה איך האב!

און בטבע בין איך גארנישט קיין „כיון־שהגיד־שרייבער", איך בין קיינמאל קיין עבד־כנעני נישט צו דעם, וואס איך האב געזאגט, געשריבען און אפילו געדרוקט!

איך בין אפילו מודה על האמת — אז איך בין די פ ע ס ט ע שרייבער נישט מקנא!

און ווייסט איהר, פארוואס איך בין זיי נישט מקנא? ווייל די פ ע ס ט ק י י ט איז נישט פון א י נ ע ו ו ע נ י ג. נישט די נ ש מ ה איז ביי זיי פ ע ס ט... גאר פארקערט: דאס זענען ס'מעהרסט ו ו י י כ ע און דערצו נאך אזוינע ש ו ו א כ ע מענשען, אז זיי קאנען די פארע, וואס זיי לאזען ארויס פון אייגענעם מויל, פון זיך נישט אוועקבלאזען!... די פארע האלט זיך ארום זיי, זי קלעפט זיך צו זיי צו, זי ווערט פארגליווערט, פארהארטעוועט, פארשטיינערט אויף זייערע פנים'ער, און דער שרייבער זעהט דעריבער אויס ווי א ג ע ה ע נ ד י ג ע מצבה! גלייך מען וואלט איהם אפגע'טובל'ט אין א קארלסבאדער הייסען שטרודעל! דעם קאפ נישט איבערצודרעהען! — —

און דערפון טאקע האלט איך נישט! קוים ווייס איך, אז איך בין קיין שכור נישט, בין איך נישט מחויב צו ווייזען א קונץ, אז איך געה שטענדיג אויף איין ברעט! אונזערע ליטעראַרישע ארזי הלבנון זענען אפשר שעהן, נאר זיי וואקסען נישט, בליהען נישט, און א בליץ מיט זיינע זיגזאגען געפעלט מיר פארט בעסער...

און אז איך בין שוין אראפ אין א זייט און רעד וועגען די, וואס איך בין נישט מקנא, מוז איך אייך שוין זאגען, וועמען איך פלעג אמאל י א מקנא זיין — די פיין־שרייבער!

איך פלעג מיר זאָגען: רבונו של עולם, די וועלט דאַרף פּער־פּומעס צום לייב. צו די האָר... און די וועלט (אויסער דאָס ביסעל קבצנים) דאַרף לעדער אויך אויף שיך, שטיוועל און האַנטשוה... פאַרוואָס זענען מיינע חברים פּערפּומעס־מאַכער און איך דוקא אַ גאַרבער, און מוז בייטשען און שניידען דאָס פעל פון אַלערליי חיות ובהמות?

פאַרוואָס האָט מען מיר געגעבען אין דער האַנט אַריין אַ בעזעם פאַר אַ פּענזעל, און געשטעלט מיר אַ שאַף סמאָלע במקום פאַרב און געהייסען — שמירען!

און וואָס מעהר איך שמיר, פינסטערער ווערט מיר פאַר די אויגען. ווערים די, וואָס איך שמיר, — קהל'ס־לייט, בעלי־בתים, יחידי־סגולה, גבאים, כלי־קודש — די אַלע קומען אַרויס, ווי די קוימען־קעהרער, ווי די מלאכי־חבלה!

צי וואָלט איך נישט געקאָנט — פלעג איך מיך קלאָגען — אויך זיין אַ פיין־שרייבער און טונקען אַ רויזענשטענגעלע אין רויזענאויל און גלעטען די בעקלעך ביי דער כנסת־ישראל!

דאָס אַלץ אָבער איז געוועזען אַמאָל...

היינט זאָג איך: גם זו לטובה!

פיין־שרייבער באַקומען קיין הכחשות, קיין פּראָטעסטען נישט... זיי רינגלען אַרום סאַמע כינעזישע פיגורלעך, וואָס שאָקלען מיט אַ פאַרגליווערטען זיסען שמייכעל די שפּילקע־קעפּלעך: יאָ, יאָ! (אויף לשון־קודש: חן, חן!) און קיין איינציגער פון די פיין־שרייבער וואָלט היינט אויף מיין אָרט קיין שטעדט און שטעדטלעך נישט געהאַט...

און אַצינד, אַז איך האָב מיר שוין אַביסעל אָפּגערעדט פון האַרץ, וועלען מיר זיך נעמען צו די הכחשות!

און פריהער פאַר אַלעם מוז איך מיר קלאַפּען אין האַרץ אַריין על חטא שחטאתי בנגד הגעאָגראַפיע...

לויט מען שרייבט מיר, האָב איך עובר געווען אויף „לא תוסיף" מיט „לא תגרע". איך האָב זי געשלאָגען, די געאָגראַפיע, מיט „חסיר" ו„יתיר"; עטליכע שטעדט און שטעדטלעך האָב איך

איבערגעוואָרפֿען פֿון זייער גובערניע אין פֿרעמדע גובערניעס אַריין. עפּעס אַ קרעה־ווינקעל האָב איך מיט איין שטראַך מיט דער פֿע־דער געזאָלט איבערטראָגן ת"ק מאות פּרסא...

עס קאָן זיין, אַז שולדיג איז דער בחור הזעצער, וואָס קראַצט מיך שטענדיג אין דער זיבענטער ריפּ מיט זיינע גרייזן...

עס קאָן זיין, אַז שולדיג זענען די קאָרעספּאָנדענטן (בפרט די יונגע, וואָס שרייבן נאָך אויף געווירעט פּאַפּיר), וואָס נוצן ס'רוב פּאַפּיר גרינס, טינט ווייסע, און שרייבן פּאַרציקט, מלאכים־כתב, שבועות־רויזעלעך...

און אפשר בין איך אַליין שולדיג, וואָרים באמת — איך קען קיין געאָגראַפיע נישט, און דעריבער טאַקע, זאָג איך קיינמאָל קיין עצה נישט, וואוהין מען זאָל פֿאָהרען... טייל ערטער, מיין איך, אַז זיי זענען אין טיף רומעניען און זיי ליגן נאָר אין דער „טשער־טאָ" וכדומה... סיי־ווי־סיי, איך נעם די זינד אויף מיר; חטאתי, עויתי, פשעתי...

עס איז מיר נאָר אַ וואונדער אויף די פּראָטעסטאַנטן — כדאי אויף דעם פּאָסט־מאַרקען צו לעגן?... איך הויב אָן חושד צו זיין, אַז אָדער עס זענען גלאַט פּאַנאַטיקער און וואָלטן זיך גע־לאָזט שניידען, פֿאַרוואָס עס איז פֿאַר אַן אמת, אָדער — די פּאָסט־מאַרקען זענען ג ע ו ו א ש ע נ ע...

דורכגעהענדיג, האָב איך אַמאָל דערמאָנט דווינסק (די גובער־ניע וועל איך שוין נישט זאָגן). כלאחר יד האָב איך אָנגעריהרט די דווינסקער בעל־בתי'שע טעכטער. איך האָב דערצעהלט, אַז דווינסקער בעל־בתי'שע טעכטער האָבען זיך פֿאַר'ן לעצטן פּסח געשטעלט לשם־שמים צום פּאַדריאַד און האָבען געבאַקען מצות פֿאַר אָרעמע לייט.

און איך בין אַריינגעפֿאַלען!

צום פּאַדריאַד האָבען זיך נאָר געשטעלט אָרעמע פֿאַבריק־מיידלעך! דאָס האָבען ז י י, די אָרעמע מיידלעך, נאָך פֿיער־צעהן צי זעכצעהן שעה אַרבייט אין פֿאַבריק, געשטעלט זיך אויף גאַנצע נעכט צו דער אָרעמער מצה...

אי דער אומגליקליכער נומער „יוד", וואו די מעשה איז גע־שטאַנען, איז געקומען קיין דווינסק, איז געוואָרען א רעש, א מהומה! „גאַנץ דווינסק — האָט מען געשריבען — קאַכט! קללות הענגען אין דער לופט. ס'טייטש, אַזוינס אויסטראַכטען אויף אידישע בעל־בתי'שע טעכטער!"

מילא — כל־זמן דווינסק האָט געקאָכט, האָב איך געשוויגען. מיט בייזען פיהרט מען ביי מיר נישט אויס! נאָר היינט, אַז דווינסק האָט זיך, ווי דער גיהנום איבער שבת, אָפּגעקיהלט, טו איך איהר צוליעב.

איך בין מודה ומתודה, אַז איך האָב א טעות געהאַט, אַז די העכערע דווינסקער טעכטער האָבען צופיעל געשמאַק, צו ווייסע אָדער ראָזינע הענט, ווי אויך צו פיעל נדן — זיי זאָלען זיך שטע־לען צו א „מיירע"...

איך קלאַפּ מיר ווייטער אין האַרץ אריין: חטאתי, עויתי, פשעתי!

מיט די פאַבריק־מיידלעך וועל איך מיך ערגעץ אנדערש, צי אַן אנדערש מאָל אָפּרעכענען!

ווארים באמת — ארבייט איז טאַקע הייליג, אַזוי זאָגט קהל און רב און דאָס גאַנצע פּעקעל בעלי־בתים, און נישט דוקא דווינס־קער, אבער פיערצעהן צי זעכצעהן שעה איז לכל הדעות געגוג...

אצינד געהט א גראָבע הכחשה, אַן הכחשה בעל־פּה...

ביי מיר איז שטוב אַן הכחשה!

עטליכע וואָכען צוריק, אין א שעהנעם העלען פריהמאָרגען (אסך ראָמאַנען הויבען זיך אַזוי אָן אויפ'ן פּאַפּיר, באמת איז די לבנה מעהר בר־מזל דערצו), הכלל — צומאָרגענס עטליכע וואָכען צוריק, קומט צו מיר אריין א הויך־געוואַקסענער יונגערמאַן אין א גאַליציישען קאַפּעלושעל — פאַרשטעה איך שוין א כלי־קודש.

און א שעה; שטיקעל כלי־קודש. א ה ו י כ ע ר יונגער־מאַן, א געוואַשענער. דאָס בערדעל פאַרקעמט, א קאַפּאָטע — קיין מעשה נישט, ריין, אפילו אביסעל עלעגאַנט. א פּאָר אויגען גאַרנישט קיין נאַרישע! אביסעל קאַלטליך, אביסעל דורכבוירענדיג, אביסעל

אומרוהיג, נאר קלוג!... דאס איז א מענש — טראכט איך — וואס האלט זיך נישט פאר מחויב צו קוקען נאר זיך און יענעם אויף די פיס. ער קוקט אמאל אפשר אין הימעל אריין אויך!

אײן האנט האלט ער ביים גארטעל, און דער גארטעל — א פיינער, א זיידענער, די צווייטע האנט ביים קאפעלוש. ער קלערט: יא ארופנעמען, נישט ארופנעמען. עס בלייבט יא, און עס באַווייזט זיך א יארמולקע, א שפיציגע, נאר אהן פעדערען, א פיינע שווארץ־סאמעטענע יארמולקע.

עס מאכט זיך א שמועס:

— גוט מארגען.

— גוט יאהר.

— מיט וועמען האב איך די עהרע?

— װארשעװער דין...

— א! זעהר אנגענעהם — זיצט.

ער דאנקט און זעצט זיך...

— וועמען אדער וואס האב איך צו פארדאנקען — — —

— אזוי... איהר זייט דאך די „ביהן“?

— איינמאל אין דער וואך...

— האב איך געוואלט זעהן א „ביהן“, וואס בייסט אזוי רבנים...

— נישט דוקא רבנים...

— דער עיקר...

— אפילו נישט דער עיקר... ביי מיר איז אלץ איינס א שטרייַמעל, א ספאדעקעל, א קאשקעטעל, א צילינדער — וואו חיונה...

— סיי ווי סיי איז דער מיין: חלול השם, מבזה זיין די תורה־הקדושה, אפשוואכען אידישקייט...

בייז ווערען טאר מען נישט, איך בין דאך בעל־בית, ער — מיין גאסט, זאג איך געלאסען:

— איהר האט א טעות, רבי! ווער עס וויל אפשוואכען אידישקייט, וועט אזוינע רבנים, וואס איך בייס, אויסשמירען מיט האניג! וואס מעהר אזוינע רבנים — מעהר חלול־השם, מעהר בזיון פאר דער תורה... וואס מעהר איהר דערוויטערט זיך פון לעבען, מעהר דערווייטערט זיך דאס לעבען פון אייך! וואס ווייניגער איהר פארשטעהט דאס לעבען, ווייניגער גלויבט מען אייך, ווארים...

— זייט מוחל, איך וויל מיט אייך קיין וכוח נישט האבען... איך האב אייך נאר געוואלט זעהן, און — —

— און וואס נאך?

— און זאגען אייך — — — —

— אז וואס?

— אז מיין חבר ר׳ פתחיה׳ן האט איהר א גרויסע עולה געטאן... איהר ריהמט דאך אייך מיט גוטהארציגקייט, מיט מענשליכקייט, מיט עהרליכקייט — און עולות טוט איהר — — —

— וואס פאר אן עולות?

— למשל ר׳ פתחיה — —

— וואס זיצט אין װאַרשױ און האט ארויסגעגעבען א הכשר קיין װױלנא אויף געברידער פאפאוו׳ס טיי פון מאַסקװע?

— יא...

— ער איז טאקע געווען אין מאסקווע? אראפגעכאפט זיך בסוד?

— חס־ושלום, נישט געריהרט זיך פון ארט!

— וואס דען? געברידער פאפאוו האבען צוליעב דעם הכשר איבערגעשיקט דעם גאנצען לאגער טיי פון מאסקווע קיין ווארשוי צו ר׳ פתחיה דין?

— איהר מאכט חוזק... ר׳ פתחיה, מוזט איהר וויסען, קאן לערנען, ער האט נאר געמאכט א גזרה־שוה אויף טיי פון ווייץ...

— דהיינו?

— איהר ווייסט, ווי אזוי מען איז מכשיר, למשל, א קופע ווייץ אויף פסח?

— נו?

— פארגעסען, נעבעך! א נארישקייט, זאגט מען, געדענקט זיך; איהר האט דאך אין חדר געלערענט... שיט מיט גמרא־ווערטער, ווי מיט באבקעס... הא? אפנים נישט קיין נארישקייט און דעריבער פארגעסען? וואס?

— רבי, אפשר צו דער זאך?

— זאל זיין צו דער זאך, וכוחים האב איך פיינט...

על פי שלחן ערוך, אז מען דארף דורכקוקען א קופע ווייץ אויף פסח, איז מען מחויב איבערצוקוקען קערענדעל ביי קערענדעל...

מען געהט צו צו דער קופּע, מען נעמט אַרויס פון דריי ערטער צו־ביסלעך ווייץ, מען קוקט זיי דורך, טאַקע שוין קערענדעל ביי קערענ־דעל... און — אויב אין די אַלע דריי ביסלעך געפינט זיך נישט קיין אויסגעוואַקסען קערענדעל, קיין חשש פון אַ צומישונג פון אַן אַנדער חמץ — איז מען מכשיר...

— וואָס איז מען מכשיר?

— די קופּע ווייץ?

— נישט דעם פּריצ׳ס ווייץ פון אַלע קופּעס, פון אַלע שפּייכ־לער, פון אַלע פאָלוואַרקען?

— ניין... יעדע קופּע פּרוּווט מען!

— און וואָס האָט ר׳ פּתחיה געטאָן?

— ער איז אַריינגעגאַנגען אין פּאַפּאָוו׳ס אַ סקלאַד...

— אין מאָסקווע?

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, ער איז אין מאָסקווע נישט געווען!

— אין ווילנא?

— אויך נישט, אין אַ וואַרשעווער סקלאַד איז ער אַריינגע־גאַנגען... אַראָפּגענומען פון דריי שענק צו איינציגע פּעקלעך טיי, דורכגעקוקט, קערענדעל ביי קערענדעל... גאָרנישט געפונען, קיין חשש חמץ נישט געפונען...

— און מכשיר געווען דעם וואַרשעווער סקלאַד?

— אַ! אַזאַ חכם זענט איהר!

— איהר גלייבט טאַקע טיי צי ווייץ! איהר מיינט, עס איז גאָר אינגאַנצען גלייך?

— איהר האָט אַ טעות. הוא אשר דברתי — איהר האָט אפשר אַמאָל געקאָנט, נאָר פאַרגעסען...

טיי איז נ י ש ט געגליכענט צו ווייץ...

טיי איז גלאַט כשר!

וואו קומט חמץ צו טיי? אדרבא. איך פרעג אייך?

— נאָר וואָס דען גיט מען הכשרים אויף טיי?

— דאָס איז שוין ר׳ פּתחיה נישט שולדיג...

— ווער דען, איך בין שולדיג?...

— נישט ע ר און נישט א י ה ר! שולדיג (שולדיג? עס רעדט זיך נאָר אַזוי...) שולדיג איז וויסאָצקי...

— דער נדיב?

— יא! דער טיי־פאבריקאנט...

— דער מיט די קרן־קימת'ן...

— דער אייזענער... יעדער איד האט זיך זיין טבע: דער וויסאצקי האט א טבע צו רעש'ן! גיט ער א קערבעל, גיט ער עס מיט קולי קולות... להבדיל, ווי די תורה אויפ'ן בארג סיני — מען פייפט, מען דונערט, עס קלינגט אין אלע צייטונגען, עס בליצט פאר די אויגען...

איך בין נישט אזוי פארפרומט, ווי איהר מיינט. איך לעז (אפילו בסוד) „הצפירה", המליץ", אפילו „בודושטשנאסט" און „וואסכאד"...

— דעם „יוד" אויך...

— ניין, אידיש האב איך פיינט... יענע לעז איך... כ'וויל וויסען... מילא — שווינדעלט מיר פאר די אויגען פון וויסאצקי'ס נדבות... דא געטיילט, דארט געטיילט, דא געבלאזען, דארט געדונערט — טעלעגראפען, ווי ביי א פארצייטיגען פאדריאטשיק...

און אז אזא איד האט טיי, בלאזט דער שופר ווענען טיי... דארף ער הכשרים, פון דעם, פון יענעם רב, פון מ א ה רבנים...

נו, אז וויסאצקי האט א הכשר, וויל פאפאוו אויך א הכשר...

א הכשר אויף בשר מעג מען געבען...

— און אומזיסט געלט נעמען אויך?

— א! אייערע זאכען! איהר האט ליעב רבנים צי צדיקים, וואס האקען אליין האלץ און הייצען איין ביי ארעמע אלמנות... א רב דארף אויך עסען... און אז מען וויל עסען, מוז מען — — — —

— פארקויפען די תורה־הקדושה, אויפ'ן קווינט און אויפ'ן לוים...

— חס־ושלום! די תורה־הקדושה פארקויפט מען נישט! אז מען קומט א שאלה פרעגען, כשר צי טרפה, ענטפערט מען אומזיסט, גאר בחנם — — קהל צאהלט נאר שכר־בטלה — דער בעל־דין גארנישט, אויסער א פשר!... הכלל—אז מען פרעגט, ענטפערט מען אומזיסט... ווי איז אבער דער פאל, אז א בעל־דבר הייסט זיך דעם ענטפער אויפשרייבען! שרייבען איז שוין קיין תורה נישט, נאר א מלאכה, דערפאר קומט שוין געלט... איהר נעמט נישט פאר שרייבען?

און אצינד, אז עס זענען מיר אלע קשיות פארענטפערט גע־ווארען, אז איך ווייס שוין, אז טיי איז יא גלייך צו ווייץ און נישט גלייך צו ווייץ, אז א הכשר קאן זיין אויף כשר, אז געלט נעמט מען נאר פאר שרייבען, רוף איך מיינע ווערטער געגען ר׳ פתחיה׳ן צוריק...

חטאתי, עויתי, פשעתי —

מודה ומתודה בין איך, אז איין שאלה איז מיר געבליבען: פארוואס געפינט זיך נישט קיין בית־דין־צדק, למשל, אין ווארשוי, וואס זאל איינמאל מכריז ומודיע זיין, אז טיי דארף קיין הכשר נישט?

נאר איך האב א תירוץ אויף דער שאלה: איידער מען איז מכריז ומודיע, מוז מען די מודעה אויפשרייבען, שרייבען איז א מלאכה, פאר א מלאכה קומט געלט — — —

הכלל, ווי אויבען איז געשטאנען — שולדיג איז וויסאצקי...

עס זענען געבליבען עטליכע קליינע הכחשות:

אויף איין ארט אין „שטעדט און שטעדטלעך" האב איך גע־שריבען, אז דער רבי מיט׳ן ברייטען הארץ, וואס האט אפגעשווירען די שאף אין ס ו ו ע ר ש און אין דער סביבה הייסט ר׳ יעקב לייבעלע, און עס איז א טעות געווען!

מען שרייבט מיר, אז ר׳ יעקב לייבעלע, אויך א שארפער שע־רער, איז שוין לאנג א שוכן־עפר. די דרייסיג קאפיקעס אויף י״ש פאר חסיד׳ישע „נשרפים" האט געגעבען זיין זוהן ר׳ דוד׳ל בר׳ יעקב לייבעלע.

סיי ווי סיי — זיין זכות זאל אונז ביישטעהן: דעם פאטער, עליו השלום׳ס, אויך, וואס מעהר איז בעסער.

און אין די לעצטע „שטעדט און שטעדטלעך" איז אויך אריין אזא מאדנער טעות. דער צדיק וואס מאכט איינער אליין, אהן חברות, גאנץ גוטע געשעפטען, שרייבט מען מיר, הייסט נישט, ווי איך האב געשריבען, ר׳ לייב... ניין! נאר ווי אזוי ער הייסט, קאן איך אייך נישט זאגען, דער נאמען איז דערטרונקען געווארען אין א בייזען קלעקס!

עס בלייבט מיר נאָך א י י ן הכחשה — די לעצטע!
איהר געדענקט אפשר נאָך די מעשה, וואָס איך האָב אייך דערצעהלט וועגען א קליינשטעדטעלדיגער חופה מיט לעבעדיגע חופה־שטאַנגען?

„א נאַרישקייט — זאָגט דער וואַרשעווער דין — געדענקט זיך“.

צום סוף שרייבט מען מיר: נישט געשטויגען, נישט געפלוי־גען.

דאָס הייסט — די מעשה אייגענטליך איז אמת. דער גבאי פון דער חברה קדישא, וואָס האָט באַקומען, לויט זיין מיינונג, פון חתן א צו קליינע נדבה, האָט טאַקע די קהל'שע חופה מיט די חופה־שטאַנגען באהאלטען, און מען האָט זי טאַקע נישט געפונען. — אז במקום א חופה האָבען פיער אידען אויסגעשפרייט א טלית, איז אויך אמת. נאָר וואָס דען? איך האָב געשריבען, אז די אידען האָבען זיך געשטעלט אויף פיער בענקלעך אין דער הויך, אז איין שטול האָט געלאָמט און מען האָט עפּעס אונטערגעלעגט, ער זאָל גלייך שטעהן. דאָס — שווערט דער קאָרעספּאָנדענט ביי זיין ברע־נענדיגער ליעבשאַפט צו אמת — איז שקר וכזב!

קיין שטול האָט אויף דער חתונה נישט געלאָמט, די פיער לע־בעדיגע חופה־שטאַנגען האָבען זיך גאָר אויף קיין שטולען נישט געשטעלט — „נישט קיין בערען, נישט קיין וואַלד“, שרייבט ער.

„נישט מעהר די אידען זענען ה ו י כ ע אידען געווען, חתן־כלה האָבען זיך אביסעל איינגעבויגען...“

אדרבא! איך נעם מיט'ן גאַנצען האַרץ מיינע רייד וועגען די בענקלעך צוריק — ה ו י כ ע אידען האָב איך ליעב!

16.

28טען אויגוסט, 1902.

געלויבט איז זיין ליעבער נאמען — א י ך האב געטראפען און דער יעקאטערינאסלאווער צוויילינג האט געטראפען! דער צוויילינג האט זיך אויפגעזעצט אין וויג און נביאות געזאגט, אז עס וועט זיין א גערעטעניש. און עס איז! אויב דער רעגען וועט לאזען בשלום אראפנעמען פון פעלד, וועט זיין א זעט — און איך האב געזאגט, אז איבער דער וואך וועט זיין א גערעטעניש אין ידיעות פון דער פראווינץ און קיין עין־הרע, א פאסט — א מחיה!

דער צוויילינג איז באלד נפטר געווארען און אויף'ן צדיק'ס באפעהל האט מען זיי באגראבען בכבוד גדול; א י ך בין אייך מוחל דעם כבוד — לאזט מיך נאך לעבען עטליכע יאהר, אלע צדיקים להכעיס, און נחת שעפען פון אידישע שטעדט און שטעדטלער...

דערפאר וועל איך אייך קודם־כל דערצעהלען א מעשה פון א אינגעל מיט א מיידעל...

נאר מאכט, איך בעט אייך, נישט קיין מאוס'ע גרימאסען... ערשטענס, וועט מען אייך נישט גלויבען, צווייטענס, וועט דערביי קיין שלעכטס נישט זיין, — קיין פונק יצר־הרע!

עס זענען, ערשטענס, נאך צו יונגע קינדער: דאס אינגעל איז אלט א יאהר זעקס, דאס מיידעל — א יאהר פיער אינגאנצען און צווייטענס, זענען זיי ווייט איינס פון צווייטען כמעט כרחוק מזרח ממערב...

די קינדער זענען פינדעל־קינדער!

דאס אינגעל האט מען געכאפט אין בראילאוו, פאדאליער גובערניע, ביי א קריסטליכע אלטען פאר־פאלק, וואס האט נישט געקאנט באווייזען, פון וואנען עס קומט צו זיי א קינד מיט א לענגליכען פנים, העלע האר, בלויע אויגען, וואס האט א אידישען פ ע ה ל ע ר און פארשטעהט נאך עטליכע ווערטער אידיש... און דאס מיידעלע מיט א אידישען מיילעכעל אויף שרויפען האט מען

געפונען אין א וואגאן פון דריטען קלאס אויף דער באהן־סטאציע בעלעם — אן עיר ואם בישראל מיט פיער רבנים: דער „טאמא־שאווער", דער „הרילאווער", ר' בנימינ'משע און ר' נטע'לע — פיער אייזערנע זיילען, אויף וועלכע די חכמה שטעהט... נאר דאס איז מאמר המוסגר.

מיט'ן אינגעלע איז בראילאוו באשעפטיגט זיך דערוויל דער סודעבני־סליעדאוואטעל; דאס בעלעמער מיידעל האבען בעלעמער גבירות איבערגעגעבען צו אן ארעמער משפחה... זיי פארגעסען נאר צו צאהלען... דאס איז אבער א קלייניגקייט; די ארעמע משפחה האט איהרע אייגענע זיבען קינדער, און ו ו א ו און ו ו ע ן זיבען קינדער עסען, קאן דאס א כ ט ע אויך אריינשטעקען א לעפעל...

מען שרייבט מיר אפילו, ווי די בעלעמער גבירות הייסען, איך וויל דאך נישט אויסרעכענען די נעמען, טאמער פארגעס איך איינע, און דאס איז א געפעהרליכע זאך... א האנאראווע שטאדט בעלעם!

פאר ארעמע קימפעטארינס האבען ערשט נישט לאנג די בע־לעמער גבירות געמאכט א חברה „תומכי־דלים"; דער נאמען איז נישט אזוי פאסענדיג, נאר וואס שאדט עס? הלמאי א ביבליאטעק אין ירושלים הייסט „בית־נאמן". עס האט שוין אפילו אנגעהויבען געלט צו פאלען, מען האט שוין צושטעלט עטליכע טעפ רומאשקעס, צושניטען עטליכע אלטע געשענקטע העמדער אויף באנדאזשען מיט ווינדעלעך... א גבירה האט א נאפעל־שער געשענקט... טרעפט זיך אבער אן אומגליק... עפעס א בעלעמער שרייבער — איינער פון די בעלעמער וואנסען־דרעהער, מיט איבעריגע ברילען און פאפירענע קעלנער — האט מודיע געווען דערפון אין „הצפירה" און נ י ש ט א ל ע דאמען אויסגערעכענט! צ ו ו י י אינגאנצען...

וואס קלערט איהר? די חברה איז געשטארבען א נפל'ע...

מקנא בין איך, נישט די בעלעמער יולדות, באטש עס איז פא־ראן גרייט פאר זיי א נאפעל־שער מיט עטליכע טעפ רומאשקעס, מיט אלטע העמדער אויף צווייערליי געברויך, — נישט אפילו די צוויי פינדעל־קינדער, פון וועלכע איך האב פריהער דערצעהלט,—

מקנא ביז איך דעם צדיק צו דעם נביא, וואָס זיצט נאָך עד־היום בשלום ובשלוה אין ליובאָמיל...

עס נעמט איהם נישט קיין קויל! איינער א בעל־הבית א לץ איז צו איהם אריינגעקומען, פאַרגעשטעלט זיך פאַר א מלמד און געבעטען אויף פּרנסה, און דער נביא האָט איהם געגעבען א סגולה: ער זאָל טאָג ביי טאָג בודק זיין ביי די קינדער די ציצית, און דער בעלפער, אויב ער אליין קאָן נישט, זאָל זיי אלע טאָג אריינשמייסען אביסעל יראת־שמים... קהל און רב לאַכט, דער פּראָסטער עולם אבער האָט, ווי עס ווייזט זיך אוים, אזוי ווענינ צוטרויען צו קהל און צום רב, אז ער האלט מיט׳ן „נביא“ שטאָל און אייזען... ער זאָל זיין א ש ל י ח מ י ו ח ד פון די ל״ו צדיקים!

און ער מאכט נישט קיין שלעכטע געשעפטען, דער „נביא“... עס מוז איהם ג אָ ר גוט געהן, אז ער לאָזט זיך גאַנץ אָפּט, אפילו אין די דריי וואָכען, כלי־זמר שפּילען! און אז דער רב האָט (נאַטירליך — שטילערהייט) זיך אויסגעדריקט, אז אין די דריי וואָכען ט אָ ר מען נישט שפּילען, האָט איהם דער רבי אריינגעשיקט א קוויטעל, גע׳חתמ׳עט: „שמואל דניאל המכונה „שד“ בן הרב הגאון וכו׳ מירושלים“ אין וועלכען ער ה י י ס ט, דער רב זאָל זיך צו איהם מטריח זיין מ י ט ד י ס פ ר י ם, וועט ער איהם ווייזען, אז ער האָט א טעות... אין די דריי וואָכען — שרייבט ער — מ ע ג מען שפּילען, ווייל „אין השכינה שורה מתוך עצבות...“

צי דער רב איז געקומען און מיטגעבראַכט דאָס פּעקעל ספרים — שרייבט מען נישט...

איך האָב מורא, אז יאָ...

א רב איז קלענער פאַר א צדיק, ווייל דער „המון“ שטעלט העכער די ק ב ל ה פאַר דער ת ו ר ה...

און עס איז קיין וואונדער נישט... די קבלה קאָן צאַפּען י״ש פון דער וואנט, על־כל־פּנים צ ו ז א ג ע ן פּרנסה... און די א פּ ע נ ע תורה האָט, לא־עליכם, א מאוס׳ע טבע. זי ווייסט נישט מעהר נאָר „לא“ און „לא“, לא מיט אן אלף, לא מיט א ספּאָדעק — נישט גנב׳ע, נישט מסר, נישט רצח׳ע, אפילו אָפּנארען לאָזט זי נישט... און פון וואנען וועט זיין פּרנסה?

און א רב, א תורה־מענש, איז א ג ע ב ו נ ד ע נ ע ר מענש. ווי עס איז פסק'נען פון ד ע ר ת ו ר ה מוז ער! אבער א פרייער פויגעל איז דער צדיק... וויל ער — לאזט ער זיך כלי־זמר שפילען אפילו אין די ניין טעג... וויל ער — שטארבט איהם תוך־כדי־דבור דאס ווייב, און ער קויפט זיך א צווייטע פאר זעקס הונדערט רובל אפטרעטגעלט... נאר דאס איז שוין נישט דער ליובאמילער צדיק...

דאס האט שוין א ג ר ע ס ע ר ע ר צדיק געטאן, און רבנים. אפילו למדנים גרויסע, האבען פאר איהם, נישט נאר דרך־ארץ— זיי קריכען איהם אונטער די נעגעל — — — —

הערט א מעשה:

דער ביאלער רב — א איד א למדן, א גערער חסיד דאכט זיך, האט מעביר געווען אן אלטען שוחט, איינעם א ר' חיים, ווייל ער איז א „מרתת" — פאר עלטער ציטערען איהם די הענט...

עס קאן זיין, אז ער האט עס, ווי טייל מיינען, צוליעב געטאן די גערער חסידים, וואס זענען די גביר'ישע רעדעל־פיהרער אין ביאלע, און עס קאן זיין, אז ר' חיים, טאקע אן אלטער איד, איז ט א ק ע א מרתת! אן אנדערער אין זיינע יאהרען וואלט שוין אפשר נישט געזעהן צו שעכטען — „כי השוחט יעור..." האט א גרויסער צדיק געזאגט: שוחטים ווערען בלינד... דער עיקר איז: ר' חיים'ל האט זיך, נישט א ווארט רעדענדיג, אונטערגעגעבען, והעיר ביאלע, על־כל־פנים די גערער רעדעל־פיהרער — צהלה ושמחה — עס האבען זיך שוין געוויזען יונגעלייטלעך מיט טויזענט און מיט פופצעהן הונדערט רובל אפצוקויפען ר' חיים'לס שחיטה... ר' חיים'ל וואלט אפגעלעקט א ביינדעל, דאס פלייש וואלט אין אנדערע מיילער אריין... עס וואלט גוט געווען!

מאכט זיך אבער אזא מעשה: ויהי־היום — דער ביאלער צדיק האט זיך ארויסגעלאזט אויף דער מדינה און צוזאמענגעקאשפערט אויף הוצאות און איז (מיט'ן בני־בית, זאגט מען) אוועקגעפאהרען אין אן אויסלענדיש (ווער ווייסט, אויב נישט האקאטיסטיש) באד אריין (דער דאקטאר זיצפלייש וועט אודאי שרייבען דערפון אין ווארשעווער „איזראעליט")... און אויף דער צייט, ביאלע זאל חלילה נישט בלייבען אהן א צדיק, האט זיך אהין אפגעכאפט, אויף פרישע

לופט, הייסט עס, דער קאצקער צדיק מיט׳ן צווייטען ווייב...

ווייזט זיך אויס, אז ער קאן אין גאנצען גאר קיין פלייש ניט עסען! פון א פרעמדען חסיד׳ס שחיטה עסט ער נישט, און דער איינציגער קאצקער חסיד, ר׳ חיים׳ל שוחט, איז געווארען א „מרתת"... דער רבי האט עגמת־נפש פון ר׳ חיים׳לען, די צווייטע רבי׳צין האט עגמת־נפש, ווייל דער רבי האט עגמת־נפש, — די פרישע לופט וועט נישט „פועל־יוצא" זיין... מוז נעבעך, דער ביאַ־לער רב, א איד א למדן, נאר — א תלמיד־חכם שאין בו דעה, מקיים זיין „הפה שאסר — הפה שהתיר", און בחרפתנו לאזען אויסרופען בקהל, אז ער האט א טעות געהאט — ר׳ חיים׳ל איז נישט קיין „מרתת", פון זיין שחיטה מעג מען, עס איז אפילו א מצוה צו עסען...

פונדעסטוועגען זענען נישט אלע רבנים אזוי שוואך!

אין דער פוילישער גובערניאל שטאדט שעדלעץ איז פאראן א רב — אן עמוד ברזל! געזאגט איז געזאגט! עס זאל אפילו קומען צו פאלש מסר׳ן, צו פאלש שווערען...

איך ווייס נישט, ווי אזוי ער איז זיך נוהג בנוגע צו צדיקים, נאר מיט א אידישען לעהרער האט ער אויסגעפיהרט א שטיקעל, קומט איהם א מעדאל, נאטירליך — א אידישע מעדאל, אהן א שתי־וערב, חס־ושלום!...

די מעשה, לויט מען שרייבט, איז אזוי געווען.

אין שעדלעץ זיצט שוין א יאהר פופצעהן א אידישער לעה־רער און ארבייט שווער און ביטער צו דערנעהרען א ווייב מיט ניין קינדער... אזא לעהרער איז אפילו א שטיקעל חמץ אין שטאדט, נאר וואס זאל מען טון, אז מען איז אין גלות. על פי דיני דמלכותא מוז מען לערנען רוסיש אין די חדרים. און קיין „רוסישער גוי" איז אונטער דער האנט נישט דא. פארבייסט מען די ליפען און מען שווייגט... דער לעהרער לערענט אפילו עטליכע ארעמע קינ־דער — נאך פופצעהן צי זעכצעהן שעה אין טאג ארבייט — אומ־זיסט. איינמאל האט ער מחזקות מיט די מרבי־השכלה אין פעטערס־

בורג. וואס זאל מען אבער טון? אזוי ווי געזאגט — מען איז אין גלות...

פאלט איהם אבער איין, דעם אידישען לעהרער, צו עפענען א „חדר־מתוקן". ער האט נאך די העזה צו קומען צום רב, בעטען א „סווידיעטעלסטווא" דערויף — דא האבען שוין אלע סטרונעס געפלאצט...

דער רב זאגט: לא! און עס בלייבט „לא"!

דער לעהרער (און דאס איז אפשר נישט שעהן, נאר — וואס טוט נישט א איד צוליעב פרנסה) — דער לעהרער באקלאגט זיך פאר „נאטשאלסטווא", ענטפערט דער רב — דעם נצחון צוליעב! — אז דער לעהרער איז, נישט פאר אייך געדאכט, פון יענע לייט... א געפעהרליכער מענש, ער וויל מעביר נחלה זיין אלע בעלי־בתים. נישט גראד שעדלעצער... ער וויל, חס־ושלום, עוקר מן השורש זיין דאס מלכות... און שארפט זיך דאס גאל־מעסער אן די רציחות...

נאר א חקירה ודרישה האט זיך אפילו ארויסגעוויזען, אז דער לעהרער איז נישט עובר אויף קיין איינציגען פון די פינף לאו'ן ביי דער בארד און האלט קיין גאל־מעסער נישט אין שטוב; אז אפילו ווינטער, אין די גרעסטע נעכט, האט ער קיין הרהורים רעים, אפילו קיין בייזע חלומות נישט, ער הויבט בכבוד גדול דאס היטעל פאר'ן קלענסטען פון די גרויסע... נאטשאלסטווע האט זיך גאר אינגאנצען בארוהיגט, אבער שעדלעץ נישט! עס איז אויף שעד־לעצער בעלי־בתים איין מאל פאר אלע מאל אן אימה געפאלען און דער אומגליקליכער לעהרער מוז עוקר זיין פון שעדלעץ...

האט ער אבער נישט אויף הוצאות! בעט ער, מען זאל איהם באצאהלען, וואס עס קומט איהם פאר שטונדען אין תלמוד־תורה, זאגט דער רב ווייטער: לאו! קיין גראשען נישט! און אז דער לעה־רער קלאגט זיך ווייטער — קפץ ונשבע: שפרינגט אויף דער שעד־לעצער רב און שווערט, אז להד"ם! עס איז גאר אין שעדלעץ קיין תלמוד־תורה נישט פאראן!

נאר האמת נתן להגיד: אפילו דער ביאלער רב וואלט אויך אזוי לייכט נישט אפגעטראטען.

די מעשה איז געווען, וואס צו הילף דעם קאצקער רבי'ן, איז געקומען א קאצקער חסיד, א ביאלער פאדריאטשיק, א שטי־קעל קרוב למלכות...

— אדער ר' חיים'ל וועט שחט'ען — האט ער געזאגט — אדער איך וועל בעטען דין־וחשבון, וואו עס קומט אהין קהל'שע געלט שוין א שעהנע עטליכע יאהר... און נאך... און נאך זאכען...

די גערער חסידים, וואס פיהרען אין ביאלע דאס רעדעל, האבען בטבע פיינט חשבונות, נישט פאר נאטשאלסטווע, נישט פאר דער שטאדט... מאלע, וואס עס רינט דורך די שיטערע פינגער... דער רב דערוויל איז נישט קיין עקזאמינירטער... פעלשען אן עקזאמען־שיין ווי ר' צבי אלימלך דינאווערם אייניקעל אין אונגאריש מונ־קאטש, פאלט איהם נישט איין, האט מען געמוזט אפטרעטען...

נאר דעם ביאלער פאדריאדטשיק בין איך אויך נ י ש ט מקנא...

שווייגען וועט מען איהם נישט...

עס האט זיך שוין אפילו אנגעהויבען. אין א שעהנעם העלען פרייטאג, אז דער פאדריאדטשיק האט זיך געטובל'ט אין מקוה, זענען אריינגעפאלען עטליכע יונגעלייט, גערער חסידים, צוגעכאפט דעם פאדריאטשיק'ס מכנסים, אנטלאפען מיט זיי אין שטיבעל און אריינגעשמיסען, וויפיעל עס האט זיך געלאזט — שטיקער זענען געפלויגען!

ווי אזוי דער פאדריאטשיק איז אהיימגעגאנגען פון מקוה, שרייבט מען נישט...

נאר נישט דאס איז דער עיקר — דער עיקר איז, אז נישט אייביג איז מען פאדריאטשיק!

און נישט אייביג לעבט מען...

איך בין איהם נישט מקנא, אז די מתעסקים (סאמע גערער חסידים) וועלען זיך צו איהם נעמען אויפ'ן טהרה־ברעט!...

קאלט ווערט אין די ביינער.

17.

4טען סעפטעמבער, 1902

איהר האט שוין צייט געהאט צו באמערקען, אז איך האב מיך ליעב צו פאררופען אויף שלמה המלך. להבדיל ווי אן ארעמאן, וואס וויל קרעדיט, אויף א רייכען פעטער אדער א גאלדענער „בן סורר־ומורה" אויף א ירושה פון אמעריקא... אזא טבע האב איך! איך האב אפילו א שטיקעל טענה צו שלמה המלך: אליין געזאגט „ברוב דברים לא יחדל פשע" — אז מען זאגט אסך, מוז מען אמאל אריינפאלען, און ארויסגעבאפט זיך מיט א פסוק: „אין כל חדש תחת השמש" — אליץ, הייסט עס, איז שוין געווען! און אויף דעם פסוק, ווי איהר ווייסט, שטעלען זיך אלע צוריק־ציהער, אלע צוריק־שלעפער און הינטערפיסלעך־טענצער, ווי די פליגען אויף א פלאס־טער האניג... פון דעם פסוק ציהען אלע אונזערע פינסטערע הייליגע שפינען ארוים די שווארצע פעדעם און שטריקען דאס דיקע פרוכת פאר דער כנסת ישראל, צו פארשטעלען איהר די ליכטיגע שיין... נאר טענות אהין, טענות אהער, דער סוף פון קהלת איז אויך נישט פון צוקער — אבער א חכם איז ער געווען, אוצר חכמות האט ער איבערגעלאזט, און מיר ארעמע ווייטע קרובים שלעפען, פולע הענט שלעפען מיר, און עס איז אפילו קיין נאהנטער יורש נישטא, ער זאל פארלאנגען גוץ־געלט...

און שטעלען וויל איך מיך די וואך אויפ'ן „את זה לעומת זה" — אויפ'ן „איינס געגען דאס אנדערע"; יעדער מלבוש האט זיין „פארשעווקע", יעדע מטבע זיין „רעשקע", דורך און דורך גוט אדער שלעכט קאן נישט זיין... דאס בעסטע און געמרייסטע פאר־פאלק וואלט נישט אויסגעהאלטען, עס זאל שטענדיג זיין גוט־וואך...

„איינס געגען דאס אנדערע האט גאט באשאפען". ער האט באשאפען דעם „עץ־הדעת" מיט זויערע עפעל, הוילע נים צי אויס־געגעסענע פשוט'ע פ י ג ע ן, — עס איז גענוג אן אויג צו ווארפען, עס זאל שווארץ ווערען פאר די אויגען, ביטער אין מויל און מען זאל אויפ'ן ארט און שטעל באקומען לייב־שמערצען, —

האָט ער דערפֿאַר באַשאַפֿן דעם „עץ־החיים" מיט רויטע, געזונטע, פרישע עפּל, מיט רויטע בעקלעך און אַ טעם גן־עדן... אַ שאָד, וואָס די מלאכים מיט די שאַרפֿע שווערדן לאָזן נישט צו...

און ווידער פֿאַרקערט: ער האָט באַשאַפֿן אדם הראשון, אַ פֿרייען פֿויגל אין גן־עדן... אַלס בחור, וואָלט ער אָפּגעלעבט זיין עולם ועד און אפֿשר מיט אַ שמייכל, שפּילענדיג, זינגענדיג און טאַנצענדיג, אָהן אַ קנייטש אויפֿ'ן שטערן — געהט ער, דער רבונו של עולם, און באַשאַפֿט איהם אַ צולאַג: חוה די צדקת... וואָס זי האָט פֿון איהם געמאַכט, ווייסט איהר פֿון דער תורה; וואָס זיי האָבען ביידע פֿון אייך געמאַכט — קוקט אין שפּיגל אַריין!...

און אַזוי ווייטער — — —

און עס איז אַן אמת ביז'ן היינטיגען טאָג! זעלטען אַן אמת זאָל זיך אַזוי לאַנג האַלטען...

נעמט, למשל, די לאַנגע זומער־טעג — און אומרוהיגע צייט. „זלידנע פֿליגען, קיין אויג נישט צוצומאַכען... אפֿילו אַ זאַמוש־טשער, צי אַ כעלעמער דאַזאַר, עפּעס אַמאָל, בשעת אַראָפּיאָגען אַ פֿליג, אַ האַלב אויג און טוט תוך־כדי־דבור אַ קלער: „אפֿשר פֿאַרט אַ יושר צו ענדיגען דאָס שפּיטאָל... אַזויפֿיעל יאָהרען... געלט איז דאַ... פּלאַץ איז דאַ..." אפֿילו רבנים, דערצעהלט מען, דרעמלען אומרוהיג, באַקומען הרהורים רעים, רייבען זיך פֿון צייט צו צייט די הויכע, ווייכע, קלוגע שטערענס און האָבען אַ ישוב: אפֿשר פֿאַרט טון די האַנט אין קאַלט וואַסער אַריין! הכלל — אַן אומרוהיגע צייט. — האָט איהר דערפֿאַר שטילע לאַנגע ווינטער־נעכט, ווען, נישט נאָר דאַזאַרעס מיט רבנים, נאָר גאַנץ קהל הקדוש, ווער עס איז נאָר אַ שטיקעל בעל־הבית און האָט וואו דעם קאָפּ אַניי־דערצולעגען, אויב עס „טליעיעט" איהם וואָס עס איז פֿאַר אַ שטיקעל קאַרטאָפֿלע אין מאַגען, — ציהט ער זיך אויס, ווי אַ מלך אין גרה, און שלאָפֿט, ווי גאָט אין פֿראַנקרייך...

נעמט, למשל, גבאות...

כדי דאָס פֿינסטערע בלוט זאָל אין פֿינסטערען גלות, אין די קאַלטע לענדער און שלימזל'דיגע שטעדט און שטעדטלעך נישט פֿאַרגליווערט ווערען אין די בלאַניבלויע אָדערען, האָט גאָט, ברוך הוא, באַשאַפֿען, אויסער צער פֿון גלות השכינה, צער גדול בנים

ביי קליינע פּראָצענטען אין די שולען, און אויסער דאָגת פּרנסה בשעת מאַנאָפּאָל — באַשאַפן די תאוה צו גבאות! — אַ איד געהט אַרום, ווי אַ גולם, צעהלט די שטיינער אין גאַס מיט אַן אָראַפּגעלאָזטען קאָפּ און גלעזערנע אויגען, — דאַכט זיך, אָהן חיות, אָהן אַ טראָפּען בלוט... פּלוצים שפּרינגט ער אונטער ווי אַ ציג, ווערט רויט, ווי אַ בוריק, די אויגען פלאַמען אויף, ווי שטור־קאַצען, ער הויבט אָן צו וואַרפען די הענט און צו מאַכען אַ ווינט־מיהל — וואָס איז? ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער נאָהנטער קלפּי! — עס ווערט איהם וואַרעם אין אַלע אברים, און דאָס גאַנצע שטעדטעל וועט זיך אויך דערמאָנען אָן דער קלפּי און וועט אויפקאָכען און זידען און שפּייען מיט פייער — — דאַכט זיך, גוט? די „כנסת ישראל" לעבט! — האָט איהר דאָגעגען אַזאַ שטאָדט ווי כערסאָן, וואו מען זוכט אַ בעל־עסקן אויף גבאות מיט ליכט אין אַלע גאַסען און מען געפינט נישט... דאָס קהל'שע הייסע, פעטע קרעפּעל ליגט אינמיטען גאַס, און קיין הונט ריהרט זיך נישט צו!

און געפינט זיך שוין אַן אַדוואָקאַט, וואָס לאָזט זיך צורעדען, מען איז שוין, דאַכט זיך, מיט איהם פאַרטיג, האָט ער אָבער תנאים! רעדט ער זיך אויס אַזוינע פּאַראַנדקעס, אַז עס איז מויל און אויערען אויפצושטעלען: אַ באַזונדער אָרט פאַר'ן כאָר, עפּעס אַ קאַסע פאַר אָרעמע לייט — און גאָט ווייסט, וואָס ער וועט נאָך אויסקלערען!

אָדער נעמט, למשל, מסירות!

אַ שפּאַס! דאָס איז דאָס איינציגע כלי־זין, וואָס עס האָבען פון אונז נישט צוגענומען, נישט די פּלשתים, נישט די גריעקען, נישט די רוימער, און וואָס עס איז ביי אונז געבליבען עד היום אין גלות!

ביז אהער, ווי איהר ווייסט, איז דאָס כלי־זין געווען, ווי דאָס שאַרפע מוהל־מעסער, ווי דער הייליגער שול־קלאַפּער און קרומער ימים־נוראים־שופר, כמעט נאָר ביי כלי־קודש אין די הענט...

אין די לעצטע צייטען פלעגען מיט דעם כלי־זין מלחמה האַל־טען מלמדים מיט די „חדרים מתוקנים", מיט די גלוחים — אַי־דישע לעהרער... און איך האָב געמיינט, אַז דאָס האָט שוין קיין

אונטערשלאג נישט... שטעהט דאך אבער בפירוש: על דאטפת אטפוד — אז איין צד האט א לאנגע צונג, מוז דער צווייטער ארויס־שטרעקען א לענגערע... שרייבט מען טאקע פון נאוואגעארגעווסק, בערסאנער גובערניע, אז דארט איז אראפגעקומען א אידישער לעהרער, טאקע א גלוח, ער עפענט א חדר מתוקן און זאגט בפירוש, אז ער וועט מסר'ען די מלמדים... פאר לערנען אין טאבעלנע טעג, פאר נישט מאכען קיין וואקאציעס וכדומה...

סיידען די גאנצע מעשה איז א ליגען, אויסגעטראכט פון א מלמד!

נאר ליגען צי אמת, דאס איז אלץ קלייניגקייטען...

נעמט אבער, למשל, פאטאגראפיע!

ביז אהער א פרנסה־זאך... נישט מעהר! עס האבען זיך פאר־נומען דערמיט אידען, אידענעס און אפילו א מאסע מיידלעך... מיט דער צייט, וועט עס ביליג ווערען, ווי סאדע־וואסער, מען וועט ארומגעהן אין די גאסען מיט האנט־קעסטלעך און אויסרופען, ווי הייסע קישקעלעך—, דערווייל אבער האט מען נאך פרנסה דער־פון... קודם־כל — פיהרט עס, בנוגע צו די מיידלעך, אביסעל אפ פון דענטיסטעריי, אקושעריע, — א'ניט, וואלט דארט זומער און ווינטער געשטאנען א שווערע־זויערע לופט, צום דערשטיקט ווערען! און וואס פאר זיי איז א פרנסה, איז ערשט פאר שדכנים א הילף צו דער פרנסה... א היינטיגער חתן, אין קארטען שפילט ער „ווי־זער" אויף וואס די וועלט שטעהט, און בנוגע צו א שדוך, וויל ער קיין קאץ אין זאק נישט קויפען! די כלות ווילען אויך נישט אונ־טער די אויגען! זיי ווילען, א חתן זאל קומען, זעהן און זיגען און באזיגט ווערען! פאהרען טאקע ארום די שדכנים מיט פאטאגרא־פיעס! און עס איז א מעלה צו א שדוך אויך! א כלה האט א רעכ־טע באק א קרומע, פאטאגראפירט זי זיך פון דער לינקער זייט; א חתן האט אויף דער שפיץ נאז א קנעפעל — „נעמט ער זיך אראפ" בשעת ער שמעקט א רויז! עס איז פאטיש, און דאס קנע־פעל ווערט נעלם אין דער שוים פון דער רויז!

גרעסערע שדכנים רעכענען אפילו אנצוהויבען ארומצופאהרען מיט פאנאגראפען, וואס גיבען איבער די קולות פון די חתנים און

כלות, נאָך דערוויייל אָבער זענען נאָך אַלע יוצא מיט פאָטאָגראַ־
פיעס, און ווי עס איז, פּרנסה האָט מען!

פּרנסה איז אָבער פּאַרט אַ וואַכעדיגע זאַך, און דער פאָטאָ־
גראַפיע איז באַשערט געווען צו שטייגען העכער, צו ווערען אַ
ציוניסטישע זאַך, אַ נאַציאָנאַלע זאַך... עס האָט זיך געמאַכט אין
וואַרשוי אַ חברה „לבנון“ מיט'ן צוועק צו פאַרשפּרייטען אידישע
קונסט־ווערק, דערהויפּט פּאָרטרעטען פון אידישע מחברים און גאָר
ביליג, אין געשטאַלט פון פּאָסט־קאַרטען, פינף קאָפּיקעס אַ שטיק!

אַ מחיה! די בחורים פון טשאַכנאָווקע, איישישאָק און אַנ־
דערע קרעה־ווינקעל, וועלען שוין נישט דאַרפען קומען קיין וואַר־
שוי, וואַרטען שטונדענלאַנג אין אונזערע פּאַרצימער, איידער זיי
באַקומען די זכיה, אַריינגעלאָזט צו ווערען און מקיים זיין: והוי
עיניך רואות את מוריך! און זעהען באַשיינפּערליך אַ מחבר! ער
וועט עס האָבען אין דערהיים, ביים מוכר־ספרים, ביים פּאַקען־טרע־
גער. און וועט באַקומען זיין מוח־קראַצער, נערוועז־שינדער צי
האַרץ־רייסער בהצי־חנם! וויל ער, נעמט ער אַ בן־יחיד איינעם
אַליין אויף אַ גאַנצער קאַרטע, וויל ער, קויפט ער פאַר די אייגענע
פינף קאָפּיקעס אַ צווילינג, אַ טרילינג... אַז עס וועט זיך אָנהויבען
חלוף מיט קאָנקורענץ, וועט די סחורה נאָך ביליגער ווערען. און עס
וועלען אַרויף נאָך מעהר מחברים אויף איין פּאָסט־קאַרטע... און
אַזאַ פּאָסט־קאַרטע שטעלט מען פאַר זיך אויפ'ן טיש, צי מען
הענגט זי אויף (אויף דער וואַנט), און מען קוקט אויף איהר אַזוי
לאַנג, ביז עס ווערט נמאס קוקענדיג, און דאַמאָלט נעמט מען די
קאַרטע, מען אַדרעסירט אויף דער ריינער זייט צו אַ חבר אויף
יענער זייט „תפוצות־ישראל“ און זיך קויפט מען אַן אַנדערע. און
אַזוי ווייטער, ביז מען זיפּט דורך אַלע מחברים!

פרומע אידען קוקען נאָך דערויף מיט אַ קרום אויג; אַ חשש
פון אַ מנהג עכו"ם... יענע האָבען עס פריהער אויסגעקלערט און
איינגעפיהרט! מיט דער צייט אָבער וועלען זיי זיך צוגעוועהנען.
ווי, למשל, צו דער פּאָסט, צו דער באַהן, טעלעגראַף און טעלע־
פאָן, וואָס האָט אויך אויסגעקלערט דער „עם הדומה לחמור“... עס
וועט נאָך קומען אַ צייט, און מען וועט עס פּאַראַידישען, ווי פּלאַט־
דייטש, פּ אַ ר ה י י ל י ג ע ן ווי'ם פּוילישע שטריימעל, עס וועט

ווערען אַ מנהג ישראל! דאָרט וועט עס בטל ווערען און דאָ וועט עס בלייבען אַ דבר שבקדושה!

און אפילו פּראָסטע אידען, וואָס האָבען גאָר קיין מגע ומשא נישט מיט ליטעראַטור, וועלען אויך קויפען... עס מאַכען זיך אַמאָל לעבער אין דער וואַנט, מען רייסט אויס אַ נאָגעל פון הינטער אַ פאַרזעצטען שפּיגעל, אַ פאַרקויפטער פאָן וכדומה, און אַזאַ לאָך וועט לייכט זיין צו פאַרקלעפּען מיט אַ פיינער פּאָסט־קאַרטע... אַסך לעבער — אַסך פּאָסטקאַרטען... און די ביליגערע אידישע מחברים וועלען פאַרטרעטען די טייערע פּאָרטרעטען, ווי נאַפּאָלעאָן מיט'ן ווייב, צו להבדיל — דעם קאָזשיניצער מגיד מיט די תלמידים, און אפילו די אויסגעריסענע בילדער פון, אויף פּאַפּיר געקויפטע, אַלטע מאָרען־בלעטער; דאָס קאָן מען בעסער באַנוצען!

„וכי ישאלך בנך" — אַז אַזאַ בעל־הבית'ס אַ אינגעל, צי אַ מיידעל, וועט פרעגען: וועמענס פּאָרטרעטען זענען דאָס? וועט דער בעל־הבית, וואָס האָט גאָר געמיינט דאָס לאָך צו פאַרקלעפּען און די שטוב נישט איבערצואווייסען, קוועטשען מיט די פּלייצעס און ענטפערען: דער גוטער יאָהר ווייסט זיי — פּאָרטרעטען!

דערפאַר אָבער, אַז אַ וואַרשעווער אידישער „אַריסטאָקראַט" וועט אַמאָל פאַרבלאָנדזשען אויף די נאַלעווקעס, אַ וואָרף טון אַן אויג אין אַ מוכר־ספרים־פענסטער און דערזעהן אידישע מחברים, וועט ער אפשר אַ טראַכט טון: אפשר טאַקע אַ פאָלק? פאַראַן אַ ליטעראַטור, פאָטאָגראַפירטע שרייבער!...

זעהט איהר, וואָס פאָטאָגראַפיע קאָן! זי פיהרט אויפ'ן גלייכען וועג צו אויפלעבונג, עס שמעקט מיט'ן „עץ־החיים"...

קענען עץ־החיים אָבער שטעהט דער עץ־הדעת..

די וואַרשעווער פּאָליציי ווערט אַלץ געוואָר... אונזער ליטעראַטור שווימט פון אויבען. קלייבט צוזאַמען דעם פּאָעטיש־ווייסען שוים אויבער דער פּאָליע, די פּאָליציי אָבער נעמט טיפער. וואו אַ אידישער שרייבער פאַרמאַכט די אויגען מיט דער נאַז, דאָרט זענען זיי בודק חמץ און זיי פאָטאָגראַפירען אויך... על חשבון המלכות... און פאַרטיילען, וואו מען דאַרף, אומזיסט —אידישע פינף־הונדערט־רובעל־שטיק־מאַכער, פריש־לעבעדיג־און־צאַפּעלדיג־פלייש־הענדלער... און — אַזוי גנבים...

און „כל ישראל ערבים זה בזה“! און זיי זאגען אויך א פאלק איז א פאלק!

איינס קעגען דעם צווייטען... איינס קעגען דעם צווייטען...

מען שרעקט זיך פאר דעם שמד'עריי, וואס וואקסט אזוי שטארק...

עס שמד'ען זיך אדוואקאטען, ווייל עס ווערט זיי נמאס צו ארבייטען אויף פרעמדע נעמען מיט פרעמדע שילדען, ווי פארצייטישע טרפה'נע שענקער... עס אנטלויפען דאקטוירים פאר דער ארעמער אידישער פראקטיקע... עס שמד'ען זיך סוחרים וועגען פרייע פאספארטען און נישט צו האבען אידישע נעמען אויף די גאלדענע שילדען... עס שמד'ען זיך בחורים פאר גוי'שע בתולות, און פארקערט...

מען טרייסט זיך אפילו: אז דאס שוימט אזוי די השגחה פרטית אפ די אידישע יויך! דאס רינט אזוי אפ דער ערב־רב פון מצרים, דאס פאלען אוועק, ווי א פסולת, די האלץ־העקער און וואסער־טרעגער פון ארץ־ישראל... פאקט אבער בלייבט פאקט — געמישטע חתונות מעהרען זיך, די צאהל פון רענדעל־בייטער וואקסט!...

איז אבער „את זה לעומת זה עשה האלהים“ — עס גלייכט זיך אויס... איין גר־צדיק, וואס מיר באקומען, איז מעהר ווערט ווי אלע משומדים... איך מיין נישט דעם „גר־צדק“ מיין חבר פון „יוד“; דאס איז ערשטענס, א פסעוודאנים, צווייטענס — מאכט איין שוואלב קיין זומער נישט... איך מיין אפילו נישט די גרי־צדק אין די אויסלענדישע פרייע לענדער, וואו מען מעג און מען טוט עס צוליעב א אידישער מיידעל... דאס טרעפט זיך אויך נאר איינמאל אין א יובל... פון דעם ווערט די זופ נישט פעט! איך מיין אונזערע היימישע גרי־צדק, וואס ציטערען, ווי א פיש אין וואסער, אז זיי דערהערען דאסווארט „פאליציי“... וואס פאהרען ארום אין „שטעדט און שטעדטלעך“, ווי אמת'ע גוטע אידען און לעבען און לייבען אויפ'ן חשבון פון „כנסת ישראל“...

און אויב זיי געהען ארום אין די הייזער, בשעת די גוטע אי־

דען עפענען פראנק און פריי, וואו זיי קומען, די קרעמלעך און לייזען, שטעהען זיי דערפאר אין אן אנדער פאך העכער פאר גוטע אידען... זעלטען, עס זאל היינט ווערען א גוטער איד פון זיך אליין! מען מוז געבוירען ווערען פון א גוטען איד! מען מוז האָבען אַ טאַטען א גוטען איד! — און א גר־צדק איז ווי א פרייער פויגעל און קלייבט זיך אויס א טאַטען, לויט זיין הארץ געלוסט!

איינער, למשל, א גר צדק, וואָס גראַסיערט היינט אין פּאָדאָליער גובערניע, האָט זיך אויסגעקליבען א טאַטען א פּרייסישען יעדנעראַל! ער איז שוין פּאָלקאָווניק געווען, און א גבור — א פּאָלקאָווניק: אין דער פרייסיש־פראנצויזישער מלחמה האָט ער מיט אייגענע הענט צוועלף פראנצויזען דערשטאָכען, צי געקעפּט... דער קייזער האָט שוין אפילו געגעבען א באַפעהל, מען זאָל איהם צושטעלען צו א קוש אין קאָפּ אריין... ער וואָלט אודאי באַקומען אַ אָרדען, א גרויסען, א גינגאָלדענעם, אויסגעזעצט מיט ברילּיאַנטען... איז איהם אבער ביינאַכט געקומען צו חלום א מלאך, מיט זעקס פליגלען, מיט זעקס שווערדען אונטער די פליגעל, און האָט איהם געזאָגט, אז פּער טעות איז אין איהם אריין א גלגול פון אידישען גבור בר־כוכבא, אז ער מוז זיך דעריבער, דעם טעות אויסצוגלייכען, א איד ווערען, און תיכּף אין דערפריה אָנטון אידישע קליידער און אנטלויפען אין א אידישע קהלה אריין, און לאָזען זיך מגייר זיין... און אַזוי ווייטער...

האָט ער געקלערט, אז עס איז א פּוסטער חלום, וואָרים באמת — וואו נעמט מען עס אין פּרייסישען לאַגער אידישע קליידער? האָט זיך אבער באַלד אין דערפריה, אזוי ווי ער האָט די אויגען געעפענט, אריינגעשלייכט אין דער פּאַלאַטקע א אידישער „האַנדעל! האַנדעל“! און האָט איהם געוויזען און פארקויפט אידישע בגדים...

מן־הסתם איז עס אליהו הנביא געווען...

נאָר די גרעסטע קונץ איז, וואָס ער האָט תוך כדי דבור פארגעסען דאָס דייטש און אָנגעהויבען צו רעדען אידיש, ווי אן אמת'ער בר־כוכבא...

בכלל דאַרף מען קיין פּעסימיסט נישט זיין; די וועלט געהט נישט אונטער...

מען האט, למשל, צוגענומען ביי אידען די קאלעקטע פון דער פוילישער לאטעריע; מען האט געמיינט, א פופציג, אפשר זעכציג אידישע פאמיליען וועלען, חס־ושלום, די פרנסה פארלירען! אבער גאר: לא! תוך כדי דבור האט מען (אין גער, זאגט מען) געמאכט אן א י ד י ש ע לאטעריע... פארשטעהט זיך — א באהאלטענע, אויף דעם איז מען דאך אין גלות... משומדים געהען ארום פראנק און פריי אין די גאסען, און א גר־צדק מוז זיך היטען די נשמה... זיי מאכען צערעמאניעס בריש גליה אין די גאסען, און מיר מוזען מחדש זיין די לבנה ערגעץ אין א הויף... און אונזער סוכה וואו שטעהט?... אבער פרנסה דערפון האט מען! — די לאטעריע־מא־כער פארדינען שטיקער געלד, מאסען קאלעקטארען האבען פרנסה בכבוד, ארום זיי דרעהט זיך א מאסע פאקטוירים און לעגען אויך נישט די ציין אין בייטעל אריין... און „כנסת ישראל" שמייכעלט און קויפט בילעטען, טאנצט אונטער און צאהלט א נייעם אפ־צאהל... זי ווייסט, די כנסת ישראל, אז — „את זה לעומת זה עשה האלהים" — איז דא א פוילישע לאטעריע, מוז זיין א א י־ד י ש ע לאטעריע...

און — „זכה, מלאכתו נעשית על ידי אחרים" — די אידישע לאטעריע האט אפילו קיין „ציהונג" נישט; מען ציהט די פוילישע, און די אייגענע נעמען, וואס געווינען דארט, געווינען דא...

א מחיה!

18.

18טען סעפטעמבער, 1902

א קלונג איז מיר, ווי אויף א שרפה; א פראל אויף, ווי פאר א מענש מיט זעקס דבוקים אין לייב.

וואס איז? די באבע יאכנע פון „שטערט און שטעדטלעך" איז געקומען!

— ס'קאציל קומט, באבעניו! — זעץ דיך!

איך ווייז איהר אן אויף א שטול, זי זוכט אבער מיט די אויגען א קאנאפע...

— איך האב נישט, באבעניו!

זי שמייכעלט, זעצט זיך, און דער שטול קנאקט אונטער איהר, מן־השמים פאר נחת...

אוויילע זיצען מיר אזוי שטילערהייט איינס קעגען צווייטען און קוקען זיך אן.

די באבע יאכנע האט זיך נישט געענדערט: א אידענע, קיין עין־הרע, א הויכע, נאר אן איבערגעבויגענע. אביסעל צוליעב די פנים פון דער שכינה, אביסעל גלאט — ווי האלט זיך עס א מענש אזוי הויך ווי ער איז? אחוץ דעם: דאגת פרנסה, צער גדול בנים — אייניקלעך, אוראייניקלעך: אסך געבוירען, אסך פארלוירען, אסך צוזייט און צושפרייט און אסך הענגען נאך אויפ'ן האלז... קיין יונג מענש איז זי אויך נישט!

וואס זי זעהט אין מיר, ווייס איך נישט! נאר איך קאן מיר איהר פנים זאט נישט אנקוקען! עס איז פלאך, איינגעשרומפען, געל און מיט א ביינעריג־געשפיצטער נאז, די אויגען זענען נאך גרוי, נאר צופיעל וואסעריג: געה ווייס, וויפיעל טרערען זיי האבען פארגאסען, וויפיעל נעכט נישט געשלאפען... זיי קוקען ערנסט, נאר נישט הארט! און אין די אייגענע אויסגעמוטשעטע אויגען, ווי יאהרען און צער להכעיס, וועקען זיך אמאל וואונדערליכע פונקען, צווישען די שרימפען אויפ'ן פנים הויבט אן ארומצוטאנצען א שטילער גלאנץ, א פיין, דין שמייכעלע... אסך ליעבשאפט, א

קליין ביסעל חוזק — גאר דאמאלט לאזט די באבע יאכנע די אויגען אראפ און ווישט אפ דאס שמייכעל פון פנים מיט א בייניגער האנט.

געקליידט איז די באבע יאכנע, ווי אין די אמאליגע יאהרען: א שטערנטיכעל מיט שטיינדלעך אויסגעזעצט, א ברוסט־טוך מיט אן אויסגעהאפטענעם גאלדענעם אדלער, און אלערליי בלימלעך און רויזעלעך ארום. אויפ'ן האלז א שנירעל דינע פערעל, אויסגעמישט מיט בורשטיינדלעך און קרעלען; פון דער שנור הענגט אראפ איבער'ן ברוסט־טוך אן א י ב ע ל, וואס גיט, ביי יעדער שטארקערער באוועגונג פון דער באבע יאכנע, דעם אויסגעהאפטענעם אדלער איבער דער נאז... פון די אויערען זעהען זיך פון אונטער'ן שטערנטיכעל נאר דער ראנד פון די גישט־געלעכערטע אויערען ארוים, און צוויי שווערע, לאנגע גרין־געהאלטענע אוירינגען הענגען אין די זייטען פון שטערנטיכעל אויף שנירלעך, און וויגען זיך פריי, און שאקלען צו דער באבען: יא־יא, ניין־ניין!

— וואס מאכסט דו, באבעניו? — פרעג איך דערנאך מיט גרוים ליעבשאפט.

— אזוי, — ענטפערט זי מיט א שמייכעל, — דער גאט פון היינט, איז דער אייגענער גאט פון נעכטען און פון מארגען — — מען לעבט!

— און געקומען ביסטו, באבעניו, מיר מעשיות דערצעהלען?

— ניין, כשר־קעצעלע! — א ל ט ע מעשות האב איך שוין א ל י י ן פארגעסען! נייע ט ר א כ ס ט ד ו, ברוך השם, אליין אוים!

— נישט איך, באבעניו! נישט איך. ווי איך ק ו י ף, פ א ר ק ו י ף איך! אזוי ווי לעדער, אזוי די שיך! מען ש ר י י ב ט מיר!

— און דיר אליין, פוטער פעסעלע, פ א ס ט נישט אמאל אראפצוקומען? פארגעסען שוין מיינע מאן־קיכלעך, האניג־טייגלעך, קאנדעל־צוקער!...

— נישט פארגעסען, באבעניו! אפילו דיינע המן־טאשען קומען מיר אויך גאנץ אפט צו חלום! אפילו די שבועות'דיגע ווייסע ציקאריע! אין אלע מיינע גלגולים, באבעניו, בפרט זייט איך בין א „ביהו", לעב'ן איך, בענק איך צו דיר! איך וואלט דיר

נאכגעגאנגען טריט ביי טריט, אין פוילען, ליטא, בעסעראביען, גאַ־ליציען, רומעניען — — איבער די הרי־חושך אפילו, נאָר — איך קאָן נישט!

— אז מען וויל, קאָן מען!

— נייז, באַבעניו! געדענקסט די חיות, וואָס אלכסנדר מוקדון האָט געטראָפען אויפ'ן וועג? די חיות זענען צוגעבונדען מיט א שטריק צו דער ערד... מען ריהרט זיך אויף איין אָרט, ווייט אוועק קאָן מען נישט; אז מען רייסט איבער דעם שטריק, — פאַלט מען אויף טויט!

די באָבע יאכנע דערפרעהט זיך:

— דו גלויבסט? ! אין אלכסנדר מוקדונ'ס חיות גלויבסט דו? געזאָגט האָט מען מיר...

— עס זאָגט זיך נאָר אזוי, באַבעניו! געמיינט האָב איך א פערד אין דער רייטשול: אין ראָד אליין איז מען אויך נישט פריי; די בייטש פייפט און דערמאָנט. נאָר ארויס קאָן מען בשום אופן נישט... א שטארקע האנט האלט דעם שטריק!

— מילא, אז דו קאָנסט נישט, קאָנסטו נישט! — אבער פאַרוואָס שרייבען דיר מיינע אייניקלעך קיין אמת נישט?

— איך וויים? און איך האָב, באַבעניו, גרוים צער דערפון... אפילו אין דער היים גארט מען מיך! אָט האָב איך געשריבען וועגען „לינת הצדק" אין ווארשוי: א ויכוח מיט א מגיד; מען נעמט נישט אויף קיין קראנקע ציוניסטען! געדענקסט? ! וואָס ווייזט זיך אָבער אוים? די לינת־הצדק האָט קיין מגיד נישט, עס איז קיין ויכוח נישט געווען, קראנקע ציוניסטען באַקומען לינות, ווי אַלע קראנקע... עס הויבט זיך נישט אָן, עס לאָזט זיך נישט אוים! אפילו דער שעדלעצער רב זאָגט מען, באַבעניו, איז אויך נישט אזוי שווארץ, ווי איך האָב איהם געמאָלט! צי אַנדערע רבנים!

— נארישקייט, — שמייכעלט די באָבע, — אויב דו מיינסט עס ערנסט!

— אויף נאמנות, באַבעניו!

זי פאַרטראַכט זיך, און קוקענדיג אויף איהר שטערנטיכעל, פאַלט מיר איין צו פרעגען:

— זאָג נאָר, באַבעניו, א מ ת ' ע פּערעל?

— ווער? די רבנים?

— פון שטערנטיכעל, מיין איך...

זי זיפצט אפּ:

— ניין, ביהנעלע... די אמת׳ע האָב איך לאַנג פאַרקויפט — זיי האָט אמאָל מיין אַ ל ט ע ר פאַרקרענקט...

— וואָס מאַכט ער, דער אַלטער?

— עבר ובטל געבעך!

— און ד י י ן געזונט, באָבעניו... ביסט אפשר געקומען צו אַ דאָקטאָר?

— איך בין געקומען דיך עטליכע שאלות צו פרעגן!

— פרעג, באָבעניו!

זי בויגט אביסעל אַרונטער דעם קאָפּ, קוקט מיך ערנסטער אָן און זאָגט:

— האָסט דערמאָנט דעם שעדלעעצער רבּ!... זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס האָסט דו דיך עפּעס גענומען ד ו ק א צו רבנים, צוגעקלעפּט זיך, ווי אַ שוסטער־סמאָלע! איך לייען דיינע זאַכען! וואָס זאָל איך טון? דעם טייטש־חומש מיט אַלע תחינות קען איך שוין אויסענווייניג! — זעהן זעה איך, אַז עס איז אין דיר אריין אַ גלגול, און אפשר אַ דבוק, פון גאַרנישט קיין שלעכטען מגיד! שטראָף־רייד זאָגען קאָנסט דו! — נאָר צי אַנדערע מענשען זינדיגען נישט? צי זענען די רבנים ערגער פאַר אַלע?

— ניין, באָבעניו, ערגער נישט! פון זיי אָבער איז דער ש אַ־ד ע ן גרעסער, דער ח ל ו ל ־ ה ש ם גרעסער!

— האָסט דיר איינגערעדט!

— ניין, באָבעניו! עס איז אמת און עס זענען דאָ אסך טעמים דערביי!

הער, באָבעניו! אַז עמיצער איז נישט געוואָרענט מיט פייער, צאָהלט ער, למשל, קנס; ווי איז אָבער, אַז דער נאַכט־וועכטער אַליין ציהט אויס פייער פון ליולקע אינמיטען גאַס ביי שטרויענע דעכער...

— נו, אודאי!

— אָדער אזוי אַ שאָף בלאָנדזשעט! ס׳איז טאַקע אַ שאָד אַ

שאַף! פאַרט אבער נאָר איין שאַף! אָדער זי וועט צוריק קומען, אָדער כאַפּט זי דער וואָלף! אבער, אז דער פּאסטוך גערט אראָפּ פון וועג?

— אודאי — איז די באָבע מודה, — פאַרפיהרט ער אַלע!

— און דער חלול־השם, באָבעניו, איז אויך גרעסער! אז אַ פּראָסטער איד זינדיגט, ער טוט תשובה צי ניין, זינדיגט ער אליין, אָבער, אז אַ רב טוט עס, דער שומר, וואָס די תורה האָט געשטעלט ביי דער טיר, זאָגט מען: די תורה הייסט אזוי. על כל פּנים, אז זי איז מסכים! וואָס טוט ער נישט אליין! אַ ספר שרייבט ער און פאַרענטפערט זיך! כל־זמן ער לעבט און זיין דור לעבט, שמייכעלט דער עולם... נאָך יאָהרען, דער דור איז טויט, דער רב איז אַ קדוש געוואָרען. זיין ספר קריכט אריין אין אַ בית־המדרש־שאַנק און שטעלט זיך צווישען די הייליגע ספרים!

— דאָס איז אמת?

— אודאי! אז אַ פּראָסטער איד זינדיגט, קריגט ער, לויט דער זינד אויף דער נשמה אַ זומער־שפּרענקעלע, איין קראַץ! און — ווען אפילו אַ הויקער? אין אַ משפחה טרעפט זיך אַ הויקער אויך!

— נעבעך! — זיפצט די באבע־יאַכנע און לאָזט די אויגען אראָפּ און פאַרטראַכט זיך.

פּלוצים הויבט זי די אויגען אויף און ווערט אַ מליץ־יושר.

— הערסט, ביהנעלע, ביי זיי איז אויך נישט גוט! ביי אונז אין מסחר, וואָס ווייניגער סחורה, מעהר קרעמער! ביי זיי: וואָס ווייניגער תורה, מעהר רבנים! נישט אַלע קאָנען האַנדלען מיט סאָדא־וואַסער! קומט טאַקע אַרוים דריי רבנים אויף אַ שטאָדט...

— קויפט מען זי אויף ליציטאַציע, פאַרברענט מען זי מיט מחלוקת...

— דלות מאַכט פּסלות, ביהנעניו! דער הונגער איז גאָר קיין יצר־טוב נישט!

זי פאַרטראַכט זיך טיפער; די גרויע אויגען פאַרציהען זיך מיט אַ נעבעל... איך וויל זי פאַררעדען און גיב אַ פרעג:

— וואָס זענען, באָבעניו, די בריליאַנטען אין דיינע אוירינגלעך אזוי טויט... זיי אָטעמען גאָר מיט קיין ליכט און פאַרבען נישט!

— קיין אמת'ע שטיינער, קעצעלע! פאר די אמת'ע האט מען זיהן אויסגעלעזט...

די באבע יאכנע ציהט ארויס פון אן אונטער־טאש א גרויס פולארען טיכעל און ווישט זיך אפ דעם שטערן...

— פון גוטע אידען, מאכט זי, וויל איך שוין גארנישט רע־דען, דו גלויבסט דאך אין גארנישט!

— באבעניו, דאס האט דיר א שונא געזאגט! איך גלויב!

אין וואס, קעצעלע? אין דעם, וואס דיינע אויגען זעהען? קען איך א גרעסערען פילאסאף — דיר נישט צו גלייכען, א רופא־יונג! אפילו, אז ער זעהט שוין א קערבעל, גלויבט ער זיינע אויגען נישט; ערשט, אז ער באקומט דאס קער־בעל אין האנט אריין, גלויבט ער. אלע זייט איהר אזוי!

— נישט אלע... אנדערע, באבעניו, גלויבען!

— אין וואס, הארץ־דעקעל מיינס!... רעד דבורים!

— אין וואס? עס וועט מיר שווער זיין דיר אויסצוטייטשען, באבעניו! נאר פרואווען וועל איך! הער, איך גלויב אין יענער זייט פון דער זאך!

— וואס איז דאס עפעס פאר א משניות? עפעס אין אונטערשלאג גלויבסט דו?

איך קריג מורא, אז איך בין אריינגעפאלען!

— אדרבה, — זאגט זי אומגעדולדיג — טייטש מיר אויס... אן אלטע אידענע איז דאך אויך א מענש!

— איך וועל פרואווען, באבעניו, נאר מיט א משל!

— אדרבה, טאקע מיט א משל! משלים געראטען דיר אמאל!

און עס מאכט זיך אזא שמועס:

— צי ווייסט דו, באבעניו, — פרעג איך, — ווי א הונט איז זיך נוהג מיט א שפיגעל?

— פרעג מיך עפעס גרינגערס?

— וועל איך דיר זאגען, באבעניו! — אז א הונט דערזעהט זיך דאס ערשטע מאל אין שפיגעל, ווערט ער אנגעצונדען. ער גיט

א שרעקליכען ביל, א שפרונג צו! לאז איהם, מאכט ער דיר א חורבה פון שפיגעל. האסט א שפיגעל, באבעניו?

— א שפיגעל, ווי א שפיגעל, קיין הונט האלט איך נישט!

— זכר לטיט! מען האט פון הינט אסך געליטען! נאר פאר־וואס בעס'ט זיך דער הונט? ער מיינט, עס איז אן אנדערער!

א הונט זאגט אויך: איין הונט דארף זיין אין א שטוב! א'ניט ווערט די פארציע קלענער!

איז דאך אבער א הונט א בטבע א חכם, שפרינגט ער אזוי און קראצט אזוי לאנג מיט די ציין, ביז ער ווערט געוואר, אז ד ע ר הונט און י ע נ ע ר הונט זענען איין הונט! ער באַרו־היגט זיך. נאר פון דאמאלט אן פארגעסט ער אן שפיגעל!

— זעהר רעכט, — זאגט די באבע יאכנע, — הלואי וואלטען מיינע שניר אן שפיגעל פארגעסען...

— דאס איז, באבעניו, שוין גאר עפעס אנדערש! דו האסט אבער, באבעניו, באמערקט, ווי דיינע קליינע אייניקלעך זענען זיך נוהג מיט'ן שפיגעל?

די באבע יאכנע רויטעלט זיך פאר נחת.

— איין אייניקעל — זאגט זי — וואלט ער פאר א שפיגעל קרעפלעך אוועקגעשטעלט! ער מעג האלטען אינמיטען געוויין, אז מען נעמט איהם נאר צום שפיגעל — א זון אין א רעגען! די אויגעלעך נאך פול טרערען און זיי גלאנצען שוין פול פרייד: און זאלסט זעהן, ווי ער פאטשט מיט די הענטלעך, שמייכעלט, לאכט! ווי ער רייסט זיך צום שפיגעל, שטעלט אוים שפיציג דאס קליינע פיסקעלע און וויל קושען דאס „ד ז ש י ד ז ש י א ל ע“ אין שפיגעל!

מיד באפאלט א טרויער...

— האב איהם ליעב, באבעניו! — זאג איך, — ער וועט זיין א גוטער, דיין אייניקעל! ער שמייכעלט, ער האט ליעב, ער רייסט זיך צו זיינם גלייכען! צי גליקליך? ווייס איך נישט, נאר א גוטער וועט ער זיין! — און אנדערע?

— אן אנדער אייניקעל ווייטער האב איך, האט ער גאר אן אנדער טבע! ער שמייכעלט נישט, פאטשט נישט מיט די הענט־לעך, נאר ער וויל שוין וויסען, וואס אויף יענער זייט שפיגעל טוט זיך! ער כאפט זיך מיט די הענטלעך צו דער רעם, וויל זי ריהרען,

אויפהויבען... רייסט זיך אַן אַ זייט, ווייל אַרונטערקוקען! אז מען לאָזט איהם נישט, ווי ער וויל, וויינט ער — אַ שיף מיט זויער־מילך איז איהם אונטערגעגאַנגען, און עס ווערט איהם גאַרנישט נמאס!

— פון דעם וועט אַרויס אַ מענש, באַבעניו! אַ מענש, וואָס וויל זעהן י ע נ ע זייט, די עיקר־זייט פון דער זאַך!

— דאָס שפּינוועבס פון מיין שפּיגעל? — צולאַכט זיך די באַבע יאַכנע.

— לאַך נישט, באַבעניו! אין משל מעג זיין שפּינוועבס! אַבער אַ מענש וועט דיין אייניקעל זיין! זיך אַליין דערקענט ער נאָך נישט. און וויל שוין וויסען, פון וואַנען י ע נ ע ר קומט אַרויס... אפשר בייסט ער נאָך זיין אייגען פּיסעל?

— דאָס נישט... אין ציגעל אַריין — טרעפט זיך! — שמייכעלט זי.

— ער בייסט נאָך אין אייגען ציגעל, און עס לאָזט איהם קיין רוה נישט: פון וואַנען נעמט זיך יענער?

— אַ „טשעקאַוואַשטש“!

— אַ „טשעקאַוואַשטש“ נאָר פון אַ מ ע נ ש! אַ הונט טוט עס נישט, אפילו נישט דער קליגסטער! דער ג ע ל ע ר ע נ ט ס ט ע ר הונט, אפילו נישט אַ הונט אַ קונצען־מאַכער! יענע זייט אַט חלומ'ט זיך זיי אפילו נישט!... און מיר אַלע, באַבעניו, זענען געגליכען צו קינדער; די וועלט, באַבעניו, איז אַ שפּיגעל — —

— לאָמיך געהן, לעבען מיינס, — מאַכט די באַבע אַוועק מיט דער האַנט, — דאָס איז נ י ש ט פאַר מיר... צו אַלט דערצו!

די באַבע יאַכנע פאַרטראַכט זיך. איך וויל זי פאַרווייילען און פרעג:

— און דער אַדלער דיינער, באַבעניו, איז טאַקע זהב־טהור?

— געווען — כאַפּט זי זיך אויף — אין די ג ו ט ע צ י י־ט ע ן, ווען מיין אַלטענס עטרות זענען אויך געווען אי כסף־טהור, אי זהב־טהור... היינט — —

— וואו איז אַלץ אַהינגעקומען?

— א זוהן אויסגעלעזט! אפילו דאָס זילבער פּאַרקויפט! און גאָלד און זילבער אויסגעטרענט און מיט שיך (מישורא) פאַר־העפּט...

אינמיטען ווערט זי אומגעדולדיג:

— וואָס טויגען אָבער די נאַרישקייטען... משל אהין, משל אהער — ווי קומט עס צו גוטע אידען?

— נאָר דאָס, באַבעניו, קומט אויך פון משל ארויס! האָסט עפּעס א שוואַך אייניקעל, באַבעניו?

— וואָלט איך אזוי נ י ש ט געהאַט... פּיסלער, נעבער, אויסגעקרימט...

— ווי וואָלט־זשע געווען, באַבעניו, ווען אזא אייניקעל זעצט זיך אמאָל אויף אין דערפריה אין בעט און דערצעהלט די אנדערע קינדער אזא מעשה:

— באשר בכן — דערצעהלט ער — ביינאַכט האָט איהם עפּעס — זאָל זיין, ער מאָלט אוים א מלאך מיט פליגעל!—האָט איהם עפּעס געוועקט (און דו, האָסט א גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעטאָן, און ווייסט, מען האָט קיין שאָרך נישט געהערט) און עס האָט איהם אויפגעוועקט (דו ווייסט, ער איז א גאַנצע נאַכט געשלאָפען!) ער איז (מיט די קרומע פּיסלעך!) אראָפּגעשפּרונגען פון בעט, צוגעלאָפען צום שפּיגעל (דו ווייסט, אז ער האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט!) דערלאַנגט (און דו ווייסט, ווי קליין ער — און ווי הויך דער שפּיגעל איז) און האָט איהם איבערגעדרעהט (און דו ווייסט, אז ער האָט דערצו קיין כח נישט, און וועט אפשר קיינ־מאָל נישט האָבען)... און אויף יענער זייט איז אָנגעשריבען מיט מלאכים־כתב (און דו ווייסט, אז ער קען קיין פ ר אָ ס ט ע עברי נישט!) מיט שוואַרץ פייער אויף ווייס פייער.

— רבונו של־עולם! — שרייט אוים די באָבע יאכנע, האַלב געלאַכט, האַלב דערשראָקען — די האָר שטעלען זיך מיר קאַפּויר. — וואָס קאָן דאָס זיין?

— עס איז נאָך נישט געענדיגט, באַבעניו! ער דערצעהלט, וואָס דאָרטען שטעהט אויף מלאכים־כתב!

„דאָרטען שטעהט — זאָגט ער — אז ער איז דאָס בעסטע קינד פון אַלע קינדער... אז אַלע קינדער זענען מחויב פאַר איהם

צו באהאלטען און איהם אוועקצוגעבען — אלע האָניג־טייגלעך, ס'גאנצע קאנדעל־צוקער, אפילו די בייגעל פון אנבייסען!..."

— אזוי! — זאָגט די באָבע — איז ער דאָך גלאט א גע־בוירענער שווינדלער! אזוינס וואלט איך דאָך — זאָגט זי — גע־קיילט.

— אייל דיך נישט, באָבעניו! נישט אזוי געשווינד מעג מען קיילען! עס קאָן זיין א קרענק!... א קראנק קינד, האָט עס קראנקע חלומות... מען דארף א דאָקטאָר רופען, אפשר מוז מען עס גאָר אין הקדש אריינפיהרען... עס קאָן זיין אזא קרענק, דאָקטוירים וויסען דערפון!

— אזוי?!

— און דאָס, באָבעניו, זאָג איך טאקע: גוטע אידען דארפען א דאָקטאָר. קראנקע — אין שפּיטאָל, שווינדלער זאָל מען קיילען. און א סוף! „כלחוד השור" וועלען זיי פון דיינע שטעדט און שטעדטלעך מאכען!

און ווייטער פארטראכט זיך די באָבע יאכנע, און איך פרעג:

— און דער אייבעל דיינער, באָבעניו?!

— עט, אן אלטע פאלשע מטבע! מיט דער אמת'ער, בצירוף כלי־בית און אביסעל בגדים, האָט מען פּאר אייניקלעך צו דריי הונדערט רובל קנס געצאָהלט... נאָך מיט חסד, וואָס מען האָט גע־לאָזט אויסצאָהלען...

איך האָב שוין מורא צו רעדען פון צירונג און פרעג:

— און דו האָסט צייט, באָבעניו, אזוינע ש א ל ו ת צו־ליעב אומישנע א ה ע ר צו קומען?

— צייט? איך האָב דען מעהר ווי צייט? וואָס האָב איך דען צו טון, קעצעלע?!

— און דיין שניט־קראָם? האָסט דאָך, באָבעניו, אמאָל א גרויסע שניט־קראָם געהאט!

— געהאט!... א קראָם איז ווי אן אם... זויגט אזוי לאַנג, ביז זי ווערט איינגעשרומפּען... קינדער אויסגעזויגט, אויסגעגעבען... קנס באצאהלט — אלץ פון איין קראָם איז זי טאקע איינגעשרומפּען

גוואָרען! פון א גרויסער איז געוואָרען אַ קליינע, אַ קלענערע... דערנאָך א שטעלעכעל, א טישעל, א קיישעל נאָר, ביז — עס איז געקומען צו גאָרנישט!

— און א „קניפּעל" האָסטו דו דיר, באַבעניו, געלאָזט?

— הלואי וואָלט איך שכל געהאַט!... די קינדער אפילו געהט עס אויך נישט גוט... די אייניקלעך דערפאַר וועלען אפשר זיין לייט... נייע מענשען... נישט געשטעלט — און געמעקט, אָהן קאָפּ־פאָרדרעהעניש. נאָר מען ארבייט! ווער ביי א בעל־מלאכה, ווער אין פאַבריק... נישט אַלע, נאָר ס'רוב אזוינע... אסך מעשה אבות ירשו בנים, אסך זענען אוועק...

— געבענשט זאָלען זיין זייערע הענט, און דו, וואָס טוסט, באַבעניו?

— אַביסעל קוק איך צום אַלטען... אביסעל שטריק איך זאָקען... באַק מאַנקיכלעך פאַר אוראייניקלעך... אויף יום־טוב — ווי אמאָל האָניג־טייגלעך... מען לעבט — אבי ווייטער! אצינד בין איך דאָ...

נאָר, אז איך בין שוין דאָ, וואָלט איך געוואָלט פרעגען, שוין נישט דיך, ווענען ר ע מ א ט ע ן... נאָר דו גלויבסט דאָך אבער אין קיין דאָקטוירים נישט!

— איך גלויב, באַבעניו — אסך עהרליכע לייט! איך וועל דיר אויסזוכען איינעם!

— ס'האָט צייט, מיר וועלען זיך נאָך זעהן.

דערווייל געזעגענט זי זיך.

איך באַגלייט זי, וויל שוין פאַרמאַכען די טיר, נאָר אויף דער שוועל מאַכט זי:

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגען? מקנא בין איך דיך נ י ש ט... שטענדיג מיט'ן בעזעם!

— וואָס זאָל מען טון, באַבעניו? וואו דאָס מזל שטעלט א מענש, דאָרט איז טשאַסאַוואָי!

19.

25טען סעפטעמבער, 1902

רבותי!

צי האב איך אייך ביז היינט נישט געטריי געדינט?

זאגט, צי האט זיך עפעס צוגעקלעפט צו מיינע פינגער?

צי האב איך אמאל א פרעמדען אקס גענומען, א פרעמדען אייזעל, נישט סאמע אייגענע, נישט סאמע היימישע געקוילעט אויף כשר?!

און וויפיעל באלאגען ביטער-וואסער האב איך אייך צוגע־שטעלט, צו לייטערען דאס געבליט?

און מיינע בליצען, וואס איך לאז אויף פינסטערע שטעדט־און־שטעדטלעך? און די מאמענטאלע פאטאגראפיעס, וואס איך מאך דערביי?

דארף איך אייך נאך בעטען, איהר זאלט מיר ערלויבען כאטש איינמאל צו באנוצען די שטעדט און שטעדטלעך פון מיין טובה וועגען?

און באנוצען וויל איך די „שטעדט און שטעדטלעך" אויף א רשימה פון חתנים און כלות!...

די מעשה דערפון איז אזוי, איך זוך מיר א צושפרונג צו דער פרנסה. אויף ליטעראטור אליין איז זיך נישט צו שטעלען! צו וואס זשע נעמט מען זיך אבער? צו דעם, וואס איך טויג, טאר איך מיך נישט נעמען, און וואס איך מעג, צו דעם, לא עליכם, טויג איך נישט! זאגט די שווינגער תחי': שדכנות! מהיכא תיתי, זאל זיין שדכנות! בין איך אבער נישט אימשטאנד ארויסצופאהרען אויף דער מדינה און דורכרעדען זיך פה־אל־פה מיט שדכנים און מחותנים; איך מוז זיצען זויפ'ן ארט און האלטען די „שטעדט און שטעדטלעך" ביים משוגע'נעם פולס! און גלאט, לאמיך מיך

נאר ריהרען פון ארט, וועט די רעדאקציע וועלען, איך זאל קלייבען אבאנענטען, און צו דעם טויג איך שוין ל ג מ ר י נישט! שרייבען, אחוץ „שטעדט און שטעדטלעך“, נאך שלום־לאהובי־בריף ביז איך אויך נישט אימשטאנד, נאך „שטעדט און שטעדטלעך“ קריגט מען גאנץ אפט אן אפשיי צום שרייבגעצייג. עס איז אודאי א שנאת חנם, נאר א קרענק איז עס! היינט פאסט־געלט, היכי תמצא פאסט־געלט? אפילו פאראן א ביליגע א י ד י ש ע פאסט, בחצי חנם א פאסט, א מין „שומר־שמסר־לשומר“, איז זי אבער נישט זיכער. אידעלעך, געוועהנט צו חלות, טוישען זיי אוים די בריף, ווארפען אריין דורך אפענע פענסטער... דער מאן כאפט דעם ווייבס, דאס ווייב דעם מאנס בריף, און ניט איין „מנוחה ושמחה“ זענען זיך דעריבער צוגאנגען.

מיט דער צייט, אז דאס געשעפט מיט צייטונגען, סאדא־וואסער און אנדערע וואסערען וועט אפפאלען צוליעב דער קאנקורענץ, וועט אפשר די אידישע פאסט פאלען אין בעסערע הענט אריין! דערצו איז אבער נאך ווייט.

וועל איך טאקע געבען א רשימה פון חתנים און כלות אויפ'ן ארט פון „שטעדט און שטעדטלעך“.

איך מיין נישט די גאנצע רשימה. די כלי־כתיבה פון אקדמות וואלט דערצו נישט געקלעקט. איך וועל יוצא זיין מיט א קליינעם מן־המעשר'ל, מיט א לעק פון געדיכטען, וואס מען רופט: „פראבען אהן א שום ווערט!“

ערשטענס, נעהמט א ראמש חתנים.

יוריסטען, וואס האבען מורא פאר שפרענק־וואסער, דאקטוירים אהן פראקטיקע, ווי אויך מאטעמאטיקער, וואס צעהלען און רעכענען — שטיינער אין די גאסען, שינדלען אויף די דעכער, בוימער אין די גערטנער, צי גאר — און מיט מעהר הארץ־וועהטאג־פרעמד געלט אין סוחר'ישע קאנטארען...

דאכט זיך אייך אפשר, פועלים בטלים? האט איהר א טעות! מיט אזוינע האנדעל איך נישט! אזוינס הויב איך פון מיסט נישט אויף! איך מיין די, וואס שטעלען זיך אלס קאנדידאטען צו די

רבני'שע — קלפּי'ם אין די גרויסע שטעדט! זאָרגט נישט! זיי וועלען במהרה בימינו צולעגען די רויטע ליפּעלעך מיט די ווייסע ציינדעלעך צום קהל'שען קרעפּעל און נאַגען און בייסען כאחד האדם! ווי אין אבראַמאָוויטש'עס „קליאַטשע" שטעהט.

וכנגדם ביבשה — א ראמש כלות:

עטליכע טוץ אקושערקעס און דענטיסטקעס, וואָס עס איז זיי נמאָס ומאוס געוואָרען די הוילע „זעלבסטשטענדיגקייט", און ווי־לען חתונה האָבען, אבי אוועקצולעגען די מלאכה!

העלפט מיר מזוג זווגים זיין! לעקט אויך אָפּ א ביין. איך בין, חס־ושלום, קיין צר־עין נישט!

און, „צווישען אונז נישט אויף זיך", די מיידלעך זענען דאָך אודאי סחורות! א קלער קאָנט איהר נאָר האָבען ווענען די א ו י ס־ש ט ו ד י ר ט ע; איהר קאָנט, למשל, מורא האָבען, טאָמער עפּענט זיך א קאָנקורענט געשעפט — א ראַבינער־שול, טאָמער הויבען אַן די „דוכאָוונעס" צו באַלעגען העכערע עקזאַמענס, — זאָג איך אייך בהן־שלי, אַז עס איז אומזיסט דער גאַנצער פּחד! פון ראַבינער־שולע האָט מען אַזוי לאַנג גערעדט און גערעדט, ביז עס איז נמאָס געוואָרען רעדענדיג... „דוכאָוונעס", וואָס מאַכען הויכע עקזאַמענס, זענען דערווייל אַזוי זעלטען, אַז ווען איינער באַווייזט זיך, ווערט א רעש אין „הצפירה". און ווען מיר זאָלען האָבען אילוסטראַציעס, וואָלט מען פון אַזוינע פּאָרטרעטען געמאַכט.

אפשר וועט זיי באַנוצען „מזרחי" צו פּאָסט־קאַרטען!

דאָס איז געוועזען סחורה פון ש ט ע ד ט: פּעטערבורג, מאָסקווע, אָדעס. אין וואַרשוי קענען די לייט צו ווענינ „עברי"...

איך וואָלט אבער געהאַט נאָך א גרעסערען ראמש חתנים פון „שטעדטלעך". ווען נישט דער קאָמעט!

איהר האָט דאָך אודאי געלעזען, אַז הינטער פּעטערסבורג האָט זיך באַוויזען א קאָמעט מיט אַן עק פון צוויי צו דריי אַרשין; א קאָמעט באַטייט: מלחמה! איז אבער די שאלה: ווער וועט פיה־רען מלחמה? זאָל דער קאָמעט געוועזען מיינען די מלחמה צווישען „ליובאַשיצקי" און „בן אביגדור" אין „הצפירה" וועגען זשאַרגאָן

— וואָלט ער אַסך אַ לענגערען עק געהאַט! אלא מאי, האָב איך געטראַכט, ער מיינט די אומות העולם.

וואַרף איך אַ בליק אויף די אומות העולם, איך וויל זעהן: ווער וויל און קאָן האַלטען מלחמה?

עסטרייך קאָן זיך נישט ריהרען, כל־זמן אונגאַרן און גאַליציען ליגען זיך איינעם ביים אַנדערען אין די האָר וועגען אַ „כרמלית" פון ד' על ד' מיט'ן נאָמען „מאַרסקע־אָקאָ". בפרט כל־זמן וואַרשעווער קראַמשטיקס זאָגען, אַז זיי ווילען באין אופן נישט שווייגען! פראַנקרייך האָט זיך נאָך נישט אויסגערייניגט פון די גלחים, און האַלט זיך אין איין קראַצען אין קאָפּ! ענגלאַנד דאַנקט גאָט, אַז זי איז אַרויס ב ש ל ו ם פון דער לעצטער מלחמה. בלייבט איין דייטשלאַנד? איז עס אָבער פאַרנומען מיט פויזען! פּראָפּעסאָרען לויפען אַרום אין די וועלדער און זוכען ריטער פאַר פוילישע קינדער אין פויזנער שולען; יוריסטען ליגען טעג און נעכט איבער'ן קאָדעקס, און זוכען אַ פּאַראַגראַף מיט קייטען און אייזערנע ריטער פאַר די קינדערס עלטערען; די האַרמאַטען, מיט די לעבער קעגען פאַריז, האָט מען איבערגעדרעהט קעגען פויזען —

הכלל — ווער, צו אַל־די־שוואַרצע יאָהר, וועט האַלטען מלחמה?

לאַנג קלערען האָב איך מורא פאַר'ן קאָפּ — כאַפּ איך מיך צום קאַלענדער! ווי וועל איך נישט געפינען אַ נבואה'לע, אַ וואונק?

כאַפּ איך פריהער זייערם אַ קאַלענדאַר — נישטאָ אַ וואָרט! טראַכט איך מיר: זיי ווייסען אַסך! כאַפּ איך אונזערם אַ לוח, זעה איך ערשט — אַז אונזער לוח איז נישט מעהר ווי אַ ריינע איבערזעצונג פון זייער לוח! אחוץ מנהגי־בית־הכנסת מיט די סדרות, וואָס מען דרוקט איבער פון יאָהר צו יאָהר — אָן איבערזעצונג וואָרט ביי וואָרט! זייערע ירידים, זייערע „קדושים". כאַטש מען האָט שוין לאַנג פאַרוועהרט מיט זיי צו האַנדלען!

כאַפּ איך הייםישע קאָרעספּאָנדענציעס — און דאָ קומט ערשט דער אמת אַרוים; מלחמה איז תפוצות ישראל!

דער ק אָ מ ע ט איז נאָר אַ נ י י ע ר, די מלחמות זענען אַ ל ט ע; כלי־קדש, גבאים, ציוניזם...

קאָן איך דען האַנדלען מיט חתנים, וואָס איידער וואָס, איידער

ווען, וועלען זיי בלייבען אהן געז, אהן אויערען, און וועלען זיך א מינוט פאר דער חופה, אלס באפרייטע פון מיליטער, אפשטעלען און הייסען געבען טאפעלט נדן? גאה, מאך אויפ'ן ניי קריעת ים-סוף!

אזויפיעל כח האב איך נישט!

פאראן אפילו א ייטעדטעל, וואס איז געבענשט מיט שלום! האט עס אבער אן אנדער חסרון: עס איז דארט אפגעברענט געווארען דאס באד מיט דער מקוה, און פון צוריק אויפבויען האט מען, פונקט ווי פון א ראבינער-שול, אזוי לאנג גערעדט און גערעדט, ביז עס איז נמאס געווארען רעדענדיג!

מילא, די „ווייבער יאק די ווייבער" — זיי טוען זיך אן עצה; עס איז נאהנט צו אנדערע שטעדטלעך, אפילו נישט זעהר ווייט פון מינסק; פאהרט מען וואו עס איז און מען שלאגט זיך אוים די הוצאות מיט איינקויפען: אייער, ציבעלעס, הינער צי א שטיקעל וואלענצייג, וכדומה...

אבער די מענער — שרייט מען — געהען ארום, ווי די קוימען-קעהרער!

נאך איין חתן און נאך איין כלה וויל איך אייך פארשטעלען!

דער חתן איז א בחור א בעל-מופת.

אפילו א פראסטער בעלפער געווען, א בעלפער, וואס דער מלמד פלעגט נישט צולאזען אפילו צו דער „עברי". ער פלעגט א נ ט ו ן, א פ פ י ה ר ע ן די קינדער, טראגען זיי כמנהג פוילען — „פאד ווארימעס" און אלע ערב-שבת ויום-טוב מאכען ביי בעלי-בתים פיש.

אבער, „אז גאט וויל — זאגט מען — שיסט א בעזעם" — ווייזט זיך אוים, אז דער בעלפער פלעגט מאכען די פיש לכבוד שבת ויום-טוב מיט אזוינע כונות, אז ער האט זוכה געווען, — ווארט, וועט איהר זעהן צו וואס!

איינמאל, עס איז געווען ערב־שבת־נחמו. מאכט דער בעלפער פיש ביים גביר. איז קיד זענען געווען: די דינסט, א יונגע עגונה, וואס דער גביר האט צוגענומען מעהר פאר רחמנות, ווי צוליעב דער ארבייט; די שבת־גויה, וואס ער אליין האט באשטעלט, זי זאל קומען אלע ערב־שבת העלפען דער עגונה פוצען די פיער פאר זילבערנע לייכטער, און דער בעלפער! אחוץ דעם, האט דער גביר אלעמאל געעפענט די טיר פון שטוב און געזעהן, צי די שבת־גויה טוט איהרם בשלמות...

און פלוצים, דער גביר האלט אזוי אפען די טיר, די עגונה דרעהט זיך, ווי איהר שטייגער איז, ביים קוימען; די שבת־גויה פוצט און דער בעלפער גיט א שפאלט אויף דעם גרויסען, לעבעדיגען העכט, גיט א שפרונג ארוים פון בויך א לעבעדיגער שלייען, גיט זיך א הויב אויף די פלים־פעדערען, א שווים איבער דער לופט און גיט א זאג מיט א קול פון א מענש:

„דו, בעלפער, ווייל דו האסט אזויפיעל כונות אריינגעלעגט אין די שבת׳דיגע פיש, וועסט דו זוכה זיין...״

נאר מעהר האט מען נישט פארשטאנען, אזא געשווינד לשון האט דער שלייען געהאט, און אזוי געשווינד איז ער ארוים דורך דעם אפענעם פענסטער!

און געהערט האבען עס די עגונה, דער גביר אפילו לייקענט, נאר מען גלויבט איהם נישט. און א „מסיחה לפי תומה״ — די שבת־גויה, וואס פארשטעהט אויסגעצייכענט אידיש, און רעדט אידיש אזוי וואויל, אז נישט איין אידישער מחבר וואלט געמעגט צו איהר געהן אויף דער לערען!

דאס איז דער חתן. אצינד געהט די כלה און א וואוילע כלה— אויסגעטונקט אין יחוס!

פארשטעהט איהר מיד, א רב׳ס א טאכטער, פון דער רוסישער געגענד א רב!

און וואס פאר א רב!

מיט זיבען אויגען פלעגט ער קוקען אויף שחיטת־חוץ; אפגע־היט ווי אן אויג אין קאפ דעם עירוב! יעדע וואך אויפ׳ס ניי גע־כשר׳ט די מקוה! א צונג צו א חלף האט ער געהאט. טאקע איינע אין דער וועלט! היינט אויף חרמות — א מויל אויף אייזערנע

שרויפען! און מעביר געווען האט ער: פיער און צוואנציג שוחטים, פיער און זעכציג קצבים און דריי „חדרים מתוקנים" צובראכען כחרס הנשבר!

ווי געזאגט, דער צדיק איז נתבקש געווארען בישיבה של מעלה, מן־הסתם פאר אן אויבער־שמש אין גן־עדן אריין, און האט איבער־געלאזט א ב ת י ח י ד ה! שרייבען שרייבט מען: א יפהפיה! א לייבעל ווי א קליסקעלע, אויגעלעד, ווי די מאנדלען, ליפעלער, ווי דינע פעדימלעך, און האר — נאר דאס איז שוין א נארישקייט, וואס מען שרייבט וועגען האר, עס וועט פון זיי קיין זכר נישט בליי־בען! וויל טאקע די שטאדט זיך און דער י ת ו מ ה שטעלען א חופה מיט א י י ן חתן אין א י י ן טאג!

מען שרייבט: מען זוכט אן אלמן צי א גרוש, אבי א זקן ורגיל, נאר א בחור, אויב א רעכטער, וואלט אויך נישט געשאדט!

מיין איך טאקע, אז א רעכטער וואלט געווען דער בחור דער בעל־מופת!

אי וואס? וועגען לערנען? נארישקייטען! הלמאי דער וואר־שעווער רב מאכט אז אין די גטין „נח מיט זיבען גרייזען", ווייסט נישט, ווען עס קומט „המכונה", ווען עס קומט „דמתקריא" — שרייבט פאניע במקום „פיניע" וכדומה? נו? צאהלט ער נישט צוועלף הונדערט רובל דירה־געלט און האט נישט קיין זומער־וואוי־נונג אין אטוואצק?

אזוי מיין איך. נאר „קבלו דעתי" זאג איך נישט!

און לאמיר רעכנען, אז די שטאדט וועט נישט וועלען; מיינט איהר, מיין חתן וועט פארזיצען? האב איך פאר'ן אפשר א בע־סערען שדוך! — א דבוק!

איהר גלויבט נישט? הערט א מעשה:

אין „אונזערס" א פוילישער שטאדט (קיין נעהנטערע אדרע־סען קאן איך נישט אנגעבען; איהר קאנט דאך נישט פארלאנגען, איך זאל מיר לאזען אויסרייסען דעם ביסען פון מויל) — אין „אונזערס" א פוילישער שטאדט האט זיך ארומגעדרעהט א גלגול. א צייט לאנג האט ער זיך ממש ארומגעוואלגערט אין די גאסען און נישט געהאט אין וועמען אריין. געווען איז ער א מ ע נ י ש ע ר

ש ו ס ט ע ר, און אַ פּסק האָט ער געהאַט, אַז ער מוז אַריין דווקא אין אַ דאַמסקען שניידער — אַ זכר צי נקבה, אַלץ איינס, אַבי אַ דאַמסקען שניידער! אין דער שטאָדט זענען אָבער מעהר קיין דאַמסקע שניידער נישט געווען, אויסער איינעם ר׳ חיים־יוסל מיט אַ זוהן ר׳ יונה־בער און מיט אַ טאָכטער, פון וועלכער מען רעדט, וואָס האָבען אַלע דריי געאַרבייט ביי איין טיש.

אין שטוב אַריינקומען האָט דער דבוק באין אופן נישט גע־קאָנט. אַ כשר׳ע מזוזה, שמירה׳לעך ביי פענסטער און קוימען — קריך אויף די גלייכע ווענט! בלייבט נאָר איבער דער גאַס. אין גאַס אַרויס געהט אָבער ר׳ חיים יוסל, ווי אויך זיין זוהן ר׳ יונה־בער, קיינמאָל נישט אָהן אַ גאַרטעל. אפילו ווען מען געהט צום פּריסטאַוו, לאָזט מען דעם גאַרטעל נישט פון לייב אַראָפּ. וויל ער מיט אַ גאַרטעל —׳מוטב; ובאם לאו — זאָל ער שיקען קיין וואַר־שוי — אַזוי האָבען זיי געזאָגט — און טאַקע אויסגעפיהרט, ווי אַלץ, וואָס מען מיינט ערנסט! הכלל, פאַר׳ן גלגול בלייבט נישט מעהר ווי דאָס מיידעל. האָט אָבער דאָס מיידעל אַ צוואה פון דער מוטער דער צנועה, זי זאָל שטענדיג טראָגען אַ פאַרטוך, און זי האַלט די צוואה און היט דאָס פאַרטוך, ווי אַן אויג אין קאָפּ! און אַ קיימא לן האָבען מיר, אַז וואָס ביי אונז איז אַ גאַרטעל, דאָס איז אַ פאַרטוך ביי אַן אשה...

לויערט ער פונדעסטוועגען אויפ׳ן מיידעל. קלערען קלערט ער אַזוי: וואָס עס קאָן זיך אַלץ מאַכען! ביי לייטען טרעפט זיך, אַז אַ מאַנספּערשוין פאַרלירט דעם גאַרטעל און אַן אשה דאָס פאַר־טוך! נאָר ביי אַ מאַנספּערשוין, וואָס פאַרלירט דעם גאַרטעל בליי־בען נאָך כשר׳ע ציצית, און ביי אַן אשה וואָס? גאָרנישט!

קייקעלט ער זיך אַלץ נאָך דעם מיידעל טריט ביי טריט און זי, נעבעך, הויבט גאָרנישט אָן דערפון צו וויסען.

איינמאָל, אין אַ הייסען תמוז־טאָג, פאַלט איין דעם מיידעל און געהט זיך באָדען. עס פלעגט גאָרנישט איהר טבע צו זיין! נאָר אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק, געהט זי זיך באָדען! און אַזוי ווי זי קומט צום טייך, וויל זיך אויסטון און וואַרפט פון זיך אַראָפּ דאָס פאַרטוך — טראַך! דער דבוק איז אַריין!

און שויז, ער לאָזט זי שוין מעהר קיין פאַרטוך נישט אָנ־

טון !... מיט איהרע אייגענע הענט פּאַטשט ער זי אין די באַקען. אַז מען ו ו י י ז ט איהר נאָר אַ פּאַרטוך!

פונדעסטוועגען האָט מען זי א י י נ מ א ל געראַטעוועט!

ערב־יום־כפור איז עס געווען! ערב־יום־כפור, ווייסט מען, וויל זיך אַ גלגול אויך טובל זיין! האָט מען איהר געהייסען נעמען אַ נייעם ערדערנעם טאָפּ, געהען צום טייך, אָנשעפּען ריין וואַסער, און צוריק קומען, און שטעלען פאַר זיך דעם טאָפּ מיט וואַסער אויפ׳ן קוימען. זי האָט אַזוי געטאָן. אויפ׳ן קוימען האָט דערווייל, ווי אַלע ערב־יום־כפור, אַ פייער געברענט, און ב י י ם קוימען זענען צוויי גבאי׳טעס געשטאַנען גרייט און געוואַרט. אַזוי ווי דאָס מיידעל האָט אנידערגעשטעלט דעם טאָפּ אויפ׳ן קוימען, איז דער דבוק ארויס צו טבילה! באותו הרגע האָט איין גבאי׳טע פאַרדעקט דעם טאָפּ מיט אַן אייזערנעם שטאַרץ און די צווייטע האָט געוואָר־פען איבער׳ן מיידעל אַ פאַרטוך, און געגעבען אַזאַ בינד צו, אַז דאָס מיידעל האָט אַזש אַ געשריי געטאָן, אָנגעכאַפּט האָט עס זי ביים האַרץ!

דער דבוק אין טאָפּ האָט אָבער העכער געשריען! אַ פייער איז געווען אַ גרויס, דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבען קאָכען און ער האָט געמאַכט קולות, עד לב השמים — אין באָד האָט מען געהערט! און ווען עס איז באַשערט, וואָלט עס אַ סוף גענומען! איז אָבער דאָס מיידעל אַ מיידעל מיט רחמנות און דאָס האָט קאַליע גע־מאַכט! אַז דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו זידען, האָט פּלוצים דער דבוק ארויסגעשריען כהאי לישנא: טריינע־דבשה — אַזוי האָט דאָס מיידעל געהייסען — טריינע־דבשה! האָב רחמנות אויף מיר; איך בין דיין עלטער־זיידע!

און אַזוי ווי טריינע־דבשה האָט דערהערט, אַז דער דבוק איז איהר עלטער־זיידע, האָט זי געכאַפּט דעם קאָכענדיגען טאָפּ און ארויסגעשליידערט דורכ׳ן פענסטער!

און דאָס וואַסער האָט זיך אויסגעגאָסען, דער טאָפּ איז צו־בראָכען געוואָרען און אויפ׳ן מיסט אין שאַרבען איז געבליבען ליגען דער גלגול און האָט ווייטער געלויערט! וואָס זאָל ער טון?

און נישט לאַנג האָט ער געוואַרט! עס איז אַ שרפה געוואָרען — ר׳ יוסל חיים׳ל מיט׳ן זוהן, מיט דער טאָכטער זענען קוים ארויס

לעבעדיג אין די העמדער, זיי אַהן די גאַרטלען, פאַר דאָס אָבער אַ י ן ציצית, און זי וואָס? אָהן אַ פאַרטוך מיט'ן זינדיגען לייב! פאַרשטעהט איהר דעם סוף!

אַצינד הייסט דער ביאַליסטאָקער מגיד, זי זאָל חתונה האָבען!

נאָר גאָר אינגאַנצען פאַרנעמען זיך מיט אייגענע געשעפטען לאָזט מיך נישט דאָס הארץ. איך וויל נאָך ענטפערען אויף אַ בריף, וואָס ריהרט אָן אייך אַזוי ווי מיך. ווענען „שטערט און שטערטלער" געהט עס.

און עס איז אַ בריף מיט אַ „ירגזון":

„ס'טייטש — שרייבט זיך אַ בייזער איד פון דער פּראָווינץ— מיט גבירים בעלי־צדקה זיך טשעפּען?

„צי איז שוין צדקה קיין מצוה נישט, קיין מדה טובה נישט?

„צי איז בעסער די גבירים זאָלען ליגען אויף די קאַסטענס, ווי די עכברים אָדער אויסלערנען זיי אויף כל העברות שבתורה?

„און ווער טשעפּעט? טינטלער, פעדער־בייסער, קבצנים" —

און דעם בייזען איד מוז איך ענטפערען!

ערשטענס, מיין ליעבער איד, גיבען די טינטלער מעהר פאַר די גבירים — זיי, די טינטלער, גיבען ג י ד, און אייגענס — זייער אַ י י ג ע נ ס — זייער אייגענע נשמה גיבען זיי! און די גבירים גיבען פון קעשענע, און וועמעס עס איז, ווייסט איין גאָט!

צווייטענס, צדקה איז אַ מצוה, אפשר גאָר אַ גרויסע מצוה, אפשר וועט נאָך אַ לאַנגע צייט איינס פון די דריי פּיס, אויף וועלכע די וועלט שטעהט, זיין צדקה... נאָר ליעב האָבען אַ ווייב איז אויך אַ מצוה, אויף דער מצוה שטעהט אודאי די וועלט, און וועט אייביג שטעהן, און פונדעסטוועגען הייסט עס „דברים־שבצנעה"... אַ מצוה דאַרף זיין אַ צנועה, נישט שרייען אין די גאַסען, נישט אַרומלויפען אין שרייענדיגע טריקאָטען אין די הויפען.

מתן־קערבלער איז נאָך קיין מתן־תורה נישט; קולות וברקים ולפּידים זענען איבעריג...

איהר שרייבט ווייטער, אז דאס טוט אפשר נישט דער גביר אליין, נאר זיינע מענשען? האט מען אודאי געדארפט שרייבען. זאל ער וויסען, ווי ווייט זיינע מ ע נ ש ע ן זענען קיין מ ע נ־ ש ע ן נישט!

20.

1טען אָקטאָבער, 1902

ניִשט געבייזערט זיך, ווארשעווער דאָקטוירים!
כעס — זאָגט דער „תלמוד“ — איז עבודה זרה!
און שמעקט אייך ניִשט דער „תלמוד“, נאָט אייך א לאַטיי־ניִש ווערטעל: יופּיטער, דו ביסט בייז? א סימן — ביסט אומ־גערעכט!
און אפשר האַלט איהר נאָר פון רעצעפּטען־לאַטיין? נאָט אייך א פּראָסט ווערטעל, אפשר א שניידעריש: ווי מען גיט א קלאַפּ אַן טיש, רופט זיך אָן די שער!
טייל זינגען:

עס האָט געהאַט דאָס מיידעלע
א נעזעל ווי א קיגעלע;
האַלט זי שטאַרק פון נעזעלע
און שרייט נאָר אויפ'ן שפּיגעלע!

אמת, א יושר?
צי האָב איך אייך אַלע אין איין זאַק אריינגענומען און אויפ'ן מאַרק אויסגעשיט?
צי האָב איך אויפגעהויבען א האַק אויף אייערע בוימער, צי נאָר א פוס אויף די הונט־שוואָמען, וואָס וואַקסען אין זייער שאָטען?
נאָר וואָס לאָזען די בוימער די צווייגען אראָפּ און ווילען די הונט־שוואָמען פארשטעלען?
„ליכט! לופט! — שרייט איהר ביים קראַנקענס בעט — אַרוים מיט'ן מיסט!“
און אַז עס קומט צו אייך, וואָלט איהר די לאָדענס פאַר א פּרעמד אויג פארמאַכט! אייער מיסט (און ווען איהר שווייגט, וואָלט עס ניִשט אייער געווען) איז הייליג... און ווער

מאכט עס הייליג? די מאראליטעט? דער דאקטארשער מוסר, וואס הייסט פארשווייגן, קוקן דורך די פינגער, וואס א קאלעגע טוט! אחדות, זאגט איהר, מוז זיין!

ווּעה איז דעם מוסר, וואס איז געמאכט געווארען פאר גאנצע טויזענט דאקטוירים געגען הונדערט טויזענט קראנקע! וואלט נישט גלייכער געווען יד אחת פון ניין הונדערט ניין און נייבציג דאקטוירים עהרליכע געגען א טויזענטסטען שווינדלער?

„א יונגער אידישער דאקטאר — שרייבט איהר, דאס רחמנות צו דערוועקען — קאן זיך נישט ארויפארבייטען. קיין שטעלע אלס איך באקומט ער נישט. קורירען האבען זיך אונזערע אידעלעך ליעב ביי נישט־אידען"...

אמת — נאר צו איז נאר אייער לאנגע אזוי שלעכט, אדער איהר ווערט אלעמען ערלויבען, זיי זאלען זיך מיט דער לאנגע פארטיידיגען?

און זאגט נאר, רבותי, אויב כל־ישראל־חברים שמעקט אייך אזוי, — וועד דינט ביי אייך?... וואו קויפען אייערע ווייבער? ווער נעהט, שטיקט און העפט פאר אייך? ווער זענען די שטיוועל אויף אייערע פיס, די צילינדער אויף אייערע קעפ, די רעק אויף אייער לייב? וואס פאר א ביכער ליגען רויט געבונדען אין אייערעווארט־צימער? און איהר אליין וואס לעזט?

און א דאקטאר לויפט ארויס פון א אידישען שוסטער און צעהלט איבער די פאר גראשען, און געפינט א דורכגעשטאכען צעהנערל און שפייט אויס: פאדליעץ!

און א דאקטאר לויפט ארויס פון א יולדת, וואו ער האט, נאך אן „איבערזעהן", אויסגעשטעלט די יד אויף נאך צעהן רובל, אניט „ברמיך חיי!", ער כאפט דעם פאלטא! — — — —

און דיביידע דאקטוירים טרעפען זיך.

— יאק שע מאש, קאלעגא!

— יאק שע מאש, קאלעגא!

און קלאגען זיך אויף אידישער פראקטיק.
יד אחת — — אחרות — — — —

ווי א פודעל פון קאלטען וואסער שפרינג איך ארויס פון דאָק־טעריי און מוסר און טרייסעל מיך אפּ און ווארף מיך אויף שטעדט־און־שטעדטלעכ׳דיגען זאמד!

פון מוסר ווי אויך פון רעצעפּטען וועט שוין נישט זיין א ווארט, דערפאר וועט נאך אמאל זיין: אחדות! און ווייסט איהר צווישען וועמען אחדות? צווישען קהלות! נאטירליך נישט צווי־שען אלע; דערווייל צווישען צוויי! — —

פארצייטען, אז עס זענען קיין באהנען נישט געווען, שאסייען וועניג, און אויף די טראקטען איז מען נישט זיכער געווען מיט׳ן לעבען, פלעגט טיילמאל שלום און מלחמה צווישען שטעדט אפּ־הענגען פון אן אתרוג. נאהנטע קהלות האבען געהאלטען בשותפות אתרוגים, און אז עקסטרא ערל, וואס פלעגט רייטענדיג איבער־פיהרען איין אתרוג פון קהלה צו קהלה... מעשה שהי׳ און דער ערל האט אפּגעביסען דעם פּטום אין זאמושץ, האט שעברשין איהר העלפט אתרוג נישט געוואלט באצאהלען און יאהרען לאנג האט זיך געצויגען א פראצעס צווישעןביידע קהלות... אדער שלום און מלחמה צווישען שטעדטלעך האט זיך געווענדט אין רב: ווארים פאר־צייטען, ווען תורה איז געווען פול אין אלע ווינקלעך, פלעגען צוויי אפילו דריי קהלות האבען איינגנאצען איין רב, וואס פלעגט זיצען דא א חודש, דארט א חודש, פיהרען ביידע ישיבות, פסק׳נען אין ביידע דין־תורה׳ס, קוקען אויף אידישקייט און אין אייגוועגס אויף ארעמע לייט, מען זאל נישט מאכען קיין „קנוניא" און „מיקר זיין דעם שער" פון „צרכי אוכל נפש" — בפרט מעהל אויף פסח, פיש אויף שבתים וימים טובים זאלען נית זיין טייער וכו׳....

היינט האלט שוין בעונותינו הרבים די תורה אין איין צוריק־פליהען אין הימעל אריין; דין תורה׳ס האלט מען נישט, עס קאסט טייערער און עס דויערט לענגער, ווי אין געריכט — ווענען יקרות בפרט און ווענען ארעמע לייט בכלל קלערט מען שוין לאנג נישט

— און יעדעס שטעדטעל האט זיינע דריי־פיער רבנים און שרעקט זיך, עס זאָל נישט קומען קיין פינפטער און קיין זעקסטער !...

וואס דען האלט צוזאמען, ווי מען שרייבט, רעזינא, א קהלה אין בעסאראביען, וואס לעבט פון טאבאק און וויינטרויבען, און ריבניצא — א פוילישע קהלה, וואס מען שרייבט נישט, פון וואנען זי לעבט ?

וואס קאן זיין אזוינס, וואס באהעפט די צוויי שטעדט, וואס דער בייזער טייך דניעסטער צושיידט מיט זיינע וואסערען ?

א מקוה איז עס !

אין רעזינא איז אפגעברענט געווארען די מקוה, אין ריבניצא נאך נישט !

פאהרען זיך רעזינער ווייבער כשר'ען קיין ריבניצא און דאס ריבניצער באד שיקט נאך זיי ארויס שיפלעך איבער'ן דניעסטער קיין רעזינא —

— אחדות !

און פאר די שיפלעך צאהלט מען נישט — מיט'ן באד־געלט איז מען יוצא — — —

און ווען מען הייצט אין ריבניצא דאס באד, שיקט ארויס די רעזינער רבי'צין א חברה ווייבער אין די רעזינער גאסען, און זיי קלאפען שטילערהייט פארטאג אן אין די לאַדען — און יעדער קלאפ איז א בשורה טובה, א נחמה :

די שיפלעך קומען, די שיפלעך קומען !

נישט לאנג אבער — זאגט מען — וועט צוו־שען א פוילישער שטאדט מיט א בעסאראבישער זיין אחדות !

אין רעזינא, זאגט מען, איז פאראן א זעיר אנפין פון באראן הירש, א גביר א חשוך־בנים — אויף איהם האפט מען, ער וועט צוריק אויפשטעלען דאס באד ! כאטש די וויטע קרובים להכעים !

זעהט, דאקטוירים, דערהאלט איהם ביים לעבען, כאטש ביז דער צואה !

21.

8טען אָקטאָבער, 1902

און אז עס וועלען קומען די ימים־נוראים, עס וועלען זיך עפע־נען די טויערען פון הימעל, — די שערי־רחמים וועלען זיך עפענען ברייט, — וואָס, מיינט איהר, וועל איך בעטען ביי זיין ליעבען נאָמען?

נישט קיין חכמה, ווי שלמה המלך; נישט קיין נצחון איבער שונאים, ווי דוד המלך זיין פאָטער; אפילו נישט קיין בולקע מיט פרישער פוטער, ווי, להבדיל, באָנטשע שוויינ.

ע ש י ר ו ת וועל איך בעטען.

איך וועל מיך איבערדעקען מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ און בע־טען רחמים: געלט! געלט, רבונו של עולם! געלט!

מען האָט היינט קיין אנדער ברירה נישט!

עשירות גיט ממשלה, לכל־הפחות איבער קהל; כבוד, לכל־הפחות אין בתי כנסיות ובתי מדרשים; פון אַזוי עולם־הזה איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדען! און וויל מען, אויפ'ן הונדערטסטען פאַל, א שטיקעל עולם־הבאָ אויך — ווערט מען אַ מתעסק בצרכי צבור, גיט מען צדקה...

א דאגה מיט וואָס גאָט און לייט צו קויפען!

מען טיילט אפילו עולם־הבאָ!

וויל איך, בין איך אליין אַ רעדעל־פיהרער; איך הייס מיך מאַכען פאַר ראש־הקהל, גבאי, צי פאַר וואָס עס איז. בין איך! פיהר איך א י י נ ע נ ה ע נ ד י ג קהל ביי דער נאָז, נעם איך איין דאָס גאַנצע עולם הבאָ. וויל איך, היים איך קלייבען וועמען מיר געפעלט; פיהר איך יענעם ביי דער נאָז, יענער די שטאָדט ביי דער נאָז און מיט'ן עולם־הבאָ טיילט מען זיך; עס וועט גענוג זיין פאַר ביידע!

איך האָב געלט. וויל איך „הוצאות והכנסות", „אתה הראית". „חתן תורה", „חתן בראשית" און אלץ, וואָס א מקום קדוש האָט צו פארקויפען. וויל איך, נעם איך אליין און שלינג שטיקער עולם־

הבא; ווייל איך, בין איך אנדערע מכבד מיט עולם הבא, ווי מיט א גוטער ציגאר!

אז הונדערט ארעמע לייט — אדעסער בני־ציון ווילען פאר־שריבען ווערען אין גאלדענעם בוך פון אידישען נאציאנאל־פאנד, האבען זיי קיין געלט נישט! מען בענקט, מען לעכצט צום גאלדע־נעם בוך, נאר — ווי אין דעם „אף־ברי"־ליעדעל זינגט זיך: און קיין געלט איז נישטא! הונדערט רובעל זעהט אז אדעסער בן־ציון אפילו אין חלום נישט!

וואס מוזען זיי, נעבעך, טון, די ארעמע לייט? הערען זיי דעם לידער רב'ס עצה, מאכען יעדען פיערמען שבת פאר א וואכענ־טאג, שטעלען קיין טשאלענט נישט, זאגען זיך אפ פון קאשע, קר־געל, פלייש — און עסען „שאר ירקות", און לויט מען שרייבט, האט א שבת פרשת עקב איינגעבראכט א פארצייכעניש אין גאלדענעם בוך!

און — וועה צום קבצנ'ישען נחת! פארשריבען איז געווארען — נישט בערעל טרעגער, נישט יונה וואסער־טרעגער, נישט שמואל שוסטער, יוסל שניידער וכדומה, נאר בתכלית הקצור: אדעסער „בני ציון"! אלע אונטער איין פארצייכעניש, ווי ארעמע אינגלעך האבען שמחת־תורה א י י ן עליה, אונטער איין טלית...

אבער, אז איך וועל, אם ירצה השם, זיין אן עושר, כאפ איך ארויס א הונדערטער — עס איז דאך נישט ערגער ווי אן עברה'לע! — און שיק! און פארשרייבען וועט מען: הלא הוא הגביר המפורסם, מיט נאמען, ביינאמען, צונאמען, פאטער־נאמען, פאמיליען־נאמען, אפילו מיט דער גילדיע, וואס איך וועל צאהלען...

וועל איך דאמאלט אויך לעבען בשלום מיט'ן ווייב, איז נאך א הונדערטער, פארשרייבט מען זי אויך! קינדער אין דער וויג קאן איך פארשרייבען! נפל'עך!

און ממילא וועט עס מיך נישט קאסטען אויך! ווארים, אז מען קאן, ווען מען וויל — הויבט זיך גארנישט אן צו ווילען! איז גאר די תאוה נישט אזוי גרויס! זאלען די ק ב צ נ י ם אפקויפען ארץ־ישראל, א ו י ס ב ו י ע ן דעם בית־המקדש און מיר וועלען דערנאך גבען זילבערנע לעפעל!

און אז איך בין אַ עושר און וואוין, למשל, אין אַ גרויסער שטאָדט, וואו אַלץ איז טייער, און עולם־הבא און כבוד אויך; וואו, אז עס קומט צו עפּעס, רעדט מען פון טויזענטער, אַניט, וויל אפילו אַ „קוריער פאַראַנני" נישט דערמאָנען! און איך בין, לא עליכם, קאַרג, האָב אויף אַזויפיעל קיין ממשלה נישט, טויזענטער לאָזט דאָס האַרץ נישט: טו איך מיר, מיינט איהר, קיין עצה נישט? אודאי! נעם איך און פאָהר מיר אַרוים אויף דער וועלט — געשעפטען צום פאָהרען פעהלען נישט! — כאַפּ איך מיך אַראָפּ כלאחר־יד ערגעץ אין אַ קליין שטעדטעלע, וואו אַ מאה איז אַ שטאַרקע מטבע! למשל, אין מאָהליווער גובערניע אין אַ קאַפּוסט, און אז איך וויל, גיב איך אַ וואָרף אין דעם מויזען־לאָך אַריין אַ דריי הונדערטער... ווי מיינט איהר, וועט נישט רוישען די וועלט? אַ דריי הונדערטער קרן־קימת־געלט אויף תלמוד־תורה, און מן־הסתם אויף כשר'ע! און איין אונטער־ צי אויבער־סעקרעטער, אַ משה דוד דראַבקין וכדומה, וועט באַלד לויפען מיט די לאַנגע הענט און אַנציהען די גרויסע גלאָק אין „הצפירה", צי אין „המליץ", צי איןביידע צוזאַמען און מיין נאָמען וועט קלינגען, קלינגען און ווייטער קלינגען, אז מען וועט הערען אין אַלע זיבען הימלען, ווי אין גאַנץ תפוצות ישראל!

ווער שמועסט, אז איך וועל נאָך אָוועקלעגען די האַנט פון האַרץ און פאַרשרייבען זיך נאָך אויף עטליכע רובל יאָהר־געלט— האַ—האַ!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען איך וואוין, למשל, אין פּאָלטאַווע, בין איך איינער פון די גרויסע רעדעל־פיהרער, ע פּ ע ן איך גאָר אַ תלמוד־תורה! אז איך וויל, עפען איך!

און איך שטעל מיר פאָר, אז עס קומען אַריין צו מיר י ע נ ע לייט, יונגע משכילים'לעך, וואָס מיינען, אז זיי האָבען אַ מאָנאָפּאָל אויף פּעדאַגאָגיע, אויף תלמוד־תורה, און פרעגען, אפילו בעניוות:

— גביר־לעב, מיר האָבען געהערט, דו ווילסט עפענען אַ תלמוד־תורה, מיר האָבען שוין אַנגעגרייט פאַר דיר אַ דרייפאַכיגען „יישר כח": אַ געזאָגטען, אַ געשריבענעם און אַ געדרוקטען! מיר וועלען עס מיט'ן גאַנצען האַרץ פאַרזאָרגען... נאָר זאָג

אונז, גביר־לעב, — רעכט תלמוד־תורה. נאר ו ו ע ר וועט לער־נען און ו ו א ס וועט מען לערנען אין תלמוד־תורה?

און איך בעט זיי אפילו נישט זיצען, און שטעל מיך אפילו צו זיי נישט אויף, און ענטפער אויפ'ן גביר'ישען שטייגער:

— פון ווען אן ווילען עס קבצנים זאגען דעות?

און זיי ווילען אראפבויגען די קעפ און פרואווען זיך נאך מיט א ציטעריגען קול:

— ס'טייטש, עס געהט דאך נישט וועגען מסחר, וועגען באנק־נאטען צי וועגען פאדריאדען, אויף וואס נישט מ י ר זענען די מבינים... עס געהט דאך וועגען תורה, וועגען לערנען, און מיר זע־נען דאך די מורשים!...

דאס אבער ארט מיך שוין! איך לעג מיין פינגער (מיט די פיער בריליאנטענע רינגען) אויפ'ן עלפענביינערנעם קנעפעל פון עלעק־טרישען גלעקעל אויפ'ן טיש. די שוטים ווייסען אפילו נישט, וואס דאס ריהרען באטייט און זאגען ווייטער, אביסעל פעסטער ביי דער דעה:

— און עס איז דאך נישט — זאגען זיי — אייער געלט! עס איז דאך קאראבקע־געלט, קעסטעל־געלט! ארעם געלט איז עס דאך! א ו נ ז ע ר געלט! איהר מיט אייער איידעלען געזונט און נאך איידעלערען געזינטעל עסט דאך נאר הינער־פלייש, אלערליי וואס־פלייש...

נאר דאס גלעקעל האט זיינס געטאן; פאר מיר ענטפערט שוין דער לאקיי! — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען איך וואויז, למשל, אין א שטעדטעל אין גראדנער גו־בערניע, בין א גרויסער עושר און עס פאלט מיר איין צו פאהרען אלס דעלעגאט פון בני־ציון קיין מינסק, וואלט איך, מיינט איהר, נישט געפאהרען?

איך וואלט גאר קיין ציוניסט נישט געווען, — ביי גרויסע גע־שעפטען, ווער האט צייט דערצו? — איך וואלט אפילו קיין שקל נישט געצאהלט — גלייכער אן ארעמען קרוב! — און געפאהרען וואלט איך!

מען וואלט מיך אפילו נישט אויסגעקליבען! ווער דארף עס?

ביי דער קלפי וואלט געווען א מלחמה צווישען א „מזרחי“ מיט א „פראקציאניסט“; איינער וואלט גובר געווען; מיין דאגה

ווער... און צומארגענס וואלט איך געשיקט אנזאגען דעם סעקרע־טער, אז איך וויל, דאס הייסט: אז ווען מען בעט מיך, וואלט איך אפשר נישט אפגעזאגט... און — ווער קלפי, ווען קלפי? ער וואלט שוין געשריבען און גע'חתמ'עט אויף מיר! — — — — — — — — —

איהר שפילט אייך מיט עשירות? ?

הונדערטער בלעכער פאלען פון די דעכער; אין פאבריקען ווערען מענשען צוזעגט און צושניטען; ביי פענסטער־וואשען פא־לען אראפ ארעמע מיידלעך פון דריטען און פון פיערטען שטאק... און אזוי — וויפיעל ווערען נעלם?...

נאר ווייסט עמיץ דערפון?

אבער, איך רעד שוין נישט פון אמעריקאנישען „מאטטייעה" און זיין אויטאמאביל, פון וועלכען ער איז אראפגעפאלען, נאר גלאט — ווען איך, למשל, בין אן עושר, אדער ווען איהר צ. ב. ש. זייט אן עושר און איינער פון אונז פאלט אראפ גאר פון א פשוט'ען וואַ־גען, ווער שמועסט — פון ביציקעל, נו, וואלט נישט געקלונגען אין אלע „שמאטעס"?

אויב איהר גלויבט נישט, פרואווט!

קלוגע פעלקער לעגען זייערע חכמות אין גלייך־ווערטלעך אריין, און נישט אומזיסט זאגט דער עולם: באדיי א משכון צו פארזעצען, אבי אן עושר צו זיין!

מען האט היינט קיין אנדער ברירה נישט!

22.

15טען אקטאבער, 1902

נישט א י ד אליין בין פרום און דאווען, נאר אפילו מעשה־ידי — מיין „שטעדט־און־שטעדטלעך"־פעליעטאן!

עס איז אפילו א א י ד י ש קינד, א ג ל ו ת קינד... אזוינס, אז עס געבירט א בייזע לשון־קודש קאץ, בייסט זי איהם באלד דאס ווייכע קעפעל אפ און עס דערלעבט נישט צו זעהן די ליכטיגע שיין! און דאך, קוים שפרינגט עס מיר פון הארץ ארויס, נאך דער נאפעל נישט אפגעשניטען, פארלעגט עס שוין די פרומע הענטלעך און עפענט דאס קליינע מיילעכעל און זאגט אויף לשון־קודש:

— „אלהי,
„עד שלא נוצרתי אינני כדאי!
„ועכשיו, שנוצרתי —
„כאלו לא נוצרתי?"

עס האט אביסעל „גראם" איז זיך, נאר אסך אמת!

אויף וועמען ווירקט מען? ווער הערט און פארבעסערט זיך?

דער ג ע ט ר א פ ע נ ע ר זאגט: א בלבול; דער נישט־געמיינטער — א, א גלייך־ווערטעל!

א פיין־געבילדעטער, פיין־דערצויגענער ציהט צוזאמען די פוי־לע ליפען: פוי!

א פיין־געבילדעטער, פיין־דערצויגענער מענש דארף קיין מגיד נישט! ער האט זיין אייגען ג ע ו ו י ס ע ן, א פיין, ווייס דער־צויגען שוים־קעצעל מיט שטענדיג אפגעשניטענע נעגעלעך, וואס בייסט נישט, קראצט נישט, נאר גלעט איבער דער נשמה!

א מענש באשטעהט פון א גוף מיט א נשמה. דאכט זיך, אז די נשמה איז דער עיקר, דאך קומט ארויס פארקערט. אז דעם גוף איז עפעס, דערפיהלט באלד די נשמה און מען לויפט צו וועמען מען דארף, א צאן ארויסרייסען, אפשניידען אן איבערוואוקס, אויס־

ברענען א ווילד־פלייש, א פאליפ... פרעגען, אין וועלכען באד אריין מען דארף פאהרען און אין גאס ווען איהר קיינמאל נישט זעהן, וועניגסטענס זעהר זעלטען. עס זאל ארומגעהן א מענש מיט א פוילען גוף!

אבער פארפוילטע, איבערגעוואקסענע נשמות? אויף יעדען שריט און טריט. נאר אז די נשמה ווערט קראנק, האט נישט ווער צו פיהלען.

אז דו זאגסט עמיצען אין גאס: וואס זעהסט דו עס אזוי שלעכט אויס? נעמט ער עס אן פאר א גוטע מטבע, א קאמפלימענט פאר חבר'קייט! פרואוו אבער און זאג עמיצען: „וואס איז דיין נשמה אזוי בלאס, אזוי אש־גרוי אדער פויל־גרין, ווי א סוף־זומער־בלאט?“ שילט ער דיך אין טאטענס טאטען אריין!

— —

און מיט אן אנגעשוואלענעם קול פון רחמנות זאג איך א פיין־געבילדעטען מענש: „הער, דו ביסט א צייט געשלאפען... מיט א פרעמדען ליעדעל האט מען דיך איינגעשלעפערט, און דו האסט עס אין שלאף ווייטער געזונגען, דאס נארישע פרעמדע ליעדעל... און בשעת דו ביסט געשלאפען און דאס נארישע פרעמדע ליעדעל געזונגען, איז דיר א היישרעק מיט א קופערען פיסקעל אין דער נאז אריין, פון דער נאז אין קאפ אריין, און האט דיר פון מח א שטיק געהירען אויפגעגעסען און דו ביסט ווייטער געשלאפען און דאס נארישע פרעמדע ליעדעל געזונגען, ביז עס האט דיך אויפגעוועקט א געשריי, א ליארם: דיין הויז ברענט! און דו האסט זיך אויפגע־כאפט ה א ל ב מענש, מיט האלב געהירן, געעפענט א פאר נארישע אויגען, אן אויסגעפוילט מויל (אין שלאף האסט דו די צייי־נער פארלוירען) און זינגסט ווייטער דיין שלאף־ליעדעל, און צי־טערסט פאר שרעק אין דרעהסט דיך ארום, ווי א פארלוירענע שאף אויפ'ן ארט, ארום און ארום, ארום און ארום — —“

און מיט א קול, אנגעשוואלען פון רחמנות, זאג איך ווייטער דעם געבילדעטען מענש מיט דעם האלב אויסגעגעסענעם געהירן: „הער אויף צו זינגען, די זינג־צייט איז שוין לאנג פאריבער... נא! נעם א שמעק־טאביק, נים אפ, נים אפ שטארק, וועט דיר דער היישערעק, וואס עסט דיר אויף די געהירן פון קאפ, פון נאז ארויס, און ווער גענעזען!“

בייזערט ער זיך!

א נאגעל, אז ער פאררייסט זיך, לאזט ער זיך אפערירען, און אז מען עסט איהם דעם מח, די נשמה אויס, פיהלט ער נישט און זינגט, און בייזערט זיך!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און טרעף איך א פראסטען גלות־איד, און געה צו און זאג איהם: ארויס פון בודע! עפענט ער אויף מיר א פאר אויגען!

זאג איך איהם: הער, דו האסט געשלאפען... דו האסט אזוי־לאנג געליטען, ביז דו האסט איינגעשלאפען... און אין שלאף האסט דו געקרעכצט, נישט געזונגען... אייגענע ליעדער האסט דו לאנג אין צרות פארגעסען און פרעמדע נישט אויסגעלערנט... נאר בשעת דו האסט געשלאפען, איז די שעהנע נאר שרעקליכע לילית געקומען און האט אויף דיר א כשוף געווארפען. זי האט דיר אן אייזערנע קייט אויפ׳ן האלז געלעגט און שלאפענדיגערהייט צו א פינסטערער בודע געשלעפט און געזאגט: זיי א הונט! און פאר׳כשופ׳ט, האסט דו געענטפערט: איך בין א הונט! און די צונג ארויסגעשטעלט און פליגען געכאפט אדער אין קלארע נעכט קעגען דער לבנה געבילט...

נאר ווייל דו האסט קיין פרעמדע ליעדער נישט געזונגען, האט אויף דיין נשמה דער כשוף קיין שליטה נישט געהאט. זי האט זיך נאר איינגעקנוילט. איינגעשרומפען און ערגעץ טיף, טיף אין מח צי אין הארץ באהאלטען, זי זאל זיך מיט די הינטישע געדאנקען נישט טרעפען, קיין פליגען נישט כאפען!

ער עפענט נאך גרעסערע אויגען און איך זאג ווייטער:

הער, פון פליגען־כאפען לעבט מען נישט —

פרעמדע טעלער לעקען איז קיין כבוד נישט — —

א פינסטערע בודע איז קיין הויז נישט — און דו ביסט קיין הונט נישט! וועק דיך נאר אויף, וועט זיך אויפוועקען דיין נשמה, זי וועט זיך פארשפרייטען אין דיין גאנצען גוף, און וועט פאר־טרייבען די הינטישע געדאנקען — און א מענש וועסט דו ווערען.

ענטפערט ער מיר:

— דו וועסט מיך אפטריניג נישט מאכען, איך בין א הונט און בלייב געטריי!

און ער ווייזט מיר — די ציינער!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

בארג אראפּ צו זיין אָרעמען ברודער אין טאָל לויפט גוטמאַן, איך האָב איהם קוים אין נאַכט־שאָטען דערקענט; בייטאָג האָט ער מורא פאַר'ן ווייב. די ארורה איז אַ מיוחסת, איהם ליידט זי קוים, קוים; זיינע אָרעמע קרובים לאָזט זי אפילו נישט דער־מאָנען. און אָנגעלאָדען איז ער, גוטמאַן, מיט פּעקלעך און שקאָר־מוצען. אַ פּעקעלע צוקער, אַביסעלע קאַווע, אַן אַלטע פּאָר פּלודערען, אַן אויסגעבויגענער צילינדער — פון די קעשענעס שטאַרען נאָך ארוים פלעשלעך — אַביסעל מעדיצין, עס קאָן צונויץ קומען, אַבי־סעל איינגעמאַכטס. עקסטרא פאַר די קינדער — אַביסעל קאַנ־דעל־צוקער...

אין דער בוזעם־קעשענע, בין איך זיכער, טראָגט ער נאָך עט־ליכע בילעטען אויף קוילען, עס געהט צו ווינטער. אַ האַלב טוץ בילעטען אויף מיטאָגען און ברויט אין דער ביליגער קיך... אַ גאַנץ טוץ בילעטען פאַר דער גאַנצער משפחה אין בעדעל אריין! — נע־בעך — פאַרוואַרלעסיגט געוואָרען...

און אַ זיסער רחמנות־שמייכעל בלאַנדזשעט איהם ארום די וואָנסען; ער וואַרפט אַלע מאָל אַ בליק אין הימעל אריין, גלייך ער נעמט די שטערען פאַר עדות, אַז ער טוט, וואָס ער קאָן — — — —

— גוטמאַן, — כאַפּ איך איהם אָן ביי דער האַנט — פאַר־וואָס קאָן דיין ברודער זיך אַליין נישט פאַרזאָרגען?

— מיין ברודער? פאַרוואָס? — שטאַמעלט ער — פאַרוואָס?

— יאָ, פאַרוואָס?

— ווייל ער האָט שוין יאָהרענלאַנג — ענטפערט גוטמאַן — קיין פענסטער נישט געעפענט און קיין פרישע לופט נישט איינגע־אָטעמט... און ער וואוינט אין טאָל, אין נאַסען פייכטען טאָל... אויפ'ן בארג ארויף האָט ער מורא, דער קאָפּ דרעהט זיך איהם, זאָגט ער... און אין שטוב איז פול שפּינוועבס — און עס פליהען ארום פלעדערמייז, וואָס רייסען זיך אין די האָר...

— כ'וויס, — ענטפער איך איהם — דיין אָרעמער ברודער איז קראַנק אויף דער נשמה. אויפ'ן בארג ארויף וויל ער נישט, צו פרישער לופט בענקט ער נישט... דאָס שפּינוועבס, מיינט ער, איז פון דיקע שטריק און ער מיט זיינע שוואַכע הענט וועט זיי נישט איבעררייסען... די פלעדער־מייז, מיינט ער, זענען אָדלער, און ער

ציטערט, זיי זאָלען איהם נישט דעם מח שפּאַלטען און די געהירן פּרעסען...

— כ'וויים, — זאָג איך ווייטער, — נאָר דו ביסט דאָך אויך אין שפּינוועבס געבוירען, צווישען פלעדער־מייז געוואַקסען — ווער האָט ד י ך פריי געמאַכט?

— ווער? איך האָב אביסעל שכל געהאַט...

— הער, גוטמאַן, אפשר וועסט דו געבען דיין ברודער נישט קיין צדקה, נאָר שכל?

עס וועט דיר ג ע ז י נ ט ע ר זיין! צדקה — איז אָנ־שיטען א געלעכערטען זאַק... שכל געבען, דעם אמת אויסזאָגען, לערנען — איז אלישע'ס קריגעלע בוימאויל, מען גיסט און מען גיסט, און דאָס קריגעל בוימאויל בלייבט קריגעלע בוימאויל!... זאָג איהם, ווי אַזוי ד ו ביסט ארויס און פ ר י י געוואָרען...

— ער וויל מיך נישט הערען... ער איז מיר, זאָגט ער, מיט מיין ארורה נישט מקנא...

— און שוועבעלער — פרעג איך — האָסט דו?

— נאָך וואָס?

— נעם, — זאָג איך, — צינד אונטער די בודע... פאַרברען דיין אָרעמען ברודערס קרענק...

— פוי! אונטערצינדערס! — בייזערט זיך גוטמאַן און לויפט אוועק.

זיין גוט הארץ ד אַ ר ף צדקה געבען, ער מ ו ז האָבען אַן אָרעמען ברודער! אַניט, וואו וועט ער נעמען ע ו ל ם ־ ה ב א?

און דער אָרעמער ברודער ווייסט נישט, אַז זיין נשמה איז קראַנק!

„א י י ן שבת אידען זאָלען האַלטען, וואָלט משיח געקומען!“ ווייטער אַ גמרא און ווייטער אַן אמת!

א י י ן שבת, ווי עס דאַרף צו זיין, א י י ן אמת'ע נשמה יתרה!

א נשמה יתרה, וואָס זאָל פיהלען, וואָס זאָל וויסען, ווי יענע די טאָגטעגליכע, די וואָכעדיגע איז קראַנק!

וואו נעמט מען זי?

23.

29טען אָקטאָבער, 1902

איהר געדענקט דאָס אלטע משכילים־ליעד? עס פארשווינד׳ען די וואָלקען, די נאַכט מיט איהר פינסטערען שלייער ווערט צו־ רונען — די ווילדע חיות־רעות אין וואַלד לויפען זיך באהאַלטען אין לעכער און אין היילען, — עס רויטעלט זיך די זוים פון הימעל אין מזרח, א לייכט פרעהליך געראויש געהט דורך די לופטען — — הערט א בשורה־טובה: א נייע זון ווערט געבוירען, א נייער טאָג!

דאָס האָט געהערט דער „תעודה מיט׳ן האמער און ער קלאַפּט אין דער קאַמער": ארויס פון די בעטען! ארויס פון די פינסטערע שטיבער אין גאָטס וועלט אריין!

עס איז געווען א ליעד פון נצחון, — פארוואָס האָט עס אזא הארץ־טרויעריגע מעלאָדיע געהאַט?

ווייל מען האָט געפיהלט, אז דאָס ליעד איז פאלש! מען האָט דעם „אבערגלויבען" באַגראָבען און אויף זיין קבר געטאַנצט, און דעם אלטען משכיל׳ס הארץ האָט זיך דאָך געקוועלט: ווער ווייסט צי דער „אבערגלויבען" איז נישט אפיר פון אונטער דער האַנט און דער קבר איז לער, אָדער גאָט ווייסט וועמען מיר האָבען באַ־ גראָבען?

די זעלבע שאָטען ליגען אין אָרעמען פאָלקס־אויגען, די זעלבע רוחות־רעות נאָגען איהם אויס די נשמה, די זעלבע פּיפּערנאָטער־ וואַמפּירען טרינקען איהם אויס דאָס בלוט פון די אָדערען, דעם מאַרך פון דיביינער...

עס איז קיין מזרח און קיין מאָרגענרויט נישט געווען, געשווינ־ דער האָט ערגעץ ווייט אן אויטאָדאַפע געפלאַקערט, א מזבח מיט מענשען־קרבנות פאַר׳ן בל, בעל צי בעל־זבוב — — און אפשר איז דער טאָג געווען נאָר א „קורצער פרייטאָג", א „טל־ומטר"־טאָג אין די לאַנגע שווערע נאַכט איז צוריק געקומען מיט איהר שווערען אָטעם, דריקענדיגע חלומות און מערדערייען אין די גאַסען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף אונזער פוילען, שטילען (טייך) שלות, וואס ריהרט זיך קוים, קוים, האט פלוצים א וואל געשלאגען!

עס שלאגט מיט קראפט, פון וועלכער דער שלות האט זיך שוין לאנג נישט גע׳חלומ׳ט, און רייסט זיך מיט א בייזער גע־וואלט אלץ ווייטער און ווייטער!

וואוהין? אפשר צום גן־עדן־התחתון — ער האט געהערט דרש׳נען פון לעבען, פון קראפט, פון שעהנקייט! און אפשר צו רבה־בר־בר־חנא׳ס ארט, וואו הימעל און ערד קושען זיך, און א זיס־ציטערניש נעמט דורך די ערד און פלאם־פייער ווערט דער הי־מעל! און אפשר גלאט אזוי, אין דער וועלט אריין, גאט און לייט להכעים איבער׳ן זאמד אריבער, נאך וואס גרעניצען? רחבות וויל ער, צום אין־סוף בענקט ער!

זינגט, משכילים! פרעהט אייך און זינגט, פון אונזער שלות וועט א ים ווערען!

זינגט נישט, משכילים! און ווילט איהר אייך נארען, זינגט אייער נצחון נאר מיט א הארץ־טרויעריגער מעלאדיע, עהנליך צו א קלאג־ליעד, צו א שטילען הספד!

דער וואל איז נישט שולדיג, וואס ער הויבט זיך און שלאגט, נאר דער רוח — א דבוק איז אין וואל אריין. אפשר א נשמה־יתרה. און דאס יאגט און טרייבט, און שטיפט און ווארפט!

דער וואל אליין איז וואסער, די זילבערנע שוים אויף זיין רוקען איז אויך נאר וואסער; וואסער מיט דער אייביגער טבע צו פליסען, וואו עס לאזט זיך. וואו א שפאלט, וואס נידעריגער, וואס טיפער, וואס באהאלטענער!

זעהט — דער דבוק האט זיך באפרייט, דער רוח איז אין זיין רוה פריינגעגאנגען, אוים נשמה־יתרה, און דער גרויסער גולם — דער וואל בלייבט פאר זיך אליין דערשראקען, דערשראקען פאר זיין אייגענער העזה — נאר פארציטערט, הויבט זיך אן אפצורוקען, צוריק, צוריק אין דער מאמעס שוים אריין, צופליסען זיך, צורינען, און פארגעסען ווערען אין דער פוילער שטילקייט פון אלטען פויל־שוואכען שלות...

מיר שווימען צוריק! און נאך ווי!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שעפט נחת פון שטעדט און שטעדטלעך!

אין לוהין — וואהלינער גובערניע — האבען יונגעלייט גע־וואלט עפענען א לעזע־ביבליאטעק מיט ביכער און צייטונגען, איז מען דערפון געוואר געווארען און דער רב, בעצה־אחת מיט שהנע בעלי־בתים, האט אויסגערופען אז איסור, מען זאל אויף דער ביב־ליאטעק קיין דירה נישט פארדינגען און פון ביבליאטעק־פלאן איז געווארען גארנישט!

אין וואלבראם (קעלצער גוב.) איז געווען אן אסיפה אין גע־רער שטיבעל. מען האט געטרונקען אביסעל משקה און צוויי וויכ־טיגע זאכען פאררירכט. ערשטענס, האט מען געלעגט אין חרם אריין די מענער, וואס לאזען זייערע ווייבער זאלען טראגען האר־שייטלען אויף'ן ארט פון „גזרה־קופקעס"; די ווייבער אליין זאל מען ארויסטרייבען פון שול! צווייטענס, האט זיך געפונען א יונ־גערמאן, וואס האט בשתיקה געלעזען אידישע צייטונגען, האט מען ביי איהם גענומען א שבועה דאורייתא, אז מהיום־והלאה וועט ער די עולה נישט טון; אויב ער וויל וויסען נייעס, וואס נוצט איהם צום מסחר, זאל ער לעזען דעם „קוריער וואר־שאווסקי" אדער „פאראנני"...

אין בענדין זענען זיך צוזאמען געקומען פיער צדיקים מיט אמאל שערען די שאף, עס איז געווארען א גרויסע קאנקורענץ, און ר' אלטערל — איינער פון די פיער — האט געמוזט אראפלאזען פון מקח פאר רפואות, פאר בנים־זכרים, ווי אויך פאר הצלחה אין לאטעריע...

פיער צדיקים כנגד ארבע כנפות זענען אויך באפאלען דאס קבצנ'ישע זוואליז... דער פארקאן פון בית הקברות איז צולעגט, די שול איז א חורבה, דאס בית־המדרש־דאך איז ווי א זיפ: עס רעגענט אריין און די ספרים פוילען, בעלי־מלאכות געהען ארום אהן ברויט — און די פיער צדיקים האבען דאך ארויסגע־שלעפט שהנע עטליכע הונדערט רובל!

פון נאוואגעארגיעווסק איז מען מבטיח, אז די מעשה, וואס מען האט געשריבען פון דארטיגען לעהרער איז אמת.

אין סאקאלי איז פאראן אן אלטע חברה־קדישא מיט אלטע חטאים... ערב ראש חודש שבט — א סעודה־גדולה!... פאר שבט לויפט מען ארום, ווי פאר'סמ'טע מייז: צי איז נישט עמיץ קראנק? צי וועט נישט זיין קיין פעטער בר־מנן? און איז עמיץ קראנק,

לויפט מען צום דאָקטאָר פרעגן, ווי ער האַלט, צי וועט ער דער־גייען ביז ערב ראש חודש שבט? אַז נישט, — פאַרזעצט מען די ספר־תורה!...

און אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ חברה אַ נייע, מיט נייע תקנות, מיט נייע הנהגות, אָהן רציחות, אָהן גזלות, אָהן פרעסען און זויפען — שטעלט זיך די אַלטע, ווי אַ חיה־רעה אויף אַלע פיער און לאָזט נישט.

ש—ץ איז אַ שטעדטעל, וואָס האָט אַ רב פון רב־לאַנד! די סאָקאָלער אַ ל ט ע און נ י י ע חברות זענען צו איהם גע־פאָהרען האַלטען אַ דין־תורה... ביידע צדדים האָבען צוזאַמענגע־קלאַפט הונדערט און נײַנציג רובל פסק־געלט און דער רב האָט צוויי מאָל גע׳פסק׳ט: פריהער, אַז די נייע חברה הייסט נישט קיין הסגת־גבול, ווייל גזל איז אסור מדאוריתא, און די אַלטע חברה, לויט ווי עס האָט זיך אויסגעוויזען, האָט גע׳גזל׳ט אַלמנות מיט יתומים, און דערנאָך, — אַז מען האָט איהם איינגערוימט, אַז אין דער נייער חברה האָבען זיך פאַרשריבען ציוניסטען, האָט ער איבערגע׳פסק׳ט: קבורה־געלט איז קיין גזלה נישט, אַ מנהג ברעכט אַ דין. אַ חברה טאָר מען נישט מבטל זיין... אַלטע צולע־גען און יונגע בויען איז נאָך נישט גלייך! וכדומה...

פויל, נידעריג, פאַלש און יאָמערליך — — —

באַ — טרייסט איהר אייך — די פראָווינץ!

און אין וואַרשוי?

אין וואַרשוי גראַפּיערט דער לאָמער צדיק פון ביאַלע! צוריק צוואַנציג יאָהר(?) — צוועגס פון אויסלאַנד, שטעלט ער זיך אָפּ אין וואַרשוי... ר׳ אַל־טערל אויף דער פראָווינץ האָט געוואָרפען דעם פרייז, דער ביאַלער האָט׳ן געהויבען! ביי אַ אידענע פלעגט ער נעמען אכט, היינט ניין גולדען! אחוץ דעם ווערט גענומען אַ מין סטעמפּעל — צעהן גראַ־שען פון יעדען קוויטעל, פאַר אַ סגולה — אַ רובל.

און ער נעמט, חלילה, נישט זיך! ער לעבט פון „כוללת" — פון יאָהר־געלט, וואָס חסידים און חסידות שטעלען זיך. די נישט באַשטענדיגע הכנסות (אַזוי זאָגט ער) גייען קיין ארץ־ישראל!

און ווער גלויבט איהם? ווער לאָזט זיך גענאַרען? ווער לאָזט זיך שינדען?

נישט קיין גבירים, נישט אפילו קיין בעלי־בתים, נאָר די

ארעמסטע וויבער, וואס מען טרייבט מיט די קיישלעך פון די גאסען; די אומגליקליכסטע בטלנים, וואס טויגען שוין צו גאר־נישט און האבען זיך צו גארנישט צו נעמען; די קראנקסטע, וואס האבען שוין פארלוירען דעם צוטרויען צום רופא, אדער, וואס דער רופא האט שוין אויסגעדריקט ווי א ציטרין און פארטריבען... די, וואס גיבען דעם גראשען מיט'ן לעבען, מיט דער נשמה צוזאמען!

פאלשקייט, שווינדעל, נידעריגקייט, פוילקייט — שמאך און שאנד — — —

— אלטע זאכען, — זאגט איהר, אלטע, טאג־טעגליכע זאכען.

אוי, מענשען, מענשען, הלואי וואלטען זיי נישט אלט, נישט טאג־טעגליך געווען!

זיי זענען אבער אזוי אלט, אז גאנץ אלטע מענשען זענען שוין מיט זיי געבוירען און קאנען זיך אנדערש דאס אידישע לעבען נישט פארשטעלען, און מען ווערט אפהענגיג אדער מען פארמאכט די אויגען און מען זאגט זיך: מיר זעהען נישט, על־כן עקזיסטירט עס נישט! זיי זענען אבער נאך טאג־טעגליכע פאקטען, אומעטום, אי־בעראל, אין גאנץ תפוצות־ישראל, און מען ווערט געוועהנט דערצו ווי צו אן אלטער, פארעלטערטער קרענק; און מען פארלירט אין דער פוילקייט דעם חוש־הריח, ווי דער קראט אונטער דער ערד די אויגען!

און מען לעבט אין דער פאלשקייט, אינ'ם שווינדעל, אין פוילקייט, אין שמאך און שאנד און מען זינגט בדחנ'ישע נצחון־ליעדלעך — נאר די מעלאדיע? אך, די מעלאדיע, זי פעלשט אן אייך, זי באווייזט, אז איהר נארט אייך!

און עס נעהט צו שמחת־תורה!

און דער יאמערליכער, פינסטערער, פוילער, נידעריגער עולם וועט ארויסכאפען דאס תורה'לע פון ארון־קודש און וועט זיך פרע־העו מיט איהר, און וועט זינגען איבער איהר און טאנצען מיט איהר — —

קינדער אויף די בענק וועלען האלטען אלערליי קאלירטע פעה־נער מיט רויטע עפעל און ליכטלעך און הבדלות איבער די עפעל און דער עולם מיט'ן תורה'לע וועט טאנצען און הקפות מאכען, ארום שלחן, ארום הייליגען שלחן...

די הענט וועלען זי האלטען, די ליפּען וועלען קושען, די פיס — אונטערטאנצען, די מיילער — זינגען —

א פריידּ האָבען זיי מיט'ן תורה'לע...

און דאָס תורה'לע מיט זיי?

אז דער עולם וועט אהיים געהן נאָכ'ן זינגען, נאָכ'ן טאַנצען, וועט דאָס תורה'לע בלייבען איינע אליין צוריק אינ'ם אָרון, אין פינסטערען אָרון...

שטיל וועט זיין אין בית־המדרש, אויסגעהן וועלען די ליכט און דאָס תורה'לע וועט, אין דער שטילער פינסטערקייט אין ענגען אָרון פאַרמאַכט, — וויינען!

זי וועט וויינען, ווייל אומריינע הענט האָבען זי געהאלזט, אומריינע ליפּען — געקושט, אומריינע, דורכגעפוילטע מענשען האָבען זיך מיט איהר געפרעהט, מיט איהר געטאַנצט...

24.

6טען נאוועמבער, 1902

היינט בין איך א „בא בטענה".
און א טענה האב איך צו דער באבע יאכנע'ס איניקלער — צו מיינע קארעספאנדענטען פון שטעדט און שטעדטלעך.
וואס זיי מאכען מיך בלינד מיט ט ו נ ק ע ל ע ן פאפיר, העלער טינט, פארצוקטע אותיות און משונה'דיגער ארטאגראפיע. בין איך זיי מוחל! איך בין שוין קיין יונגערמאן נישט און ביז'ן טויט אריין וועלען נאך די אויגען אויסהאלטען; איז נאך א פאר ברילען! פארוואס אבער שרייבען זיי דאס ש י ט ע ר ע און לאזען דאס ג ע ד י כ ט ע ביי זיך?
וואס זיי טויג, דאס פארגעסען זיי נישט. „למען השם מיין בריף אפצודרוקען אהן א שום שנוי, איהר מעגט נאר פארשענערען, פארפוצען; אבער, למען השם, נישט מעהר" — „למען השם מיין נאמען נ י ש ט אפצודרוקען, די פאנאטיקער וועלען מיך עוקר מן השורש זיין, אויפעסען" — דאס געדענקען זיי, אבער דאס רעכטע, דאס וויכטיגע, וואס קאן אנכאפען ביים הארץ, ביי דער נשמה — פארגעסען זיי!
איך קריג א קארעספאנדענציע פון דרויא, ווילנער גוב. גראד א פיין בויגעלע פאפיר, פארשריבען אויף אלע פיער זייטען. א מעשה שהיה מיט א „מטיף־לציון" און א „בעל־מחלוקת", דער מטיף איז געקומען, געבעטען רשות ביי בעלי־בתים, ביי „בכבוד'ע, ארענטליכע בעלי־בתים און עלטערע בעלי־בתים", — זיי האבען ערלויבט, מען האט אויפגעהאנגען אין מקום־קדוש א צעטעל — א מודעה; איז געקומען דער בעל־מחלוקת און האט די מודעה אפגעריסען.
דאס איז געוועזען פרייטאג. שבת איז נאך ערנסטער געווען. דער מטיף וויל זאגען, ארענטליכע בכבוד'ע עלטערע בעלי־בתים שטעלען אויף די אויערען, נאר דער „בעל־דבר" שטעלט זיך אויף די פיס און שרייט: „איידער פון צ י ו ן אין א מ ק ו ם

ק ד ו ש, איז גלייכער צו רעדען נבול־פּה, פון שמד"... א מערכה, וואס דער ראבינער איז אנגעקומען, דער דאקטאר ב.! ער האט דעם עולם בארוהיגט און דער מגיד איז ארויף אויף דער בימה!...

ד א ס איז געווען שבת; זונטאג איז די זאך געגאנגען שוין ט י פ ע ר.

„איינמאל איז קיינמאל", האט דער מטיף געטראכט און צו־געזאגט א דרשה אויף זונטאג, זייגער זיבען פארנאכט.

זונטאג, זייגער זיבען פארנאכט, דער עולם לויפט אין בית־המדרש אריין, קעפ אויף קעפ, קינד־און־קייט, סטאפ! דער בית־המדרש איז פארמאכט; דער בעל־דבר האט אויפגעהאנגען א פעס־טען, שווערען אייזערנעם שלאס אויף דער בית־המדרש־טיר! מען רופט צו שלום, מען וויל א פשרה מאכען, דרויער ציוניסטען האָ־בען פיינט מחלוקת שנאת־מות, נאר דער בעל־דבר איז נעלם גע־ווארען, און דער שווערער שווארצער שלאס — שווייגט! דרויער ציוניסטען ווייסען אבער, אז ציוניזם איז תחיה, תחיה — לעבען, לעבען איז, אויסער עברית בעברית אין חדרים, כח, השגה מויערען צו ברעכען — אוים שלאס! די טיר אויפגעזעצט, די פעסטונג איינגענומען! דער בית־המדרש איז אבער פינסטער, ווי דאס הארץ ביים בעל־דבר! קיין טראפען „קעראסין", קיין זכר פון קיין ליכט! די דרויער ציוניסטען טרעטען אבער פאר דער פינסטערקייט נישט אפ — מען קלאפט צוזאמען א פאר גראשען, מען שיקט נאך „קע־ראסין", נאך ליכט, והעיר שושן צהלה ושמחה — הידד! דער מטיף זאגט!

והעקר חסר מן הספר: ו ו א ס האט דער מגיד געזאגט? וואס האט ער פארזייהט אין די דרויער הערצער און וואס וועט דארט וואקסען?

פאראן א שטעדטעל אויף דער גרענעץ, פלאצקער גובערניע, דאברזשין הייסט עס, דאס טייכעל דרעווענץ שניידט עס דורך, דער נערער פיהרט עס ביי דער נאז, דער אלעקסאנדראווער, אטוואצ־קער אחוץ שאר ירקות מעלקען עס אוים, פון הינטער קראקוי קומט דער פאדגארזשער און שערט די שאף. מיט איין ווארט, א שטעדטעל

מיט א פרצוף־פנים, ווי אלע שטעדטלעך. נאר א רב, לויט מען שרייבט, האט עס אן אויסטערלישען! מיר זענען געוועהנט מיט שטילע, אויסגעווייקטע פארמאטערטע רבנים, שאין כחם אלא בפיהם — שופר צו בלאזען, נעילה צו דאווענען, אפיקורסים, און ציוניסטען, וואס זענען עהנליך צו אפיקורסים, אין חרם אריינצולע־גען, — דער דאבזשיצער רב אבער האט א יד, א גאלדענע יד און ניט, וועו מען דארף, א מתנת־יד!

און, א געוויסען שבת צו מנחה, האט זיך אפגעשפילט א שעהנע סצענע אין בית־המדרש.

דער רב האט זיך פארשפעטיגט, נעקומען צום אויסנעמען, דער בעל־פתיחה געהט שוין מיט׳ן ספר.

דער רב קומט אריין און גיט א געשריי: צוריק אריינשטעלען!

דער בעל־פתיחה פאלגט.

דאס ספר איז צוריק אין ארון, און דער רב פרעגט בקול רם:

— וועלכער שייגעץ האט עס געהייסען, מען זאל זיך שטעלען דאווענען אהן מיר?

דער עולם שווייגט, נאר איינער א בעל־הבית ענטפערט:

— דער שייגעץ, וואס האט אייך פאר א רב געמאכט!

און — דריי פעטש, דריי פלאמענדיגע פעטש פליהען; דאס האט דער רב אנגעמאסטען און צוגעקלעפט דעם שייגעץ, וואס האט׳ן פאר א רב געמאכט; ערשט מיט צוויי יאהר צוריק, ווי מען שרייבט.

א שעהנע מעשה, נאר דאס געדיכטע פעהלט: וואס קאן דער רב אויסער פאטשען?

מען שרייבט: אונזערע רבנים שלאפען נישט! זיי גרייטען זיך צו מלחמה, גארטלען זיך די לענדען! זיי פיהלען, אז עס האלט ביי „ערקתא דמסאני“, נאר עס וועט ווייטער געהן! פון קאפ ביז פיס באוואפענט האבען זיי זיך אויף די וואלען, ביי די גרענעצען פון זייער ממשלה, מיט פייערדיגען תלמוד־חכם־כעס אין די אויגען, מיט שופרות אין די הענט... פון ארומיגע קהלות הערט זיך מעשים, מען שטעלט שומרים שבת ביים ערוב און מען געהט נישט ארויס

שפּאַצירען הינטער דער שטאָדט קיין זכרים מיט נקבות, אפילו מיט לייבליכע שוועסטער, אפילו מיט אייגענע ווייבער נישט. יעדען מין באזונדער לאָזט מען. נאָר ביי דער גרענעץ רעווידירט מען, צי האָבען זיי נישט קיין טרפה'נע סחורה: אביסעל קטרות, א נאָז־טיכעל אין קעשענע! „אונזער" רב האָט אויסגערופען, אז מען טאָר נישט מצרף זיין צום מנין די מחלל־שבת'ניקעס, וואָס טראָגען נאָזטיכלעך, וואָס טרינקען פרייטאָג־צונאכטס, נאָך דער ערשטער סעודה, הייסען טיי פון ש פּ ע ט אויפגעשטעלטע סאמאָווארען. וואָס זענען מוצאי שבת יוצא מיט דריי שטערען און רויכערען פאר הבדלה! און א כרוז בכתב האָט ער ארויסגעלאָזט: „מען זאָל זהיר זיין אין תורת־משה, אידישע קינדער זאָלען זי לערנען כסדר, מיט פּירוש רש"י, חס־ושלום — נישט איבערהיפּערען „ויקרא", נישט די רש"י פון מעשה שהיה ביי ראובן'ען... וכדומה! ווארים אניט, עתידה תורה שתשתכח מישראל, עס וועלען ארויסוואקסען גוים, ציוניסטען, אפּקורסים וכו', וכו'... און די שטאָדט שוויגט, שעפּט נאָך נחת!

און דער קאָרעספּאָנדענט בעט: זעהט למען השם ארויסצושטעלען אונזער שטאָדט מיט דער גובערניע, למשל ולשנינה, אויף חרפּה און שאַנד!

נאָך א קליינינקייט האָט דער קאָרעספּאָנדענט פארגעסען צו שרייבען: ווי הייסט די שטאָדט? וואו ליגט זי?

פּיעטרקאָווער גובערניע (פּוילען) האָט א שטעדטעל ברעזין.

ברעזין לעבט פון דער נאָדעל; זי ארבייט טאָנדעט. פון גאַנץ רוסלאנד קומען זיך צוזאַמען סוחרים און קויפען אויף ברעזינער סחורה און באקליידען די רוסישע דערפער. קינד און קייט, אז מען האָט נאָר א האנט און מען קאָן א נאָדעל האלטען, איז מען שוין שניידער! א גאַנץ יאָהר סעזאָן, א גאַנץ יאָהר ארבייט, עס פעהלט קיין פּרנסה נישט! אויסער פּאָר ימים־טובים. פאראַן אפילו גבירים, נאָר פריש אויפגעקומענע, נישט לאַנג די נאָדעל אוועקגעלעגט! און דאָס גאַנצע שטעדטעל ארבייט, אויסער קאַליקעס, אויסער כלי־קודש און אויפגעקומענע גבירים, און אויסער די מאַגאַזיניערס, וואָס

קויפען אויף די סחורה און פארקויפען זי די פרעמדע סוחרים. אר־בייטען ווערט געארבייט אכטצעהן שעה אין מעת־לעת, באקומען באקומט מען זעכציג קאפיקעס פאר א קאסטיום מיט צודאטען — נאר הונגערען הונגערט כמעט קיינער נישט.

אמת, אינטערעסאנט? א טאנדעט־שטעדטעל, א שניידעריש־שטעדטעל, דורכאוים „יגיע־כפו", אויסער קאליקעס...

נאר ווי זעהט דאס שטעדטעל אוים?

ווי אזוי ענטפערט עס אויף פארשידענע לעבענס־פראגען?

צי איז עס צופרידען מיט אכטצעהן שעה ארבייט א מעת־לעת און זעכציג קאפיקעס שניידער־געלט פאר א קאסטיום מיט צודא־טען? וואס זאגט עס בנוגע צו ציוניזם? צי האט עס געהערט פון עקאנאמישער ארבייט אין ציוניזם? וכדומה...

פון דעם קיין ווארט! עס ווערט נאר דערצעהלט פון אן „איקס־מיקס", וואס דער רב האט געשפילט מיט'ן שטעדטעל. פאראן צוויי שוחטים, מען פיהלט, אז עס פעהלט א דריטער: דער רב האט אין דער משפחה א שטיקעל קאנדידאט, די שטאדט איז פון קאנדידאט נישט זעהר צופרידען, הויבט זיך אן „איקס־מיקס": זאגט די שטאדט: „מען דארף א דריטען שוחט", ענטפערט דער רב: „איך האב א קרוב א שוחט!" זאגט די שטאדט: „מיר ווילען נישט אייער קרוב", ענטפערט דער רב — „מען דארף נישט קיין דריטען שוחט" וחוזר חלילה...

פון מיראפאל, וואהלינער גובערניע — א בויגען פאפיר!

וואהלין איז וואהלין און — איהר שפילט אייך מיט מיראפאל?

איין מיראפאלער באד גיט מעהר מאטעריאל, ווי גאנץ אדעס מיט'ן ים צוזאמען! א והא ראיה: אדעס שוויינט און מיראפאל שיקט גאנצע בויגען פאפיר! דאס מיראפאלער באד, מוזט איהר וויסען, שטעהט אויפ'ן רוקען פון א בארג, פון פארענט צוויי שטאק: א באד און א בוידעם, פון דער הינטערזייט געהט מען גלייך אריין אין בוידעם־טיר, וואו די באד־בעזעמלעך ליגען. עס זעהט אוים, גלייך דער בארג איז באשאפען געווארען משׁשת ימי בראשית צו־ליעב דעם באד מיט'ן בעדער; מען זאל קיין לייטער צום בוידעם

נישט דארפֿן, דער גרעסטער חלש זאָל לייכט צוקומען צום אוצר פֿון פֿרישע באָד־בעזעמלעך; וואָלט נאָר אַזוי לייכט געווען הושענות צו באַקומען!

און נישט אומזיסט האָט די מיראָפּאָלער באָד מיט דער מקוה די זכיה, דער מיראָפּאָלער צדיק ר׳ דוד׳ל זאָל זיך פּאַרען און שווענקען אין איהר. עס איז אַן אַלט, זעהר אַן אַלט באָד, פֿון קדמונים אַ באָד! דאָס אויפֿהאַלטען די אַלטע חורבה קאָסט מיראָפּאָלער קהל אַ צוועלף הונדערט רובל אַ יאָהר, און דאָך איז זי שטענדיג בחזקת סכנה!

דער אַרענדאַטאָר פֿון באָד צאָהלט איינגאַנצען זעקס הונדערט רובל אַ יאָהר, דערפֿאַר איז ער מחויב: בכבודו ובעצמו, אָדער ע״י שליח דעם באָד־גוי, צוטראָגען קאָכענדיג וואַסער צום גבאי אויף וואַנעס, וויפֿיעל מען דאַרף, און שנית, בשעת הדחק, אַז קהל דאַרף געלט, גיט ער דאָס שכירות פֿאָראויס. הייינט, למשל, איז די באָד „פֿאַרקאַשפּערט“ אויף גאַנצע זעקס יאָהר! פֿאַרשטעהט זיך, אַז דער אַרענדאַטאָר וויל שוין מעהר קיין געלט נישט אויסלעגען, קהל האָט נישט פֿון וואַנען, און אַז עס פֿאַלט אַרויס אַ שטיין, אַ ציגעל צי אַ שינדעל פֿון באָד — בלייבט אַ לאָך. הכלל די באָד זעהט אויס, הלואי אויף׳ן בוקאַרעשטער טהעאַטער געזאָגט. נאָר נישט אין דעם געהט עס, עס האָט זיך אין באָד אַ וואונדערליכע שרעקליכע מעשה געטראָפֿען...

אויף׳ן באַרג וואַקסען אַ פּאָר גרעזלעך און אין מיראָפּאָל געפֿינען זיך הונגעריגע בהמות.

איינמאָל שפּאַצירט זיך אַזאַ בהמה אויף׳ן באַרג און זוכט חיונה... דער קאָפּ צו דער ערד, די צונג אַרויסגעלאָזט און טריט ביי טריט. פּלוצלונג בלייבט זי שטעהן. דער בעדער האָט פֿאַרגעסען דאָס טירעל פֿון באָד־בוידעם צו פֿאַרמאַכען, און דער הונגעריגער בהמה איז פֿאַרלאָפֿען אַ געשמאַקער ריח פֿון פֿרישע באָד־בעזעמלעך! שטענדיג איז דער בוידעם פֿאַרשלאָסען, — אפילו נישט מיט אַ דרויער שלאָס פֿאַר אַ ציוניסטישען מטיף, נאָר מיט אַ שלעסעל, יוצא צו זיין פֿאַר אַ מיראָפּאָלער הונגעריגער בהמה — און הייינט, דער גן־עדן איז אָפֿען! די בהמה קלערט נישט לאַנג, געהט נאָך דער תאוה, לאָזט זיך אין גן־עדן אַריין, און פֿרעסט... וואָס מעהר זי פֿרעסט, פֿרעהליכער ווערט זי, זאָט — הויבט זי אָן טאַנצען:

טאנצענדיג דערלאנגט זי דער אלטער סטעליע קלעפּ, לעבערט זי דורך און פאלט אין מקוה אריין אפשר א האלבע שעה נאָך ר' דוד'לס טבילה...

זי פאלט אין מקוה אריין, ברעכט די פיס און — מעשה שטן — מען קאָן זי אפילו כשר נישט קוילען!

דאכט זיך, א שעהנע מעשה און דאָס ג ע ד י כ ט ע פעהלט!

ווער איז די בהמה, וואָס האָט זיך אריינגעריסען אין מקוה אריין זוכען תקון נאָך דעם צדיק ר' דוד'לס טבילה? וואָס איז זי געווען און וואָס האָט זי געזינדיגט, און פארוואָס איז איהר נישט באשערט געווען געקוילעט צו ווערען אויף כשר? און וואָס זאָגט דערצו דער תמים ר' דוד'ל? צי מיינט ער נישט, אז די אָרעמע בהמה, וואָס מען האָט נישט געקאָנט קוילען אויף כשר, וועט מוזען נאָכאמאָל מגולגל ווערען? און אין וועמען?

איך בין זיכער, אז גאַנץ מיראָפּאָל רעדט דערפון און קלערט דעריבער, און אונזער קאָרעספּאָנדענט באשעפטיגט זיך מיט נאַרי־שע שאלות: ווען וועט מען פאַרריכטען די באָד? וואָס וועלען די ווייבער טון? עס געהט צו ווינטער...

וכדומה!

נו, איז אויסצוהאַלטען מיט דער באָבע יאכנעס אייניקלעך!

25.

20טען נאָוועמבער, 1902

פון בוענאָס איירעס ווערט געשריבען:

די פּאָליציי האָט געזוכט אין א געוויסען הויז געפּעלשטע מאַרקען און אין קעלער פון הויז האָט זי געפונען יונגע מיידלעך, געבונדענע מיט שטריק, האַלב נאַקעטע מיט צייכענס פון ריטער און שטעקענס אויף די לייבער.

ארויסגעוויזען האָט זיך, אז דאָס זענען ארויסגע'גנב'עטע נפשות, וואָס די רוצחים, די נפשות־הענדלער האָבען פארקויפט אויף זינד, שאַנד און שפּאָט... מאַנכע האָבען זיך שוין לאַנג אונטערגעגעבען און געוואָרען, וואָס מען האָט פון זיי געוואָלט, אַנדערע האָבען זיך גע'סמ'ט, ארויסגעוואָרפען זיך דורך פענסטער, פארגאָסען זיך די פּנים'ער מיט וויטריאָל. די האָלט מען שוין געבונדען, און מען פּייניגט זיי מיט הונגער, דורשט און שלעג, ביז זיי וועלען נישט נאָכגעבען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— פון וואַנען איך קום קיין בוענאָס איירעס?

ערשטענס, איז בוענאָס איירעס א אידישע שטאָדט, ווי אַלע אידישע שטעדט; בפרט זייט די פּאַריזער „כל ישראל חברים" האָט אהין געשיקט אידישע ארבייטער און זיי געהען אוים פאר הונגער, ווייל אהן הישפּאַניש איז שווער ארבייט צו געפינען; צווייטענס, האָט מען אין דעם קעלער אידישע טעכטער געפונען, און הוקא פון אונזערע קאַנטען...

אונזערע אידישע טעכטער וואַלגערען זיך ארום נישט אין איין קעלער...

די פּאָליציי שווייגט, ווייל מען צאָהלט איהר, זי זאָל שווייגען.

קהל שווייגט, ווייל אויף אַזוינע זאַכען האָט עס א רב!

און דער בוענאָס איירעס'ער רב שווייגט, פּונקט ווי אונזערע רבנים שווייגען... באַטש די נפשות־הענדלער געהען ארום אין גאַנץ תפוצות ישראל...

— ווייטער די רבנים?

— געווים! די נפשות־הענדלער געפינען זיך דארט, וואו מען לעזט נישט, נאר מען לערענט; וואו עס זאגט נישט קיין מטיף, נאר א „בעל־דרשן“, וואו דאס רב'על׳ע לערענט אלשיך אין קלויז, דער רב דרש'ענט פון חמץ־נקשה פון איין שבת הגדול צום צווייטען, און דער הייליגער רבי האט זיין אפענע קראם מיט הבטחות אויף געזונט, בנים־זכרים, יראת־שמים, זכה־בגורל׳ם און וואס איהר ווילט...

און אלע דריי, דאס קלויז־רב'על׳ע, דער שטאדט־רב און דער נע־ונד — דאס הייליגע רבי׳לע — האבען, אחוץ זייערע פרנסות און למודים נאך נייע שאלות צו פסק׳נען! ווענינ טעפעל־לעפעל שאלות, שאלות־נשים, ווערען נאך געבוירען הארבע, ברענענדיגע שאלות שהזמן גרמן: צי מעג מען א ציוניסט מצרף זיין צום מנין? און, ביי הפסד — מרובה, ווען היימישע, כשר׳ע לייט ווילען קויפען בחצי חנם, צי מעג מען צולאזען צו דער ליציטאציע פון עליות און מצוות א שטייפען קאלנער? צי איז דער חרם אויף אידישע צייטונגען חל אויפ׳ן „וואסכאד“, ווייל די ענינים זענען אידישע, צי ניין, ווייל דאס לשון איז נישט אידיש?

און איך, מרנן ורבנן ורבותי, האב פאר אייך נאך א שאלה.

פריהער דער ספור המעשה:

ערגעץ אין א קליין שטעדטעל האט געוואוינט אן אלמנה מיט א טאכטער. זייט מוחל — אייגענטליך מיט צוויי טעכטער, נאר צו דער שאלה, געהערט נאר איינע, די עלטערע. און — „פאר אייך נישט אויף זיך“, רבותים, איז די עלטערע טאכטער א גרויסע יפה־פיה געווען, (אפשר היינט אויך) ממש א „פארנעמעניש פאר די אויגען“ — א פארטרעט! עס איז טאקע „שקר החן“, פונדעסטוועגען... איהר ווייסט דאך, היינטיגע צייטען... און די אלמנה האט זיך נישט געקאנט אפיאגען פון שדכנים מיט חתנים! מען האט געזאגט: אן אוצר האט זי, די אלמנה! און מען האט איהר מקנא געווען, און אלע בחורים האבען זיך מיט אלע כחות געריסען צום אוצר, ווי די נאכט־זומער־פייגעלעך, אויב איהר ווייסט, צו א ברענענדיגען לאמפ... און זיי האבען זיך די פליגעלעך אפגעברענט, די נשמה׳לעך פאר׳שרפ׳ט און לא עליכם — גארנישט! דעם מיידעל האט עפעס בעסערס גע׳חלומ׳ט, ווי קליינשטעדטעלדיגע חתנים!

און עס איז געקומען א מזל'דיגער טאג, ווען איהר חלום האט גע־זאלט מקוים ווערען! עס איז צו איהר אראפגעקומען, ווי אין פאלקס־ליעדעל שטעהט: „א איינגעלע פון ווייטן״! אייגענטליך — א יונגערמאן, ער האט אין ווייטן פון איהר שעהנקייט געהערט און עס האט איהם צו איהר ווי מיט צוואנגען געצויגען. און ער איז דעם מיידעל געפעלען, דער מוטער אויך; ער האט זיך פארגעשטעלט אלס באנקיר פון א גרויסער, גרויסער שטאדט! און עס זענען צום מזל תנאים געווען, און מען האט טעלער צובראכען... און עס האט זיך געפונען א רב צו סדור קדושין, און מען האט א חופה גע־שטעלט, און א גלעזעל געפלאצט, און א לעבען אויך! — — —

נאך עטליכע טעג האט דאס פאר־פאלק געזאלט פאהרען קיין ווייען, געקומען איז עס קיין בוקארעסט און דעם חתנ'ס א פעטער האט דאס יונגע ווייבעל פארקויפט און טראנספארטירט קיין קאנס־טאנטינאפאל, א רייכען טערקישען פאשא אין הארעם אריין...

אפשר ווייסט איהר נישט, רבותים, וואס „הארעם״ איז? זייט וויסען, אז ביי די טערקען איז חרם דרבנו גרשון נישט נוהג. און וואס רייכער א טערק איז, מעהר ווייבער האט ער. און „עפענטליך רעכטליך״, נישט בסוד, ווי אונזערע גבירים מוזען טון! קיין גרויס נחת דערפון האבען די ווייבער נישט! זיי ווערען געהאלטען אונ־טער שלאס און ריגעל, עס זאל אויף זיי קיין פרעמד אויג פון א פרעמדען מאנספערשוין נישט פאלען: אצינד, רבותים, דערמאנט אייך אן אחשורוש'ען פון דער מגילה, אן „ב י ת הנשים״. „ש ו מ ר הנשים״ און אן די סריסים — וועט איהר שוין ווי־סען, וואס הארעם איז טייטש!

נאר נישט אין דעם געהט עס. דאס איז מעשים בכל יום. הונ־דערט אזוינע מעשיות קאנען דערצעהלט און געדרוקט ווערען, און איהר, טייערע רבנים, וואס לייענט נאר א ל ט ע, נישט קיין נייע ספרים, וועט נישט וויסען, נישט וועלען וויסען און ווייטער געבען חופה וקדושין! עס איז אייער פרנסה! און פרואווט נ י ש ט געבען, וועלען עס פאר אייך אנדערע טון; יהיה־מי־שיהיה, א מלמד, אזוי א ירא שמים, א איד מיט א גארטעל, ווען אפילו א ה ן עברי...

די ברכות זענען זיי צוליעב געדרוקט מיט גרויסע אותיות און געפינטעלט...

די שאלה, וואס איך וויל אייך פרעגען, איז אן אנדערע. הערט ווייטער:

דעם ארעמען יונגען ווייבעל איז א נס געשעהען. זי האט חן געקראגען ביים עלטסטען סרים פון הארעם אין די אויגען, און עס איז איהר געראטען אהיים צו שיקען א בריף צו דער מוטער. און א נס בתוך נס — דער בריף איז אנגעקומען, כאטש טערקישע פאסט! און די אלמנה איז געלאפען מיט א יללה צום גובערנאטאר, און דער גובערנאטאר האט אויף איהר רחמנות באקומען און געשריבען צו די הויכע פענסטער. און די הויכע פענסטער האבען זיך אריינגע־מישט, און מען האט דאס ווייבעל אפגענומען און אפגעשיקט דער מוטער.

דאס „אינגעלע פון וויען“, פארשטעהט זיך, איז לאנג א נעלם!

אצינד געהט דער גוף השאלה: צי דארף דאס יונגע ווייבעל א גט?

צי זענען אזוינע קדושין לשם גנבה פון א נפש, לשם זנות— צי זענען אזוינע קדושין תופש און זי מוז בלייבען אן עגונה?

צי האט איהר, איהר היינטיגע גאונים, פייערדיגע שפיץ־ביי־שפיץ קעפ, צי האט איהר קיין שום מיטעל נישט זי צו באפרייען „מכבלי העגון“?

און אז יא, צי געפינען זיך צווישען אייך אזוינע מענשען, וואס זאלען עס ארויסזאגען און אויף זיך שטעלען און פסק'נען? אזוינע, וואס זאלען אזוינס אויף זיך נעמען, — וואס מען זאל קאנען פון זיי האפען, וואס עס איז פאר א תקנה פאר „בנות־ישראל“?

ווי מיינט איהר, אפשר דער ליפסקער רב?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„אין נאמען פון זיין ליעבען נאמען, וואס האט הימעל און ערד באשאפען“ — —

דאס איז אן אנהויב פון א כתב, וואס דער ליפסקער רב האט ארויסגעגעבען זיין קהל.

און וואס וויל ער דערצעהלען דער הרב האב"ד דק"ק ליפסק אין נאמען פון זיין ליעבען נאמען, וואס האט הימעל און ערד באשא־

פען? ער דערצעהלט, וואס פאר א התחייבות ער האט אויף זיך גע־גומען קעגען ליפסקער קהל!

„איך, אונטערשריבענער, — קלינגט דאס התחייבות — בין מודה, און מיין חתימה זאל זיין אויף מיר באגלויבט, ווי הונדערט עדות, אז איך, הרב האב"ד דק"ק ליפסק, נישט געגויט, גאר אהן א שום אונס, נאר טאקע מיט מיין אייגענעם גוטען ווילען, האב אויף מיר גענומען, א נדר געטאן, און א נדר אויף קהל'שער דעה, וואס מען קאן נישט מתיר זיין, אז פון היינט אן און ווייטער טאר איך מיך מיט קיינעם פון ליפסקער קהלה נישט ווערטלען, נישט קריי־גען, נישט רופען מיט צונעמען, מבזה זיין... נישט איך, נישט מיין הויז־געזינד... און אויב עמיץ פון מיין הויז־געזינט וועט עמיצען יהיה־מי־שיהיה פון ליפסקער קהל זידלען, בין איך מחויב אנצור־שרייען, און שטיל מאכען... און איך וועל די ליפסקער בעלי־בתים נישט שטערען צו מאכען חברות, צו לערנען ש"ס אדער משניות... אויך נעם איך אויף מיר, עס זאל שוין מעהר צו מיין שטוב קיין עולה קיין צוטריט נישט האבען. איך זאל אין מיין הויז מעהר נישט ארייגלאזען די מענשען מיט ציינגער, וואס בארעדען די שטאדט און זענען זי מבזה... אויך וועל איך די בעלי־בתים פון שטאדט נישט שטערען אין זייערע פרנסות, און וועל גאר קוקען אויפ'ן שכירות...

אט, דעם בריף האט אונטערגעשריבען: יהודה ליב בר' מיכאל ראזענבערג חופ"ק ליפסק און צוגעלעגט דעם רבנ'ישען שטעמפעל...

וואס פאר א הויז האט דער ליפסקער רב געפיהרט? ווער איז זיין הויזגעזינט?

וואס פאר א „מענשען מיט ציינגער" האבען זיך ביי איהם אויפגעהאלטען?

וואס פאר א פרנסות האבען עס די ליפסקער בעלי־בתים, וועל־כע דער רב מיט'ן הויזגעזינט האבען געקאנט שטערען און זיך מתחייב געווען נ י ש ט צו שטערען?

וואס האט דער רב געוואלט א ו י ס ע ר שכירות?

דאס זענען שאלות, אפשר הארבע שאלות! אבער דאס איז שוין זיכער, אז אויפ'ן ליפסקער רב איז שוין נישט צו רעכענען! אז ווען עס וועט קומען צו א ליפסקער מיידעל א „אינגעלע פון וויען", וועט דער ליפסקער רב, וואס מוז קוקען אויף זיין שכירות,

נישט קלערען, נישט איבערפרעגען און תוך כדי דבור געבען חופה וקדושין...

און אז דער „אינגעלע פון וויען" וועט נעלם ווערען, און אז אלמנה'ס א טאכטער וועט על פי נס צוריק קומען פון קאנסטאנטינאפאל, צי פון בוענאס־איירעס, וועט דער ליפסקער רב פאר איהר קיין עצה און קיין ראט נ י ש ט געפינען, אפילו נישט זוכען...

פון א ז ו י נ ע רבנים וועלען שוין אידישע טעכטער נ י ש ט געהאלפען ווערען!

און נישט פון נ...'ער רב!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווער דער נ...'ער רב איז?

א איד א למדן, א מדקדק במצוות און ווי זאל איך אייך אויסמאלען? אפילו א בעל־נסיון...

ערשט נישט לאנג האט ער אויך א נסיון געהאט.

נאר זאל ער עס בעסער אליין דערצעהלען, מיט זיין אייגענעם לשון.

„אין מיין שטעדטעל, פארשטעהט איהר מיך, איז פאראן איינער א טוביה. א איד — א האלץ־העקער. אומשטיינס געזאגט, א האלץ־העקער — ער האט דען כח דערצו? נאר א מענש אויף דער עלטער, האט זיך נישט צו וואס צו נעמען, קוים אלף־בית און קאן אפילו קיין דרדקי־מלמד נישט זיין, נעמט ער זיך האלץ צו האקען. עס געדויערט ביי איהם ימים ושנים, נאר וואס זאל מען טון? געה, נעם צו ביי א איד די לעצטע פרנסה!

איינמאל טרעפט זיך אזא מעשה. צוויי פון די גרעסטע בעלי־בתים אין מיין שטעדטעל האנדלען מיט וואלד. קויפען זיי אמאל א וואלד בשותפות. אז א שותפות, ווערט מן־השמים א סכסוך. טענ'ען ביידע „כולו שלי", ווי ביי סוחרים דער שטייגער איז. קומען זיי צו מיר. מילא, איך וועל זיי קיין דין תורה נ י ש ט פסק'נען; איינער וואלט דאך מיר א ו ד א י א שונא געבליבען! וויל איך מאכען א פשר. בין איך דאך אבער נישט בקי אין די „קוביקען" מיט זייערע חשבונות! בין איך מיך מישב און מוסר רעד איך בשבת השלום! דערווייל לעג איך אונטער דעם אן איי, יענעם אן איי; זאג איך דעם א חניפה'לע, יענעם א חניפה'לע, ביז

זיי גלייכען זיך אוים ביי מיר אין שטוב. און איך שאקעל צו מיט'ן קאפ: גלייך אזוי! גלייך אזוי! געהען זיי טאקע ארוים צופרידען און שיקען מיר, מכלומר'שט פסק־געלט, א פוהרעל קלעצלעך פון וואלד. זעהר גלייך! עס געהט צו ווינטער! שיק איך טאקע צו טוביה'ן, ער זאל קומען צוהאקען די קלעצלעך. קומט ער בעלות הבקר און האקט ביז קרוב למנחה. וויפיעל קומט דיר, טוביה? זאגט ער, צוואנציג קאפיקעס. פארשטעה איך, אז מיינען מיינט ער צעהן, זאג איך פופצעהן! וויל איך רעכען, אז איך וועל אזוי געשווינד נישט האבען צו באצאהלען, זאל איהם קומען פינף קאפיקעס מעהר! אין כאלאטעל־קעשענע האב איך אפילו געהאט פופצעהן קאפיקעס, נאר די לעצטע, און צו דער פענסיע איז נאך א פאר וואכען. און אויסער דער פענסיע האב איך נישט. פון וואנעט? נאר טראכטען טראכט איך מיר אזוי: וועט ער זיין א תובע בפה: „רבי, זייט מוחל, באצאהלט", איז פאראן, איז ער בילכער! פארט א נהנה מיגיע כפו! אלא נישט — איז נישט! וועט זיין מארגען אויף אנ־בייסען. און טוביה האט נישט געמאנט! ער האט געכאפט א טרונק־וואסער, א בליק געטאן, און אז ער האט געזעהן, אז איך שווייג, האט ער אויך געשוויגען און איז אוועקגעגאנגען. דעם אמת זאגענ־דיג, האט ער זיך אפילו א פאר מאל אפגעשטעלט, נאר צו מיר אי־בערגעדרעהט האט ער זיך נישט!... מילא, דארף איך מיך שטעלען מנחה דאווענען, וויל איך מיך אויפהויבען, וואשען די הענט, דער־פיהל איך פלוצים, אז עס שטעכט מיך אין דער זייט! עפעס א מעשה — נאר קודם־כל מנחה! איך טו מיינס און דאווען, מבלבל זיין לאז איך מיך נישט אפילו ביי צאן־וועהטאג! נאר ווי איך געה אוים שמנה עשרה — שלעכט! צוריקגעהן די דריי טריט איז מיר שווער! דערמאן איך מיך אין טאטען, עליו השלום'ס, צואה. אפילו א פראסטער איך געווען מיין טאטע, נאר א חרוץ עתיק! פאר'ן גוסס'ען רופט ער מיך צו און זאגט מיר כהאי לישנא: הער, זיינוועל, דו זאלסט נישט גלויבען אין די נ י י ע רופאים מיט די נ י י ע רפואות! וואס ניי — איז נישט געטריי! אלטע רופאים זענען גרעסערע חכמים געווען און בעסערע רפואות געהאט! קוים, חס־ושלום, ווערט דיר עפעס, כאפ א ווינער טרענקעל! — אזוי האט ער געזאגט. א ווינער־טרענקעל קאסט טאקע פופצעהן קאפיקעס, זאג איך אפ „עלינו", הויב אן זוכען די מטבע אין כא־

לאַטעל און וויל רופען דעם שמש, און שיקען נאָך אַ ווינער טרענ־קעל, האָב איך אָבער קיין גאַנצע קעשענע נישט געהאַט, און די מטבע איז אַראָפּ טיפער אין שלאָף־רעקעל, און עס גערויערט, איי־דער איך ג ע פ י נ ען ! און זוכענדיג, פאַלט מיר דערווייל איין אַ מחשבה: פּושע ישראל! — זאָג איך צו מיר — וואו איז „יפשפש במעשיו“? וואָס איז? אומזיסטע יסורים? און קוים הויב איך אָן איבערקלערען, וואָס פאַר אַ חטא, דערמאָן איך מיך — טוביה! עובר געווען אויף „לא תלין“!

און דאָ הויבט זיך אָן דער נסיון. פון א י י ן זייט אַ לאַ־תעשה פון דער תורה... „לא תלין“ זאָגט דער פּסוק!

פון צווייטען צד איז אפשר סכנות־נפשות אַזאַ שטעכען, קיין יונגערמאַן בין איך נישט! „וחי בהם“ שטעהט! און צוזאת שכיב־מרע! גנה, וויים!

דערמאָן איך מיך אָבער, אַז אַזוי ווי איך האָב מיך דערמאָנט אָן טוביה'ן, איז מיר די מטבע אין דער האַנט אַריינגעשפּרונגען!... פּסק'ען איך מיר: ז י י נ ע פופצעהן קאָפּיקעס! אָפּגעבען! און דעם שמש האָב איך אָפּגעשאַפט! ערשטענס, אַ מצוה טוט מען אַליין, און צווייטענס — מיין שמש! אַ חוב אָפּגעבען וועט ער אַרויסגעהן מבעוד־יום און אהינקומען וועט ער בכי־טוב! דערווייל אַ נאַכט איבערשלאָפען! און עס קאָן איהם גאָר איינפאַלען און זיך ב אָ ר ג ע ן דערווייל די פופצעהן קאָפּיקעס! ער איז אַזאַ'ן עושר ווי איך, אפשר מעהר! און טאָמער קומט איהם גאָר ביי מיר פופצעהן קאָפּיקעס? ווער געדענקט! כאַפּ איך דעם מאַנטעל און לויף אַליין!

— און בשלום אָפּגעגעבען?

— ווי דען! שלוחי מצוה אינן נזוקין! טוביה'ן אין דער האַנט אַריין... איך האָב איהם געטראָפען זיצענדיג אויף דער שוועל ביי אַ הויכער שיסעל קאַרטאָפּעל!

ער האָט געמיינט, אַז איך האָב פריהער פאַרגעסען און שפּע־טער זיך דערמאָנט, איז ער נבהל ונשתומם געוואָרען! סטייטש, בכבודו ובעצמו דער רב, און פאַר פופצעהן קאָפּיקעס און פאַר אַזאַ טוביה! ער האָט זיך צוּוואוינט! זאָג איך איהם: ניין, נישט דיר צוליעב, טוביה, נאָר צוליעב דער תורה הקדושה! אין דער תורה הקדושה שטעהט: לא תלין פּעולת שכיר. עס איז טייטש: לא —

נישט, תליז — זאלסט נישט איבערנעכטיגען, פעולת — די לויז, שכיר — פון א פארדונגענעם. צוואווייגט ער זיך נאך מעהר! ער האט, זאגט ער, גארנישט געוואוסט, סאר א וואויל תורה'לע מיר האַ־בען! אן עם־הארץ!

— און די זייט אייערע, רבי?

— איך האב טאקע באלד א ווינער טרענקעל געקויפט, האט אויפגעהערט!

— און וואו האט איהר גענומען געלט?

— וואו כ'האב גענומען? טאקע ביים אייגענעם טוביה צוריק געבארגט!... פאר אונז נישט אויף זיך, אפילו עד־היום נישט אפ־געגעבען. פון וואנעט? און לאז אזא איך האבען ביי מיר פופצעהן קאפיקעס! עס וועט איהם, חלילה, נישט שאדטען.

און צוריק געשמועסט: מלוה איז קיין חיות נישט! „פעולת שכיר" איז פייער!

איהר זעהט, אן אמת פרום רב'ל, א מדקדק במצוות, אן עומד בנסיון! א רב'ל מיט אן אמת אידישען הארץ; ער איז אפשר גע־פעל'ט אויף מסירת נפש, אויף קדוש השם... אבער מתיר זיין קיין עגונה פון א גזלן א נעלם וועט ער, דאכט זיך, נישט! אזופיעל כח האט ער נישט! און גלאט, קהל לאזט קיין אידישע פרנסה נישט שטערען! קהל גלויבט דעם רב אין הימעל־זאכען, אין מצוה־זאכען, אבער בנוגע צו פרנסה, צו עולם־הזה, איז דער רב ביי קהל אין דער האנט... וויל טאקע קהל א שטילען רב!

לויבט מען טאקע דעם מ...'ער רב פאר זיין שטילקייט. קיין פליג אויף דער וואנט ריהרט ער נישט!

— א וואוילער איד — שרייבט מען — מאכט נישט קאליע קיין פרנסה!

און פרנסה, ברוך השם, איז דא אין מ., הלואי, אויף אלע קהלות געזאגט:

מ., מוזט איהר וויסען ליגט ביי דער גרענעץ, און גאט האט זי געבענשט מיט א באהן, מיט א „לאנגער" סטאנציע פון דער באהן... די באהן האט שומרים — בלויע בלימלעך, און אין די וואגאנען זיצען אידישע עמיגראנטען, וואס פאהרען מיט ווייב און קינד, פעק

און פעקלעך, נאָר אַהן פּאַספּאָרטען... אויף גאַנס באַראַט און אויפ׳ן „פעקלערס" יושר...

ווער עס האָט נאָר א תביעת עין דערקענט זיי באַלד. א בליק פון פאַרלוירענע שאָף... בלויע פּנים׳ער, פאַרביסענע ליפּען, עס זאָל פון זיי קיין קרעכץ, קיין קול נישט אַרויס. פאַרדריקט, מען זאָל קיין אָרט נישט פאַרנעמען, מען זאָל קיינעם אין די אויגען אריין נישט פאַלען... ווייבער שווייגען! די טרערען פאַלען, טרערען ווי אַרבעס, נאָר שטיל... קינדער זיצען אַהן א קלאַנג, אַהן א שמייכעל, מיט פאַרשראָקענע אויגען...

און, זאָרגט נישט! אז מ...׳ער כשר׳ער איד האָט א תביעת־עין. ער קומט אין וואַגאָן און דערקענט זיין קרבן אין אויגענ־בליק. און קוים דערקענט ער, גערט ער צו ווי א שוחט; פרום און קאַלט, נאָר אַהן א חלף. ער שטרעקט נאָר אויס די האַנט. „ר׳ קרוב — זאָגט ער — שענקט א קערבעל!"

באַמערקט: ער בעט קיין נדבה נישט. ער זאָגט אויך נישט: גיב, אַניט וועל איך אויסזאָגען! נאָר געלאַסען זאָגט ער: ר׳ קרוב, שענקט א קערבעל! שענקט מען נ י ש ט, גערט ער זיך אוועק, און ווי פון אונטער דער ערד וואַקסט אַרויס א בלוי בלימעל, און דער עמיגראַנט ווערט אַראָפּגעשלעפּט מיט ווייב און קינד, מיט פּעק און פעקלעך — גלייך אין תפיסה אריין... שענקט מען טאַקע יאָ! און דער שעהנער איד גערט אַראָפּ א צופרידענער, און אויף זיין אָרט קומט — א אידענע, זיין ווייב. זי וואַרפט אויך נאָר א בליק און דערקענט אויך בהרף עין דעם קרבן, שטרעקט אויך אויס די האַנט: ר׳ קרוב, שענקט א קערבעל!

דערנאָך קומט א שנור, א טאָכטער, אן איידעם... אן אנדער שעהנער איד...

און דעם רב, כאָטש ער האָט קיין כתב נישט געגעבען, פאַלט נישט איין צו שטערען!

און שעהנע אידען האָבען טאַקע פּרנסה איבער׳ן מויל, און מאַכען קינדער חתונה און גיבען צדקה, און מען באַקומט ביי זיי א גמילת חסד, און רח״ש צאָהלען זיי, אז עס קומט אויס, כיד המלך...

און בעלי־בתים! זיי בויען זיך הייזער, אפילו בתי־מדרשים! איינער האָט אויפגעשטעלט א י י ן בית־המדרש, האָט זיך

דער צווייטער מקנא געווען און אויפגעבויט א צווייטען — נאך א שענערען בית המדרש! און אין ביידע בתי־מדרשים זענען „עליות", „פתיחות", „יין קדוש" וכדומה מצוות — געלד און טאַלער, אהן ציוניסטען!... און דער עולם־הבא פאר מ...'ער שעהנע אידען וואקסט אויך ווי אויף הייוון!

און ווי געזאגט — דער רב, זאל לעבען, קוקט און שווייגט!

ער וועט נישט שטערען דער פרנסה פון א „פעקלער", פון א „מולייכער", פון יהיה מי שיהיה א בעל־בית, אפילו נישט א נפשות־הענדלער... און חופה וקדושין, אז מען וועט דארפען, אבי רח"ש, וועט ער געבען... און עגונות מתיר זיין — לאו!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און צו דער רבנ'ישער אסיפה, וואס דארף אין קורצען זיין אין פעטערבורג, ראט איך, מען זאל פון אונזער קאנט ארויסשיקען: דעם ליפסקער, דעם נ...'ער, ווי אויך דעם מ...'ער רב!

און די בעלי־בת'ישע קהלות וועלען קאנען רוהיג זיין פאר'ן זומפ!... עס וועט קיין ווינטעל נישט בלאזען, קיין שניי נישט זיין! און פרנסה וועט בלייבען פרנסה! און עס וועלען זיין עגונות, עס וועט בלייבען „חליצה", און אידישע טעכטער וועלען אויך בלייבען א גאנגבארע סחורה... ווי היינט, ווי נעכטען, ווי אלע מאל...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

26.

4טען דעצעמבער, 1902

בריף און מאמרים ווי האָלץ... פון פארשידענע דאטען, פון גאנץ תפוצות ישראל, נאָר די פאקטען צושיטען זיך ווי זאמד, קלעפּען זיך נישט און האלטען זיך נישט צוזאמען, און עס טריקענט מיר דער מח קלערענדיג: אויף וואס פאר א פּאָדים בינד איך אויף די פּערעל? איך זיץ און קלער, און די ברעמען פאלען מיר שווער איבער די מידע אויגען. איך שלאָף איין, און עס קומט אויף מיר א חלום, וואס לאכט אוים אָרט און צייט און בינדט צוזאמען נאָהנט און וויט, און ווייטערס... און עפּעס טראָגט מיך אין חלום אויף און אָפּ איבער טאָל און בערג, איבער טעג, וואָכען און חדשים...

אָט בין איך אין באזעל אויף א קאָנגרעס. צוזאמענגעפאָהרען זיך א סנהדרין מארבע פנות העולם, נאָר דאס אידעלע פון יענער זייט סמבטיון פעהלט, און עס איז א שקלא וטריא: וואס איז אזוינס ציוניזם? און מען שפּאַרט און אמפּערט זיך, און מען רעדט אין אלערליי לשונות, מיט אלערליי מינים פון העויות און תנועות, ביז מען מאכט יד־אחת און מען ענטפערט: „ציוניזם איז די אידעע, צו שאפען פאר׳ן אידישען פאָלק אַ עפענטליך־רעכטליך־געזיכערטע היים אין פּאַלעסטינא...“

און איך פרעג מיך: ווער עמיץ זיין דאגעגען? און איך ענטפער מיר: א מאסע. ערשטענס, די אלע, וואס קאָנען קיין נייע אידעען נישט ליידען, וואס קאָנען שוין קיין נייע אידעען נישט פארטראָגען. אפילו נישט קיין א ל ט ע אידעען מיט א ניי פנים... אויך די, וואס וועלען נישט לאָזען „כאפּען פיש פאר דער נעץ“ און — פאר דער צייט, בפרט — אָהן א רמז אין זוהר, אָהן א גמטרי"א אין „רזיאל המלאך“ און מיט א קאָנקורענץ פאר די הייליגע און גוטע אידען, וואס האבען זיך שוין לאַנג אונטערגענומען דעם פּאַדריאַד אראָפּצוברענגען משיח׳ן און צו באפרייען די כנסת־ישראל פון לאַנגען „והוא רחום“...

מאנכע וועלען פארציטערט ווערען. דאס זענען די, וואס דאס ווארט: „דאס אידישע פאלק",ווארפט זיי אין זיבעטען שוויים אריין!

פונוויטענס וועלען זיך אפשר האלטען אויך די, וואס ווילען נישט אויפהענגען אלע אידישע געשעפטען, ווי אן אפריים־קאלענדאר אויף א נאגעל אין דער וואנט!

— וויפיעל דארף קאסטען א טשארטער? — הער איך פרעגט דערוויל א סוחר׳ישע נשמה.

— פינף און צוואנציג מיליאן רובל! — ענטפערט א ציונים־טישער בן־בית.

— או! — דערשרעקט זיך יענער.

— נישט פאראן קיין ארעם פאלק! — ענטפערט דער בן־בית. — —

מהיכא תיתי, טראכט איך. נישט קוקענדיג אויף די העכסטע אידעאלען, וואס א זינדיגער בשר־ודם קאן האבען, האט דאס אידישע פאלק דאסזעלבע רעכט צו וועלען, וואס אלע ווילען און האבען. און כל־זמן אלע פעלקער האבען זייער אייגענס, אפגעזונדערטע, אפגעגרענעצטע לענדער, מעג די כנסת ישראל אויך גלוסטען א פארזיכערטע, עפענטליך־רעכטליך פארזיכערטע היים... פיינע פיערציג קאפיקעס אויף א שקל און עטליכע רובל אויף אן אקציע וועל איך נישט קארגען... און איך חזר מיר איבער: אן עפענטליך־רעכטליך פארזיכערטע היים... נאר עפעס א שכן הויבט זיך אויף און רוימט מיר איין: ווארט, עס איז נישט אזוי פראסט, ווי מען זאגט! דא אין א ו י ס ל א נ ד האט דער ד י י ט ש צו שאפען: דער דייטש איז בטבע א פשטן, וואס ער זאגט, דאס מיינט ער... לאמיר נאר אהיים קומען!... עס איז א טיפע סוגיא, א שווערע סוגיא, א פלפול און א פרד"ס און א שטיק השכלה און עקאנאמיקא... וועסט זעהן!

איך וויל מיך אומקוקען, ווער עס רעדט, בעסער זיך איינהערען

אין וואס מען זאגט, נאר דער רוח האט מיך שוין אוועקגעשלעפט איבער טאל און בערג קיין מינסק, אויף אן אסיפה, נאר אהן דריי־טשען...

דער גרויסער עולם שלאפט אפשר נישט, נאר דרימלען, דריי־מעלט ער. קיין פריי, אפען אויג פאר א מיליאן... עמיץ שמייכעלט ווי פון חלום, מן־הסתם זעהט ער א פולע באנק מיט גאנצע פינף און צוואנציג מיליאן: א צווייטער בייסט די ליפען, אפשר איז איהם א שאד אזויפיעל געלט פאר א פאפירענעם טשארטער... און אויף דער בימה שטעהט איינער מיט פייערדיגע אויגען און רעדט:

— דער ציוניזם שטעהט צו צום פאלק און וויל געלט! דער ציוניזם וויל נאר נ ע מ ע ן, אבער וואס ג י ט ער? וואס וויל ער ג ע ב ע ן, דער ציוניזם?

און איך מיין, אז איך האב א קלארע תשובה אויף דער שאלה: דער ציוניזם וויל געבען א לאנד, ארץ־ישראל וויל ער געבען... ער וויל ע ר ד פאר'ן פאלק, ערד צום אקערען, זייהען און שניידען... דער רעדנער אבער ווייסט אפנים בעסער.

— דער ציוניזם — זאגט ער — מוז שוין אנהויבען צו געבען, באלד און דא!

און אין נאמען פון ציוניזם שיט ער ווי פון א פאס ארויס טייערע מתנות פאר'ן פאלק: ארטעלען, חברות, פארדינסטען, וואס איהר ווילט, און דער עולם, הערענדיג פון מתנות, וועקט זיך אבי־סעל אויף און עס הערט זיך א גערופעריי: ווענינ, ווענינ!

איינער וויל נאך: קאטעדרעס פאר מלמדים, א צווייטער אן אוניווערזיטעט אין דער שווייץ אדער אין ארץ־ישראל, א דריטער מעטאדען צו לערנען עברית בעברית — און עס ווערט א געשריי: קולטור! קולטור!

און צווייערליי קולטור!...

און דער, וואס טראגט מיך, פארטייטשט מיר: ציוניזם איז איינענטליך א הון. נאר, אז עס וועלען איהר אויפוואקסען גאלדענע פליגעל פאר פינף און צוואנציג מיליאן, וועט זי ווערען אן אדלער און אוועקפליהען ווייט, ווייט צום לבנון, צום הר־הבית... דערוויי־זיצט זי אויף איין ארט, און יעדער קומט און לעגט איהר אונטער

אויסצואוואַרעמען אַן אַנדער איי... קולטור־אייער, עקאָנאָמישע־אייער, עברית־בעברית־אייער... און וואָס זאָל זי נעבעך טון, די הון? זי וואַרעמט...

— און אַלע אייער האָבען אין זיך לעבען?

— ניין... אַסך וואַנט־געריבענע אייער... עקרות — — —

און ער טראָגט מיך ווייטער אַוועק...

און דער רוח כאַפּט מיך ווייטער און פאַרטראָגט מיך קיין ראַדאָם... אַ סטודענט איז אַראָפּגעקומען, אַ יונגער סטודענט, מילך און בלוט, און ער האַלט אַ רעדע, פאַר אַ קליינעם, נאָר אַ פיינעם עולם...

ציוניזם — רופט ער — איז נישט קיין פינף און צוואַנציג מיליאָן, מיר זענען צו ע ר ה א ב ע ן. מיר פליהען צו הויך, מיר זאָלען זיך אַראָפּלאָזען און גראַבלען אין פרעמדע קעשענעס, אַרויס־צוקריגען קליין־געלט... ציוניזם איז נישט קיין טשאַרטער — פאָ־ליטיק לאָזען מיר פאַר אַנדערע, פאַר „דייטשע יודען“, וואָס זענען נישט קלאָר אין אונזער לעבען, וואָס זייער אויסגעקיהלט האַרץ ברענט נישט מיט אונזער רוסיש־פּויליש־אידישען פייער־און־פלאַם! ציוניזם איז דערוויל אויך נישט ארץ־ישראל, וואָרים גיט אונז היינט פּאַלעסטינאַ, צי קאָנען מיר זי נעמען? האָבען מיר אַ פריי קולטיווירט פאָלק? קאָן אונזער פאָלק אַרבייטען? ציוניזם איז — קולטור... קולטור... און ווייטער קולטור...

— הידד!

איך עפען אַ מויל מיטצושרייען, נאָר דער רוח האָט מיך שוין געכאַפּט און טראָגט מיך ווייטער...

וואו בין איך?

דאַכט זיך, אין קאָוונאַ, אין דער שטאָדט פון ישיבה־בחורים, מוסר'ניקעס און אַנדערע זיבען זאַכען, אויף אַן אסיפה פון „ש ל ו ם ־ ציון“ און אפשר גאָר אין באַברויסק אויף אַן אסיפה פון „ש ע ר י צ י ו ן!“

פאַרזאַמעלט זענען הונדערטער, הונדערטער מענשען, און מענשען מיט'ן פולען מויל, אמת'ע אידען, מזרחי־אידען... אידען

מיט בייכער, אידען מיט גרויע און מיט ווייסע בערד, אידען מיט לאנגע ברעמען, בייזע פנים'ער — אפילו ר י י כ ע אידען!

— שא! שא! די תקנות!

און מען לייענט תקנות — —

היות, ווי מען וויל אונז היינט אפגעבען ארץ־ישראל, ערלויבען פראנק און פריי מקיים צו זיין אלע מצוות התלויות בארץ, עס זאל שוין אפילו זיין א בית־המקדש, שטעהן א מזבח, עס זאלען אפילו גרייט זיין קעלבער אויף קרבנות, זענען מ י ר נאך נישט פארטיג! וועט דער עולם נישט ווּיסען, ווי אזוי מען דערנעהנט א קרבן, וואס פאר א קרבן, ווען קומט א קרבן, ווען די כהנים דארפען געהן תרומה עסען, ווי אזוי מען איז זיך נוהג מיט א סוטה... עס וועט נישט זיין קיין מיראוואַ סודיאַ און קיין קאדעקס, און קיינער וועט נישט קאנען קיין דין־תורה פסק'נען... עס וועלען זיין פעלדער און וויינגערטנער און דעם דין פון שמיטה און יובל וועט מען נישט וויסען. על־כן האבען מיר מתקן געווען א חברה ש"ס, פאר בעלי־בתים, א חברה „חומש מיט רש"י" פאר'ן המון עם... היינט, שבת בראשית, איז געווען א התחלה, דער סיום וועט זיין אם ירצה השם, אויפ'ן הר הבית — — —

— אמן! אמן!

און איך וויל אויך מיין מויל עפענען און שרייען, זאל זיין „הידד", זאל זיין „אמן", נאר דער רוח האט אפנים קיין צייט נישט, ביי די האר שלעפט ער מיך, איבער טאל און בערג, איבער אפגעלעגענע וועגען —

שא: עס פויקט! שא, עס טראמייטערט! פון אונטער א בארג ווייזט זיך א פאן... מיט גאלדענע גרויסע אותיות: דגל מחנה יהודה! די פויק פויקט, דער טראמייטער טראמייטערט, און נאך דער פאן געהט א מחנה גבורים: מגן־דוד'ס אויף די ברוסט, נעז ביי די מיילער, — אונטער זייערע פיס ציטערט די ערד... אויף די שפיצען פון די פיקעס ציטערט דער בליץ — —

— וואוהין געהט איהר, גבורים? איינעמען ארץ־ישראל? עס פעהלט געלט צו קויפען?

— איינעמען די קהלות! — ענטפערען די גבורים און מארשירען ווייטער... און ווערען פארשוואונדען אין א גאלדענעם שטויב...

און איך בעט מיך ביים רוח, וואס טראגט מיך ארום: איך בין דיר מוחל די גבורים, וואס געהען איינגעמען די קהלות, די מתנות, מיט וועלכע מען וויל מיך באשיטען אין גלות, איך בין דיר מוחל די חברה ש״ם מיט דער קולטור צוזאמען, ווייז מיר די שטילע ארבייטער, די אמת׳ע שטילע מענשען, וואס האבען כח אויסצו־האלטען ביי דער גרויער שטילער ארבייט, וואס פויקען נישט, טרא־מייטערן נישט, האלטען קיין רעדען נישט, אמפערען זיך נישט אי־בער הארט־קלינגענדע איזמען — ווייז מיר די, וואס קלייבען געלט, וואס זאמלען די ארעמע גראשען פאר׳ן נאציאנאל־פאנד, פאר דער קאלאניאל־באנק, ציוניסטען, צי נישט ציוניסטען.

ער הערט מיך אבער נישט, און ווערט אפשר נאך בייז, און לאזט מיך אראפ אין א קאלטער, פייכטער ווינטער־נאכט, אין ער־געץ א גרויס־שטאדטישען מארק...

אינמיטען מארק האט עמיץ, אפנים פאר רחמנות, אנגעלעגט אביסעל האלץ און אונטערגעצונדען — —

און דער עולם פון די ארומיגע הייזער לויפט ארויס צום פייער זיך דערוואַרעמען —

טייל ברענגען זיך מיט קארטאפעל און בראטען, טייל קלאגען זיך, פארוואס דער, וואס גיט פייער, גיט קיין קארטאפעל נישט... אנדערע וואַרעמען זיך די הענט און לייענען קריאת־שמע, נאך אנ־דערע זאגען תהלים... אן אפגעריסענער משכיל לייענט בערנפעלד׳ס „דעת אלהים", א סטודענט לערענט זיך כעמיע, אנדערע שאקלען זיך גלאט... טייל דערצעהלען זיך מעשיות...

און דאס האלץ ברענט און וועט זיך אויסברענען...

און איינער רופט צום צווייטען: בערעל, ברענג אביסעל האלץ; שמערעל, ברענג אביסעל האלץ, יוסל — אביסעל האלץ...

נאר זעלטען עמיץ זאל ברענגען...

מען וואַרעמט זיך, מען דאווענט, מען לערענט, מען דערצעהלט מעשיות, מען בראט אפילו קארטאפעל, מען שאקעלט זיך גלאט אזוי, און האלץ וויל קיינער נישט ברענגען...

27.

11טען דעצעמבער, 1902

„און די פיערטע מכה פון מצרים — זאגט דער טייטש־חומש — איז געווען ערוב“. און דער טייטש־חומש פארטייטשט: ערוב איז א פארמישונג פון אלערליי קליינע און גרעסערע חיות און פון שקצים ורמשים, הן פון איבער דער ערד, הן פון אונטער דער ערד און אפילו פון ימים ומדבריות... אלע זענען געקומען קיין מצרים, און עס איז געגאנגען א טכויר מיט א מויל־ווארף, און א פוקס מיט א קיניגעל און א שטעכעדיג חזיר'ל מיט א גליטשיגער פראש וכדומה אלערליי פרעסער, בייסער און צו־פער און האבען זיך צולאזט אין גאנץ מצרים. און אז א מצרי האט זיך אפגעשטעלט אין גאס און געוואלט עפעס פארבייסען די נשמה צו דערכאפען, אדער עס איז דורכגעגאנגען א בעלפער מיט „פאדווארימעס“ פאר דעם מצרי'ס מיט דער מצרי'טעם קינדער אין חדר אריין, איז אונטערגעשפרונגען א חיה'לע און האט אויס־געריסען דאס עסענוואַרג פון די הענט, אפילו דעם ביסען פון מויל... אנדערע קלענערע חיה'לעך האבען זיך געהאלטען אין די לעבער און אין די שפאלטען פון די שטיבער, און אז זיי האבען דערפיהלט א ריח פון מאכלים, זענען זיי ארויס פון זייערע באהעלטענישען און געכאפט פון די טישען, פון די שיסלען און פון די טעפ... און גאר קליינע חיה'לעך האבען זיך ארונטערגעכאפט די מצריים אונ־טער די מלבושים און אפגעביסען פון זיי די הויט... און עס האט געהונגערט דער מצרי מיט דער מצרי'טע אין שטוב און אין גאס און די קליינע קינדער אין די חדרים, און די חיות מיט די חיה'לעך זענען אלץ פעטער און דיקער געווארען... און פון א ווערעמעל איז ארויסגעוואקסען א פוקס, פון א היישעריק א לייב...

דער רבינו בחיי שרייבט: אז דער נס פון ערוב איז געווען על פי דרך הטבע. אז עס איז געקומען די צייט אויסצולייזען ישראל, האט דער רבונו של עולם געשיקט א הונגער אויף די חיות אין די לעבער, אין די היילען, אין די וואסערען און אין די גע־

מויזעכצער, און דער הונגער האט זיי געטריבען פון זייערע ערטער צום ישוב צו, און די נייע מחנות האבען געטריבען די אלטע מחנות, פון דערפער אין שטעדטלעך, פון שטעדטלעך אין שטעדט, פון שטעדט אין גרעסערע שטעדט אריין ביז צו פרעה׳ס פאלאץ...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאס אלץ איז אמאל געווען!

היינט איז אפשר אויך שוין צייט אויסצולייזען ישראל, נאר די מכות פאלען נ י ש ט אויף מצרים...

און א הונגער איז, און טרייבט די חיות, די חיה׳לעך פון דער־פער אין שטעדטלעך, פון שטעדטלעך אין שטעדט, פון שטעדט אין גרעסערע ביז אין גאר גרויסע שטעדט אריין, און זיי זענען הונ־געריג און כאפען פון די הענט און פון די מיילער, און נישט דער מצרי הונגערט, נאר די „כ נ ס ת י ש ר א ל", היינט האט זי ערוב...

און דער היינטיגער ערוב פון כנסת ישראל איז ערגער פאר יענעם ערוב פון די מצרים... יענע חיה׳לעך האבען נאר געכאפט עסענווארג און נישט קיין מלבושים, ווייל די חיה׳לעך זענען גע־גאנגען נאקעט, און די היינטיגע חיות און חיה׳לעך טראגען ראז־צעמארענע קאפטאנעס מיט סטראקעס, זילבער־האריגע שטריימלעך און זיידענע זאקען... און די נקבות פון די חיה׳לעך טראגען סאז־מעטענע און זיידענע מלבושים מיט טייערע בראבאנטער־שפיצען, און היט פון יענער זייט גרענעץ מיט פעדערען פון פייגעל פון יע־נער זייט ים, און זילבערנע און גאלדענע פאנטעפאלעך, אחוץ אזוי תכשיטין... און ד י חיה׳לעך ווערען אויך פעט און דיק און וואק־סען אין דער לענג און אין דער ברייט, און מעהרען זיך, ווי פיש אין וואסער, און ווי די פרעש אין מצרים און ציהען אונז אפ די העמדער פון די לייבער און דערנאך ערשט רייסען זיי דעם ביסען פון מויל...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און די חוצפה פון די חיה׳לעך וואקסט פון טאג צו טאג, און דער אפעטיט זייערער פון שעה צו שעה.

און אז אן אלמנה פון ערגעץ אן עפוש לעבט אין דחקות פון

א ציג, הערט זי דעם גבאי'ס אן עצה, פארקויפט די ציג, קויפט זיך א צעטעל אויף דער לאָטעריע און די רעשט גיט זי אוועק דעם חיה'לע פאר א צוזאג — א זכה בגורל... געווינען, פארשטעהט זיך, געווינט ערגעץ אן אנגעגעסענער עושר, און זי מיט די קינדער שטרעקען אוים די צונג פאר א טראָפּען מילך...

און אז אן אָרעמער בעל־הבית לעבט צעהן יאהר מיט א ווייב און האט, נישט פאר אייך גערעכט, קיין קינדער נישט, און ער זאגט: „אהבתי את אשתי" און וויל מיך מיט איהר נישט גט'ען, גיט איהם עמיץ אן עצה טובה, און ער נעמט דאס הייזעל און פאר־שרייבט אויפ'ן הייליגען רבי'נס נאָמען פאר א בן־זכר... קיין בן־זכר, פארשטעהט זיך, באקומט ער נישט, נאר דער הייליגער רבי פארמאכט א י י ן אויג, דערנאך דאס צ ו ו י י ט ע, און זיין יורש טרייבט דעם אָרעמען בעל־הבית פון דירה אַרויס און וואלגערט זיך ארום מיט דער עקרה אין גאס...

און ווער עס טרינקט זיך, כאפּט זיך אָן ביי א שטרוי... און אז א קלוג און קארג געוואָרענער פריץ נעמט צו ביים איך די פאכט און גיט זי אוועק זיין אייגענער טאָכטער פאר נדן, פאָהרט דער איד מיט ווייב און קינד און צובראָכענע זיבען זאכען אין שטאָדט אריין... און איידער ער דינגט נאָך א דירה, די פוהר מיט די זאכען שטעהט נאָך אינמיטען מארק, דאס ווייב מיט די קינדער דרעהען זיך ארום דער פוהר אדער זיצען און קרעכצען — זוכט ער שוין פרנסה, לויפט ער אריין צום הייליגען רבי'ן, וואס האט זיך צו זיין מזל, נאָך אויף א טאָג פארהאלטען אין שטאָדט, און קויפט פאר'ן לעצטען גראשען א ברכה... די ברכה, פארשטעהט זיך, ווערט נישט מקוים, דער דאָרפס־איד האט זיך נישט צו וואס צו נעמען, פון גע־זונטען ווייב איז אין „עפּוש" געוואָרען א „לא עליכם", א „לא־יצלח", די קינדערלעך פאלען אויך גאנץ אָפּט אוועק... אָבער א גלאָז מילך פאר א קראנקען, א רעצעפּט צו ח"י גדולים פאר אן אנ־דער חיה'לע איז שוין נישטאָ!

און אז א יונגערמאן פון „עפּוש", צי נישט פון „עפּוש", האט זוכה געווען אראָפּצוגעהן פון קעסט מיט ווייב און קינדער און דעם נדן האט דער שווער צוגענומען, צי א שותף, צי דער פּריץ, צי ער איז אזוי געגאנגען לאבוד, און דאָ רופט מען: יעמוד! — זיי מוחל, שטעל זיך צום „פּריזיוו", און אצינד דינען קאן ער נישט,

טאָר ער נישט, וואו וועט זיך דאָס קליינוואַרג אהין טון? בעוואַ־רענט ער זיך טאָפּעל: קויפט ער ביים רופא זיך א פעהלער און ביים חיה'לע פאַר'ן לעצטען רובל א גרויסען לאָז... און ציהען ציהט דער שלימזל ארוים א קליינעם לאָז און דער פעהלער האָט דערוויי ל אויך נישט געהאָלפען — ער געהט, און ווייב־און־קינד געהען אוים פאַר הונגער...

און פון ערגעץ אין „עפּוש" ווערט א חיה'לע געטריבען און גע־טריבען, ביז עס קומט קיין ווארשוי, און שטעלט זיך אָפּ אין דער און אין דער גאַס. און ימים נוראים איז עס, דאָס הייסט: פאַר'ן „פּריזיוו", און דאָס חיה'לע באַנוצט זיך מיט דער צייט און שרייבט נח מיט זיבען גרייזען א מודעה, און צוּאוואַרפט זי אין אלע „אי־דישע" גאַסען און הויפען, באשר בכן ער איז א ספּעציאַליסט צו „פּריזיוועו", הויכע נומערען האָט ער... אויך, אז מען דאַרף, פאַרקלענערט ער די מאָס, און פאַרגרעסערט וואָס עס איז פאַר א „פעהלער"... און פּריזיוונִיקעס קומען פון אלע גאַסען, און גלויבט נישט דער „פּריזיוונִיק אליין", האָט ער, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, א טאַטען, וואָס גלויבט, א מאַמען, וואָס גלויבט. און מוהמעס עטליכע, וואָס גלויבען, און מען פאַרזעצט די קישען פון אונטער די קעפּ, די מלבושים פון לייב, און מען פאַרשולדיגט זיך, אויף גאַטס באַראָט, גמילות חסדים, און מען איז זיך משוה כמנין „פּטור", און מען שאַקעלט אוים פאַר'ן חיה'לע די קעשענעס, ווי צו תשליך, אז מען האָט נישט מעהר און מען גיט האַנט־געלט און א חרם־קווִיטעל אויף די רעשט...

און דערנאָך, אז דער „פּריזיוונִיק" געהט דינען, האָט מען איהם קיין לייבעל, קיין העמד נישט מיטצוגעבען...

און, אז עס מאַכען זיך שלעכטע צייטען אין „גרר", די פּרנסה פּאַלט, און סמאַלע טרייבען אין וואלד לאָזט מען נישט, קיישלע־פלעכטען קאָן מען נישט, און דער פויער האָט נישט מיט וואָס אין שטאָדט אריינצוקומען און פאַרוואָס עפּעס צו קויפען, און עס פּוילט דאָס לעצטע ביסעל סחורה אין געוועלב, און דאָס ביסעל גע־

בעקס שימעלט ביים בעקער... און דער איד פון גרר האט בטחון און ריהרט זיך נישט פון גרר, און האט אפילו אויף „הוצאות־הדרך" נישט, ער זאל זיך קאנען ריהרען פון גרר; קוקט ער מיט הוילע אויגען אויפ'ן טעלערל פון הימעל, און עס געהט די סדרה: „ויהי רעב בארץ" — ווערט קלייען־ברויט א מאכל, מיט קארטאפלעס־שאלעכטס צוגעביסען... און מען הונגערט, און מען קרענקט, און אן איבערגאנג פארשלעפט זיך, און „גרר" הויבט אן זוכען חטאים, תשובה־טון, האלב גרר לויפט אויף קבר־אבות שרייען, די צווייטע העלפט רייסט איין די שול מיט קולות, און דערהערען דערהערט א „חיה'לע" אין עפוש, עטליכע מייל פון גרר, און עס קומט צו־פאהרען...

און עס קומט צופאהרען, און עס שטעלט זיך אפ אין פאר־שטעדטעל, אין ערשטען הייזעל באלד. און דינגט דאס הייזעל אפ ביים פויער, און רייניגט עס מיט קרייטעכצער, און שלאגט מזוזות אן ביי די טירען, און קמיעות פאר די קוימען און לעגט הייליגע ספרים אויף די פענסטער און עפענט דערנאך א קליין לופטשיקעל אויף גרר און נעמט, און נעמט — ווי א בייז פערד נעמט ער... ער נעמט, און די מגפה נעמט!

און דער גראדזשיסקער רבי פאהרט נישט ארוים, ער איז א מושל בכפה אויפ'ן ארט, און וואלט געהאט א גן־עדן אין גראַ־דזשיסק, ווען נישט דער משולח פון לאמזשער ישיבה, וואס קומט פון צייט צו צייט צו פאהרען, האלט א דרשה און נעמט ביי א גראַ־דזשיסקער איד צו א דרייער, טאקע דעם דרייער, וואס דער רבונו של עולם האט איבערגעענטפערט דעם גראדזשיסקער צדיק, טאקע דעם דרייער, אויף וועלכען דער גראדזשיסקער צדיק רעכענט, און קאן זיך פון איהם באין אופן נישט מתיאש זיין...

און עס ווערט א מלחמה צווישען גראדזשיסקער צדיק און דעם משולח פון לאמזשער ישיבה... צווישען דעם גראדזשיסקער צדיק'ס „תורה" און לאמזשער משולח'ס דרשות, וועגען דעם האר־טען דרייער, וועגען דעם גראדזשיסקער אידס הארטען דרייער...

און עס האט זיך גערדאכט: דער גראדזשיסקער האט מנצח גע־ווען. חסידים האבען זיך אריינגעלעגט אין סאמע מיט, און מען

האט גע'אסר'ט דעם לאמזשער משולח'ס דרשות! און נישט פון הימעל האט מען גע'אסר'ט, נישט קיין בת־קול האט אויסגערופען א גזרה, נאר די „מעשענע קנעפ“, וואס האבען צו זאגען און צו שאפען!

דער כח פון דער לאמזשער ישיבה איז אבער גרויס, און נאר גרעסער דעם משולח'ס יצר־הרע צום גראדזשיסקער אידם דרייער. און א איד א למדן האט זיך אן עצה געגעבען, און איז אראפגע־קומען קיין גראדזשיסק, ווי אלעמאל, קיין דרשה זאגען וועט ער נישט, אבער תורה לערנען מעג ער? תורה פון חומש ארויס!

און שבת פרשת „איך זאל אזוי וויסען פון ביידע“, האט זיך דער משולח אנידערגעזעצט ביים גרויסען לומדים־טיש אין גרא־דזשיסקער בית־המדרש. און ארום טיש האבען זיך געזעצט די גרוי־סע בעלי־בתים, און דער משולח און די גרויסע בעלי־בתים האלטען אפענע חומשים פאר זיך, און ארום דעם עולם מיט די אפענע חומשים שטעהט א ראד קלענערע בעלי־בתים, און ארום די קלע־נערע גאר קליינע בעלי־בתים, דערנאך ערשט א ראד פון בעלי־מלאכות און אזוי אידען... און דער משולח הויבט אן א פסוק און פארטייטשט ע"פ פשט, און פרעגט א קשיא און פארענטפערט זי, און ווי פון אונטער דער ערד וואקסען ארויס אנדערע צוויי קשיות, דערנאך פיער, דערנאך אכט, און זיי פארוויקלען און פארקניפען זיך, און פארבינדען זיך און עס ווערט א דרשה, א קינסטליכע דרשה, ווי א שפינוועבס ארום א תורה'לע, און עס קנאקט, און עס רוישט, און דער עולם טראכט: עס איז זיסער, ווי האניג, און דער משולח טראכט: דעם גראדזשיסקער אידם הארטער דרייער איז מיין...

און עס האט זיך געדאכט, ער האט מנצח געווען, נאר נישט אזוי געשווינד איז מען א חיה'לע פון „ערוב“ מנצח...

דאס חיה'לע זעצט זיך צום טיש, און קיינער קומט נישט צו געהן! עס טראגען זיך די ריחות פון שבת'דיגע טיש־בשמים. — וואו זענען די נעז? עס וועט אריין א קוגעל — ווער וועט כאפען שירים? און ווער וועט שטעלען וויין? מיט וועמען וועט ער בענ־שען?

— וואס איז געשעהען? — פרעגט דער רבי זיין רוח־הקודש, דעם גבאי. און דער גבאי ענטפערט:

— דער משולח פון לאָמזשער ישיבה דרש'ענט!

און דער רבי זאָגט:

— געה און זאָג, וואו מען דאַרף!

און דער גבאי ענטפערט: ער שטעהט נישט אויף דער בימה און זאָגט נישט אויסעגנווענינ,ביים טיש זיצט ער און לערענט, און זאָגט פון דער סדרא...

ווערט דער רבי גרין! די הענט ציטערען, די אויגען פלאַמען.

— געה, — זאָגט ער מיט א הייזעריג קול פאר כעס — געה אין בית־המדרש אריין צום עולם און זאָג זיי מיט די דריי אותיות, אז איך היים נישט לערנען!

און דער גבאי איז געגאנגען און האָט געזאָגט, און דער עולם האָט זיך דערמאָנט, אז מען דאַרף, אז מען מוז מורא האָבען פאר א רבי'ן, און דער משולח האָט אפשר קיין פאַס נישט געהאט, און אויפגעהויבען האָט זיך דער משולח, צולאָפען זענען זיך די בעלי־בתים, דער גבאי האָט די חומשים פארמאכט...

מנצח געווען האָט סוף כל סוף דער רבי, דער ד ר י י ע ר איז ז י י ן!

28.

18טען דעצעמבער, 1902

אויב איהר מיינט, איך בין א בייזער בטבע, האט איהר א טעות.

אז עס טוט מיר וועה, שריי איך. אז עס כאפט מיך ביי דער לעבער, אז מען באלעגט מיר די נשמה מיט פּאקשיווע (צי „קראַ־פּעווע", ווי שלום־עליכם וויל), מאך איך קולות, און וועק אייך אמאל פון זיסען שלאף, און פארטרייב אייך די זיסע חלומות — אבער ווייטער, בין איך גאָר א גוטער מענש! א נשמה האב איך א גילדענע, מען וואלט זי געמעגט אין לאמבארד שאצען, און א הארץ האב איך א ווייכס און, ביי וואס עס איז, צוגעהט עס פאר רחמנות, ווי א פוטער!

און טאקע ביי וואס עס איז!

איך האב רחמנות אויפ'ן שעדליצער בעל־קריאה־בחור, וואס מען האט פאר ציוניזם אויסגעפּאטשט פאר'ן עולם אין בית־המדרש און אוועקגעטריבען פון ספר... און נישט דערפאר האב איך אויפ'ן רחמנות, וואס ער האט פעטש באקומען, — א פאטש אויף דער פראווינץ איז קיי און שפּיי — און אפילו נישט דערפאר, וואס דער פאטשער איז געווען איינער פון די, וואס לעבען פון „פעטער, שענקט א קערבעל", ווארים, וואס איז דער חילוק, ווער עס פאטשט? נאר דערפאר, וואס דער בחור האט א הויכע נשמה מיט הויכע אידעאלען און א קליינעם גוף מיט קורצע הענט! א יונגער־מאן, א בחור, א ציוניסט — און איז ארעמער פאר א קאץ, און האט קיין נאגעל נישט צום דראפּען פאר'ן ערגסטען הונט, און האט קיין צאן אין מויל צו בייסען, און קיין פינגער נישט אין א בארד אריינצושטעקען!...

און איך צוגעה פאר רחמנות אויף זיינע חברים, וואס האבען זיך שבת־צו־נאכטס באלד נאך הבדלה אנידערגעזעצט קלאג־ליעדער צו שרייבען און בעטען זיך ביי מיר, איך זאל זיין דער ווידער־קול פון זייערע קלאג־ליעדער... א רחמנות אויף יונגעלייט, וואס ווען

מען דארף העגט, האבען זיי פליגעל, ווען מען דארף בר־יונה׳ס, ווערען זיי קינה־זאגער... א רחמנות אויף די ווערמלעך, צי זיי לייכטען, צי זיי לייכטען נישט!

און איך האב רחמנות אפילו אויפ׳ן שעדליצער רב. „טשעפעט איהם נישט — שרייבט א שעדליצער וויינענדיג ווערמעל — ער איז אונזער א ציוניסט!" נאר אין ד ע ם ו ו א ס ע ר קען איך איהם, ליידער, נישט אפוואשען פון זיינע זינד! לאז ער בעסער נ י ש ט זיין קיין ציוניסט, קיין נאציאנאליסט אפילו נישט, נאר זאל ער פון צייט צו צייט ארויפגעהן אויף דער בימה און אויסטייטשען פאר׳ן עולם: לא־תרצח! זאל ער זאגען, אז רצח׳נען קאן מען, נישט דוקא מיט א מעסער, נישט דוקא מיט סם, אז צונעמען קאן מען די נשמה מיט א וויידשמייכלענדיגען ווערטעל: ר׳ קרוב, שענקט א קערבעל! זאל ער ארויסנעמען, ווען מען דארף, די ספר־תורה און דעם שופר פון ארון־קודש, און עפענען די תורה, און ווייזען, וואו „לא־תרצח" שטעהט, און בלאזען אויפ׳ן שופר, עס זאל ציטערען דער רוצח!

עס איז מיר א רחמנות אויפ׳ן שעדליצער רב... ער איז א למדן און ווייסט, אז „ווער עס קאן ווערען און וועהרט נישט", איז ערגער ווי דער, וואס זינדיגט מיט אייגענע הענט! איך ווייס, אז ער איז פרום, אמת פרום און ווייסט פאר וועמען א בשר־ודם, בפרט א רב, מוז אפגעבען דין וחשבון! און וואס וועט ער ענטפערען, אז מען וועט איהם פרעגען: שעדליצער רב, איהר האט געלאזט בלוט פארגיסען אין די גאסען, און געשוויגען! שפיכת דמים געזעהן און קיין ווארט נישט גערעדט! איהר האט געזעהן דעם גרעסטען חילול־השם און דאס מויל נישט געעפענט! איהר האט א בימה געהאט מוסר צו זאגען, הערצער צו דערוועקען, א פונק יהדות אין פארפעצטע הערצער אויפצובלאזען און איהר האט ג ע ׳ ד ר ש ׳ נ ט, און מיט גאוה אייער ח ר י פ ו ת באוויזען!

א ווילד רחמנות אויפ׳ן שעדליצער רב!

און אז איך דערמאן מיך אן נייעם רעגען פון די נייע צייטונגען, קריג איך רחמנות אויף די אידישע ליטעראטען! אין פלוג דאכט זיך, וועט זיי גוט זיין... די „בלעטער" וועלען די נאקעטע לייבער באדעקען; זיי וועלען מלבושים קריגען און אפשר מיט נאזטיכלעך אין די טאשען; זיי וועלען גאנצע שטיוועל באקומען, און

אפשר מיט קאלאשען אויף די שטיוועל. און א דאך איבער'ן קאפ וועט זיין, אוים נע־ונד אין די הייזער! און מען וועט זיך אהן „וויעטשערע" נישט לעגען. מען וועט יעדען טאג נאך אפשר א ווארעם מיטאג עסען; אפשר אנבייסען אויך! דאס אלץ איז אבער פאר'ן זינדיגען גוף, די נשמה אבער וועט ליידען! מען וועט זי אויף שטיקער צורייסען, אויף איינציגע פעדעם, שארפיע וועט מען פון איהר מאכען! מען וועט נישט ווארטען ביז זי וועט „אויסטראגען און וועהען באקומען און האבען", „זיבעטלעך" וועט מען פון איהר רייסען, מפיל־קינדער אפטרייבען מיט געוואלד, און די נשמות וועלען אין קורצען קראנקע עקרות בלייבען... די בוימלעך אהן ערלה־יאהרען וועלען אפדארען... און עס וועט קיין אויבס און קיין בלומען נישט זיין, און עס וועט קיין זאנג אויפ'ן פעלד זיך נישט שאקלען... און אז דער ווינטער וועט קומען אויפ'ן ארעמען הארץ און דער שניי וועט פאלען אויף אן אויסגעגעסענער נשמה און דער פראסט וועט דורכנעמען די גלידער — וועלען דאמאלט די טרערען אין די אויגען ברענען, ווי פייער, און עס וועט זיין א געקריצעריי מיט די ציין, ווי אין גהינום!

א רחמנות!

און אז דער ווינטער איז דאס יאהר אזוי פריה און אזוי פלוצלונג געקומען און דער ווייסער שניי ליגט אין די גאסען, און דער פראסט מאלט זיין „סעצעסיע" אויף די פענסטער, קריג איך אויך רחמנות... און רחמנות קריג איך אויף די דראשקארסקע פערד, מיט ווייסע בערד און וואנסען, וואס ציטערען מיט די קרענגעס פאר קעלט, און קאנען נישט אויפהויבען די פארערשטע פים, ווי זייערע בעלי־בתים די הענט, און קלאפען און דערווארעמען זיך, און — אויף די בעלי־צדקה, וואס פארזארגען יאהר ביי יאהר ארעמע לייט מיט האלץ צי קוילען, און האבען זיך דאס מאל פארשפעטיגט און קיין געלט נישט צוזאמענגענומען צו דער צייט, און קאנען גאנצע נעכט אין די ווארעמע שטיבער אונטער פוכענע איבערבעטען נישט צומאכען קיין אויג, וויסענדיג, אז זייער ב ר ו ד ע ר, דער אביון, פרירט, אז זייער ש ו ו ע ס ט ע ר די אלמנה, ציטערט פאר קעלט; אז די אל פאלט ארוים פון ארעמען שוסטערס און די שער פון ארעמען שניידערס און די נאדעל פון דער ארעמער נייטארינס פארשטארטער געשוואלענער האנט! — אז די קליינע קינדער

שווייגען און רופען אפילו קיין עסען נישט; זיי האבען מורא די מיילער צו עפענען, און דעם פראסט אין ליבּ אריינצולאזען! און זיי ליגען, די בעלי־צדקה, ביינאכט און קלערען, וואס וועט זיין אין דער שרעקליכער שעה, ווען די נאקעט־אויסגעטאנענע נשמה, אהן פעלצען און איבערבעטען, וועט ארויפפליהען און ארויפקומען אין דער הויך, אפצוגעבען דין־וחשבון פאר׳ן ריכטער פון דער גאנצער וועלט, און מען וועט זי פרעגען: וואס האסט דו געטאן, ווען דער פראסט מיט׳ן ווינט האבען ארומגעהוליעט אין דיין ברודערס דירה, אין דיין שוועסטערס סוטערינא, און פארקאוועט זיי די פענסטער, מיט די לייבער, מיט די נשמות?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און נישט נאר אויף בעלי־צדקה, אפילו אזוי אויף בעלי־בתים האב איך אויך רחמנות:

עס איז א שלעכטע צייט אפילו פאר בעלי־בתים!

ווי ב ל י י ע ר ן א בעל־בתי׳שע נשמה זאל נישט זיין, ווי אסעקורירט א בעל־בתי׳שער מוח זאל נישט זיין פאר א בראנד פון א נייער אידעע, — איז דאך לא־ימלט, עס זאל זיך איהם א פונק יהדות נישט אריינכאפּען, א בליץ זאל זיך נישט אמאל אריינ־רייסען אין א בעל־הבתי׳שען קלייען־זאק... א בעל־בית זאל זיך, היינטיגען צייטען — ניט אמאל, כאטש איינמאל אין יאהר אפּ־שטעלען און זיך אליין א פרעג טון: וואס? נאך וואס?

נאך וואס האט ער קינדער געהאט, וואס דאנקען איהם נישט פאר׳ן לעבען, וואס ער האט זיי געשענקט? נאך וואס האט ער זיי ערצויגען, אז זיי זענען זיך צולאפען אויף אלערליי וועגען, נאר אויף זיין וועג קיין טריט נישט געמאכט? נאך וואס האט ער דא אן ארט פארנומען, אז אויף זיין ארט האבען הונדערטער בעסערע און עהרליכערע פאר איהם געווארט? און מיט וואס זאל ער זיך טרייסטען? מיט׳ן ביסעל מצוות און מעשים־טובים? צי פאלט איהם קיינמאל נישט איין, אז עס איז גאנץ מעגליך, אז ער האט פאלשע מטבעות געזאמעלט, אפגעליישטע זינד פאר מצוות גע־האלטען און זיי וועלען איהם נישט אויסלייזען, נישט אויסקויפען אין טאג, צי אין דער נאכט, ווען עס וועט קומען צו דין־וחשבון?

א רחמנות אויף בעלי־בתים אויך, בפרט אויף וואַרשעווער

בעלי־בתים פאר די וויבארעז אויף נייע דאזארעס, נאר זאל דאס שוין זיין א ו נ ט ע ר ׳ ן שטראך; לאזט אפּאטעמעז...

— —

ווארשעווער „וויבארעז“ זענעז הייסע „וויבארעז“... עס נעמט צו דאס לעבעז ביי א בעל־בית... ער מוז אפּגעבעז דין־וחשבון און דאס איז שווער פאר א בעל־בית, וועז ער מוז אפילו טוז פאר זיך אליין! און בכלל „אויסקלייבעז“ איז היינטיגע צייטעז נישט אזוי לייכט! און דאך איז עס אמאל אזוי קלאר, אזוי איינפאך געווע־זעז! אפילו אין דעם פאך האט אויך א פארצייטישער בעל־הבית מנוחה געהאט! אויסצוקלייבעז א „דאזארצע“ (פון פוילעז רעד איך) איז געוועז א האר פון דער מילך ארויסצוציהעז!

וועמעז קלייבט מעז? דעם ערגסטעז!

ווארים — ווער דארף דעם ראש־הקהל?

א רב איז פאראן שאלות צו פסק׳נעז; די ישיבה פיהרט אויך דער רב, תלמוד־תורה פארזארגט ער אויך. אין חברה ש״ס זיצט ער אויבעז־אן און לערענט... בעלי־בתים זענעז פאראן, האבעז זיי בריה׳שע ווייבער אין די קלייטעז, אין די שענק און אין איינפאהר־און גאסט־הייזער! און זיי, די מענער, האבעז צייט צו קהל־זאכעז— צו מצוות און מעשים־טובים! זיי פיהרעז די שולעז און די בתי־מדרשים, זיי זענעז די גבאים אין דער חברה־קדישא, האלטעז אויף דעם הייליגעז ארט, מיט׳ן באד, מיט דער מקוה, מיט׳ן הקדש, מיט׳ן הכנסת־אורחים־הויז — אלץ, אלץ און צוטיילעז זיך מיט אלע קהל׳שע ארבייטעז און קהל׳שע כבודים... און ער אליין נעמט אויך א חלק!

א ראש־הקהל האט מעז באדארפט פאר זיי, פאר די „פריצים“. וואס האבעז צו שאפעז!... ביי וועלכע מעז איז אין גלות!

די פריצים האבעז פון איינצעלנע אידעז נישט געוואלט ווי־סעז, נאר קהלות! אלע שטייערעז, אפּצאהלעז און אפּגאבעז האט מעז מיט אמאל אויף קהל געלעגט, א סומע, ווי אויף איין מענש... און צווישעז זיך האט מעז ערשט די סומע אויף קעפּ צוטיילט!

גרויסע העכט, נאטירליך, האבעז זיך אין דער נעץ פון שטייער נ י ש ט געלאזט פאנגעז, די תקיפים האט דער שטריק נישט געווארגעז; די פרעס, בלוט אויסצוזויגעז, האט מעז צוגעלעגט צום

שוואכען, צום ארעמען! און צו דעם האט מען דעם ראש־הקהל באַ־דארפט!

ראש־הקהל האט געמוזט זיין דער, וואס האט געקאנט ארומ־געהן מיט די שמשים פון איין ארעם הויז צום צווייטען, און אויפ־מאַנען, און אויסדריקען, און אויספרעסען דעם שטייער! דער, וואס האט געקאנט הארץ האבען אוועקצונעמען די בענש־לייכטער ביים אפגעקומענעם בעל־הבית, צוצונעמען די לעצטע ציג ביי דער אלמנה, אראפציהען דאס מלבוש פון דער עגונה'ס לייב, אפיר־נעמען דאס קישען פון אונטער א קראנקענס קאפ, פאנטירען די כלים צו דער ארבייט ביים בעל־מלאכה און אלץ ארויספיהרען אין מארק אריין און פארקויפען!

א ראש־הקהל האט געמוזט טראגען מעהר ברענענדיגע קללות אויפ'ן קאפ, ווי האר א־ין באָרד און פאות! און איינזאפען אין דער נשמה, מעהר זידענדיגע טרערען, ווי טראפען וואסער אין שטאדט־ברונען! און האבען ווענינער געוויסען, פאר דער ערגסטער חיה־רעה אין וואלד!... ראש־הקהל איז ביי אונז „רחמנים בני רחמנים" געוועזן דער, וואס וואלט ביי ז י י שינדער, קוילער צי הונט־שלענער געווען!

דערנאך האט דער ראש־הקהל באקומען נאך א בריליאנט צו דער קרוין אויפ'ן קאפ! נאך איין קהל'שען עסק האט ער געהאט צו פארזארגען — אפגעבען זעלנער פאר דער קהלה.

שטייער נעמט מען פראנק און פריי בייטאג; זעלנער־נעמען איז געפעהרליכער, דאס מוז מען שוין טון שטילערהייט אין שטילע נעכט... ווי די וועלף אין א הונגעריגער ווינטער־נאכט, שלייכט זיך דער ראש־הקהל צו די שטילע הייזלעך אין די שטילע הינטער־געס־לעך, און נאך איהם געהען שמשים און פאליציי... ער קומט צו צו א פארשלאפענעם הייזעל און קלאפט אן... מען עפענט און פון אונ־טער'ן ראש־הקהל'ס קאפטאן באווייזט זיך א לאמטערענדעל...

און וואו דער ראש־הקהל האט אנגעקלאפט, ווערט מען זיך שוין יאהרען־לאנג אין די קעפ ארייינקלאפען... וואו זיין לאמטערענדעל האט א שיין געווארפען, וועלען שוין זיין פינסטערע יאהרען און פינסטערע טעג, וואו זיין קול האט זיך געהערט, וועט מען שוין וויינען און קלאגען יאהרען לאנג, דאס לעבען לאנג...

ווער קאן זיין ראש־הקהל? דער, וואס קאן אויסרייסען א קינד

פון דער מוטערס שוים און פארקאוועט און פארשיקעט אויף די גרויסע פרעסט, צו דער ברענענדיגער רוט, צום טרפה׳נעם טעפעל, צו דער שמד...

אבער ו ו ע מ ע ן צו קלייבען האט מען געוואוסט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די מויערען פון גהעטא—גארדוי—קינדער, וויינט! — די „קונא“ — די אידישע תפיסה פאלט אדער בלייבט שטעהן לער... דער ראש־הקהל פארלירט די ברענענדיגע דערנער־קרוין פון קאפ: שטייער צאהלט יעדער באזונדער, צום מיליטער שטעלט מען זיך צו דער צייט, און מען געהט על־פי גורל... פון דער בייטש אין דער פרעמדער האנט איז קוים א ריטעל געבליבען, קינדער צו שרעקען...

מען דארף שוין קיין אכזר נישט, קיין מערדער נישט. דער ראש־הקהל מעג האבען א לייט הארץ און גאט אין הארץ, א פונק יהדות איז שוין נישט קיין געפאהר! ער וועט שוין קיין זעלנער נישט כאפען, קיין שטייער נישט אויספרעסען, עס געהט נאר וועגען „עטאט“, וועגען א קליינע סומע אויף שטאדט־זאכען, אויף א י ד י ש ע ק ה ל־זאכען!

אבער א בזוי מוז ער זיין!

דער בורמישטש מוז האבען וועמען אנצוכאפען, ווי א צאפ, ביי דער בארד, און אויסקערען מיט איהם דאס מאגיסטראט, צי דעם מארק... דער שרייבער, נאך א ביטערען טראפען, מוז האבען וועמען „ליכטלעך אונטער די אויגען“ צו שטעלען... דער פאליציי, וואס איז, על־פי־רוב, אינאיינוועגס דער שבת־גוי, האט אין דער וואכען חשק צו אידישע פאות!... און די בורמישטשאווע דארף א איד ביי דער האנט אויף שליחות, און די דינסט איהרע דארף אויך אמאל א „משולח“ אויף א גאנג — און דאס אלץ (ווענינסטענס אויף דער פראווינץ) מוז דער ראש־הקהל פארזארגען!...

און דער בעל־הבית ווייסט ווייטער וועמען צו קלייבען! —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צייטען בייטען זיך...

דער אדון פון מאגיסטראט איז אנדערש, מענשליכער געווארען... דאס הארץ האט זיך איהם אפשר נישט שטארק איבערגע־

קערט, נאר גענאַשט פון „אייראָפּא" האָט ער שוין... דאָס התנהגות איז אנדערש. „פּאַניע מאָשקו!" הייסט עס שוין, ער בעט אַמאָל אפילו זיצען, דערלאַנגט אַמאָל די יד... אַ ראש־הקהל ווערט אַ שטיקעל מענש, אַ שטיקעל קרוב־למלכות, קאָן אַמאָל אַ אידען אפילו אַ טובה טון, אַפּבעטען... עפּעס פאַרשמירען!

קיין בזוי קאָן ער שוין נישט זיין, נאר—שרייבען קאָנען, חתמ'נען זיך קאָנען דאָס טאָר ער בשום אופן נישט!

גאָט ווייסט, וואָס ער וועט אונטערשרייבען, וואָס פאַר אַ חשבונות, וואָס פאַר אַ התחייבות... צו דעם מוז זיין אַן אסיפה פון בעלי־בתים!

צייטען אבער בייטען זיך און דער ראש־הקהל וואַקסט, בשעת ווען אַלץ ארום איהם פאַלט...

דער רב איז געפאַלען... די ישיבות פאַרמאַכט, די בתי־מדרשים לער... ער ווערט אַ מענש: ער לערענט זיך אביסעל צורת־מטבע, אביסעל רוסיש, שרייבט קוויטלעך פאַר נולדים ונפטרים, לויפט אויף אַלע ברית'ן און חתונות, לויפט ארום אַפּנעמען שבועות, אַ רובל פאַר אַ שבועה (פון וואַרשוי רעד איך) און לעגט מעהר געוויכט אויף געהאַלט און רח"ש און ביי־זאַכען, ווי אויף תורה און יראת־שמים... העפּסטענס האָט ער די „יאַטקע" אין זין... דער גלאַנץ פון שטריימעל געהט איבער צום ראש־הקהל'ס קאַפּעליוש... די אַלטע בכבוד'ע בעלי־בתים, די למדנים, די חברה־ש"ס'ניקעס, די חברה־קדישא־מעט־טרינקער, די עליות־פרעסער שטאַרבען אויס, און אַלע חברות, און אַלע קהל'שע אנשטאַלטען פאַלען דעם ראש־הקהל אין דער האַנט אריין — ארום און ארום פאַרנומענע מענשען: באַנקירען, פאַדריאַטשיקעס, פאַבריקאַנטען, גרויס־הענדלער, דאָקטוירים, אינזשענירען, יוריסטען... אַ דאגה!... יעדערער האָט זיינס אין זין — און דער ראש־הקהל מוז אַלע פאַרזאָרגען! עס ווערט אַ כבוד, אַ ממשלה, טיילמאָל אַ פעטער ביסען...

און אַז עס קומט פאַר אַ קלפי, בין איך דעם שטרוי־זאַק, דעם בייכיגען בעל־הבית נישט מקנא! האָב איך אויף'ן רחמנות, ער מוז קלערען, ער מוז, נעבעך, זיך מישב זיין, עפּעס אין זין האָבען... און טיילמאָל מוז ער זיך נאָך אונטערצינדען, אויפפלאַמען... און עס איז נאָר זיין טבע נישט, זיין שטייגער נישט... גאָט ווייסט,

וויפיעל נעכט ער וועט דערנאָך נישט שלאָפען, וואָס דער דאָקטאָר וועט איהם נישט פאַרשרייבען, וואוהין ער וועט איהם נישט שי־קען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַמאָל אבער טרעפט און א בעל־הבית האָט א מערכה! ביי מיינעם א באקאנטען האָט עס געטראָפען!

ער האָט א ווילדע מערכה געהאט!

איז'ן איז ער, בטבע, א קראנקער; אויף די נירען ליידט ער. דענערווירען זיך איז פאר איהם סם. און פון נאטור איז ער א שווערער מענש. א געדאנק צום מח קריכט ביי איהם וואָכען־לאנג, ווי א פויל־טיר אויף א בוים ארויף!... און דאָ איז פאר דער קלפי. און מענשען קומען און רייסען פון איהם די הויט!...

און וואָס זאָל ער, נעבעך, טון? דעם באנקיר דעם און דעם קאָן ער נישט אָפּזאָגען; דער באַנקיר איז א גאַנצער מאַכער אין דער באנק און קאָן איהם שטערען דעם קרעדיט. און דעם באנקירס געגען־צד איז א מלוה און האָט זיינע וועקסעלעך!... און דער זוהן זיינער ארבייט ביי א פּאָדריאטשיק אין קאנטאָר, וויל ד ע ר ביי איהם דאָס קוויטעל! און דערווייל קומט גאָר א חסיד'ישער לייטישער מענש און שרייט געוואלד: מען מוז אויסקלייבען א פרומען איד! עס איז קיין השגחה אויף די יאטקעס און — אויף תלמוד־תורה! א שפּאס — טרפה־פלייש צי דקדוק! לאָז אריין די דייטשען, אפילו די ציוניסטען, איז מען מיט'ן לעבען נישט זיכער! און מיין בעל־הבית איז באמת פרום! דער קרעדיט אין באנק דערהאלט איהם ביים לעבען, די וועקסלעך קאָנען איהם דערשטיקען. נאָר א פרום־אידישע נשמה האָט ער אויך! ווי פארקויפט מען עס די נשמה? א שפּאס דקדוק, נישט גלאט־כשר־פלייש! און נאָכ'ן חסיד פאלט אריין טאקע א ציוניסט, און מיין בעל־הבית האָט א נאָהנטען קרוב, א מזרח'ישען רב... און דער רב האָט איהם א בריף געשריבען: היות, מען מוז איינעמען די קהלות! ער שרייבט: א מצוה! און קוים געהט דער אַרויס, קומט אריין א דייטש מיט וואָנסעלעך און שרעקט איהם איבער צום טויט! קלייבט מען, חס־ושלום, אוים א ציוניסט, איז סכנות־נפשות! שוויענטאָכאָווסקי שטעהט און שאַרפט א מעסער און געהט אידען שחט'ן! בלוט וועט רינען אין די גאסען!

און דער זיבעטער שוויים באדעקט מיין שטרוי־זאק, טייז באקאנטען בעל־הבית! ער ציטערט אויפ'ן גאנצען לייב, ווי א דראשקארסקי פערד אויפ'ן פראסט! און סאפעט, ווי א בעל־צדקה, וואס האט זיך מיט די קוילען פאר ארעמע לייט פארשפעטיגט! און דער קאפ, דער ארעמער, הויבט אן ארבייטען, ווי א ליטעראט פאר פיער און צוואנציג נייע בלעטער! איינער וואלט געפלאצט, ווען נישט די מ ע ר כ ה!

א מערכה, וואס ער האט זיך אן עפ־ים דערמאנט... און פלוצים, קוים האט ער זיך דערמאנט, איז ער אונטערגעשפרונגען פאר פרייד, און א טענצעל געכאפט איבער דער שטוב: פטור, פטור, פטור!

און דערמאנט האט ער זיך ערשט, אז ער האט שוין א יאהר זעקס קיין עטאט נישט געצאהלט, אז ער קלייבט גארנישט, אז ער וועט גאר קיין קוויטעל נישט באקומען... אומזיסטע שרעק געוועז!

ראש חודש

1.

מאי, 1902.

מז־הסתם ווייסט איהר שוין פון טאג־ און וואכען־בלעטער פון דעם נייעם געזעץ, וואס רומעניען האט ארויסגעגעבען צו דערשטיקען דאס לעצטע ביסעל אידישע לעבען, וואס פאכעט קוים אין דעם בלוטיגען לאנד, אין נייעם הישפאניען, וואס איז קליגער פאר'ן אלטען און ברענט אהן פייער, אהן האלץ און אהן אינקוויזיטארישע צערעמאניען.

דאס געזעץ איז גאנץ איינפאך: „פרעמדע, — זאגט דאס געזעץ — טארען זיך אין רומעניען ניט באשעפטיגען מיט קיין שום מלאכה, כל זמן זיי וועלען נישט באווייזען, אז אין זייער היים, אין זייער לאנד, הייסט עס, האט דער רומענער דאס פרייע רעכט צו זיין א בעל־מלאכה".

דאכט זיך, גאנץ עהרליך. צווישען פעלקער און מדינות איז פון אייביג אן דאס רעכט: „שמור לי ואשמור לך" — „ווי דו פיהרסט דיך מיט מיינע מענשען, וועל איך מיך פיהרען מיט ד י י נ ע". איז אבער דא אין דעם געזעץ א פיין שפיצעל, א שארף שפיצעל, וואס טרעפט גלייך דעם איד אין האלז אריין!

אלע רומענישע אידען, אויסער א גאנץ קליינעם פראצענט, הייסען, לויט דעם רומענישען געזעץ: פ ר ע מ ד ע!

עס מאכט נישט אויס, וואס אידען זענען פריהער אין לאנד אריינגעקומען, ווי די רומענער, עס מאכט נישט אויס, אז זיי דינען אין מיליטער, פארגיסען זייער בלוט פאר רומעניען, צאהלען שטייער און, ווי געוועהנליך, א דאנק דער עהרליכקייט פון די באאמטען, פיעל מעהר ווי די רומענער, און מוזען דערביי אויף אייגענע קאסטען אויסהאלטען אלע אידישע אינסטיטוציאנען פאר צדקה און רעליגיאן, פון וועלכע די רומענישע רעגירונג, וואס פארזארגט

דערמיט אלע אנדערע רעליגיאנען, ווייל נישט וויסען, עס מאכט נישט אויס, וואס כמעט יעדער רומענישער איד האט אין דער רו־מענישער ערד קברים פון זיידעס און עלטער־זיידעס — לויט'ן געזעץ זענען זיי פרעמדע!

און אלס פרעמדע קאנען זיי זיך נישט באשעפטיגען מיט דער מלאכה, כל זמן זיי וועלען נישט פארשטעלען דער פאליציי קיין באוויז, אז אין זייער לאנד, ביי זיי אין דער היים, האט דער רומענער דאס רעכט א בעל־מלאכה צו זיין!

און אזוי ווי די אידישע רומענער האבען נישט קיין היים, קיין אייגען לאנד, וואו דער רומענער זאל קאנען זיין א בעל־מלאכה, על כן — שטארבט אידען פאר הונגער!...

אזוי האט פארשטאנען דאס געזעץ גאנץ אייראפא, און אלע אייראפעאישע בלעטער (אויסער עטליכע אנטיסעמיטישע) זענען ארויסגעטראטען מיט א שארפער קריטיק געגען דעם בארבארישען געזעץ; אזוי האט פארשטאנען דאס געזעץ גאנץ רומעניען, און בפרט די רומענישע בעל־מלאכה'ס, וואס האבען געמאכט אסיפות מיט ששון ושמחה און אויסגערופען, אז זיי וועלען מיט אייגענעם כח נויטען די אידען, זיי זאלען זיך אונטערגעבען דעם נייעם גע־זעץ, און די פאליציי, זי זאל שטרענג דערויף אכטונג געבען! אזוי האבען פארשטאנען דאס געזעץ אלע רומענישע אידען, וואס האבען זיך געפיהלט, ווי די אידען פאר פורים אין מרדכי ואסתר'ס צייטען, און בפרט די אידישע בעל־מלאכה'ס, וואס האבען זיך פארזאמעלט און ארויסגעגעבען א שטארקען, מיט בלוט פון הארץ געשריבענעם, פראטעסט און אן אויפרוף דאס לאנד צו פארלא־זען! פריהער פאר אלע האבען נישט אנדערש פארשטאנען דאס אכזר'שע געזעץ דער מיניסטער, וואס האט עס פארגעלעגט, און דער פארלאמענט, וואס האט עס אנגענומען.

און פונדעסטוועגען, זאגט היינט דער מיניסטער, אז ער האט עס אנדערש געמיינט!

רומעניען דארף געלט בארגען, מען דארף אנקומען צו אידיש־אייראפעאישען קאפיטאל אויך, און וואס מען וועט אויף אונזערע קאפיטאליסטען נישט זאגען, אזוי אומפארשעמט זענען זיי נישט. זיי זאלען אונטערשטיצען דאס לאנד אין דער צייט, ווען אידיש בלוט רינט אין זיינע גאסען...

אפשר שפעטער מיט דער צייט, אז מען וועט דערמיט גע־וועהנט ווערען! ווענינסטענס, ווען די אייראפעאישע צייטונגען וועלען אויפהערען דערפון צו שרייבען...

און דעריבער, אז מען דארף צום איד און דער איד קרימט זיך, מאכט דער מיניסטער מיט'ן קעניג קארל א נייעם פירוש צום דין!

אידען, הייסט עס, וואס האבען נישט זייער לאנד, וואס האבען נישט זייער היים, פון וואנען זיי זאלען קאנען ברייננען א באווייז, אז די רומענער האבען דארט דאס רעכט צו זיין בעלי־מלאכות, זענען נישט מחויב דעם באווייז צו ברענגען.

און מען האט גערופען דעם בוקארעשטער רב און געזאגט איהם, נאך עטליכע קאמפלימענטען, דעם נייעם פירוש, אויך האט מען דעם פירוש מודיע געוועזען אין די אייראפעאישע בלעטער. אלע אבער ווייסען, אז דער פירוש וועט נישט פארגעשטעלט ווערען דעם פארלאמענט צו באשטעטיגען, אז דער פארלאמענט וואלט עס נישט באשטעטיגט, אז דאס גאנצע רומענישע פאלק, וואס האט ווענינער גערעכטע, ווי סדום, נאר א בעסערען מזל פון סדום, גלויבט נישט דעם פירוש, און, אז באלד נאך דער הלואה, וועט די רעגירונג מיט'ן מיניסטער אנדערש טייטשען, העכסטענס וועט מען צו דעם צוועק מאכען אן אנדער מיניסטער...

דער פארלאמענט, דאס רומענישע פאלק, בפרט די רומענישע בעל־מלאכה'ס מעגען בלייבען די אייגענע...

אין ווינער „אליאנס איזראעליט" איז געוועזען אן אסיפה, און אויף דער אסיפה היט מען זיך אסך געשפארט וועגען ציוניזם (עס איז געקומען דר. הערצל מיט אסך מיטגליעדער ציוניסטען) און אביסעל גערעדט וועגען רומענישע אידען. אביסעל און דערצו נאך — פארשטעלט, עס טוט זיך עפעס, נאר בסוד...

צי עס וועט גראטען, ווער ווייסט?

דערווייל מוזען רומענישע אידען עמיגרירען... אויף אליאנסען זיך איננאנצען פארלאזען קאן מען נישט! קיין גוטער ווילען, קיין

הייסער ווילען אפילו, צו טון פעהלט נישט; נאר כח פעהלט — די איינציגע אידישע כלי־זיין!

נאר עמיגרירען טארען זיי נישט אפען.

עס זאל קיין שלעכטען איינדרוק נישט מאכען אויף אייראפא, דאס הייסט אויף די אייראפעאישע קאפיטאלען, האט די רומעּנישע פאליציי פארווערט די רומענישע אידען זיך צו פארזאמלען, אסיפות צו מאכען און אפצוקלערען, ווי אזוי און וואוהין צו עמיגרירען...

צו דעם איינענטליך דארף מען קיין גרויסע אסיפות נישט...

ווי אזוי צו עמיגרירען?

צו־פוס; עס איז אויף קיין באהן־געלט נישט דא...

מיט וואס?

מיט דער אויסגעמאטערטער נשמה; עס איז נישטא, וואס פון רומעניען ארויסצופיהרען, אויסער דער קראנקער, פאר׳סמ׳טער נשמה...

וואוהין?

וואו דער שווארצער פעפער וואקסט...

ענגלאנד פארשליסט זיך פאר פרעמדע, אין רעשט אייראפא איז נישט דא וואו א שפילקע ארייגצוּוּוארפען... אמעריקא, דאס אמאל יונג געוועזענע, פרייע, אפענע אמעריקא, האט שוין לאנג אנגעהויבען אין א פאליטיש ענגען גארסעט זיך צו שנירען!

קאנאדא דארף אויך קיין אידען נישט!

איין טראנסוואל, די לעצטע האפנונג; איז אבער מלחמה אין טראנסוואל! און ווי עס זעהט אוים, יועט זיך די מלחמה נאך נישט אזוי גיך אויסלאזען.

אין אנדערע לענדער, אויסער רומעניען, וועלען מיר אויך קיין נחת נישט שעפען...

נחת פון דייטשלאנד: עס פאלען דארט אפ אלע אנטיסעמיטישע בלעטער, ווייל מען דארף זיי שוין נישט; כמעט די גאנצע פרעסע איז אנטיסעמיטיש... נאך א פרייד: מען זעצט ארײן איין אנטיסעמיט נאכ׳ן צווייטען, אנטיסעמיטען באנקראטירען און נעמען זיך צו אלעם בייז — ווייל דער אנטיסעמיט האט אויפגע־

הערט א געשעפט צו זיין; אוים מאַנאַפּאָל — אַ ל ע האָבען פיינד אַ איד! דער מאַאר האָט זיינם געטאַן, זאָל ער געהן צו אַלדע שווארצע יאָהר!

פון פראנקרייך הערט מען באמת ישועות ונחמות...

עס זענען וואהלען געוועזען. די גרויסע פראַנצויזישע קלפּי איז אַריבער! און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז די ליבעראלע, האלב־ראדיקאלע און אַ קליין ביסעל סאציאלע רעגירונג האָט גובר געוועזען, ממש געזיגט; אסך אנטיסעמיטען זענען אפּגעפאלען, דריומאן אליין, דער גרעסטער אנטיסעמיטישער העלד, האָט זיך נישט דערהאַלטען! מען האָט אויסגעקליבען אין פאַרלאַמענט אריין אפילו דרייפוס־מענשען, אויף וועלכע מען פלעגט שפּייען אין די גאַסען.. אין אַלזשיר אפילו זענען די אנטיסעמיטען געפאלען!

ליידער איז עס „אליה־וקוץ־בה“, אין פריער איבערזעצונג איז עס: אַ רויז מיט אַ שטעכענדיגען דאָרן!

געזיגט האָט די פּ ר י י ה י י ט אין דער פּ ר אָ ו ו י נ ץ; ד ע ר פ י נ ס ט ע ר ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם מיט'ן אַ נ־ ט י ס ע מ י ט י ז ם א ו נ ט ע ר ג ע ש ל אָ ג ע ן — א י ן פּ אַ ר י ז!

און ווייסט איהר, וואָס פּאַריז איז פאר דער פראַנצויזישער פּראָווינץ? דאָס זעלבע, וואָס דאָס אמאָליגע רייכע, שטאָלצע און שטאַרקע פראַנקרייך, פון פאר'ן אומגליקליכען פראנצויזיש־דייטשען קריג, איז געוועזען פאר גאַנץ אייראָפּאַ! — אַ פאַבריק פון נייע מאָדען, פון נייע געדאַנקען, פון פּאָליטישע אידעען! —

וואָס עס געהט היינט אויף אין פּאַריז, וועט מאָרגען וואַקסען און צוואַוואַקסען זיך אין גאַנצען פראַנקרייך! און אין פּאַריז איז אויפגעגאַנגען — אַ בלוטיגע זון... דער פיינסטער נאַציאָנאַליסטישער אַנטיסעמיטיזם!

אפשר וועט איהר אייך טרייסטען דערמיט, וואָס אין דער ענגלישער קאָמיסיע, וואָס מען האָט אויסגעקליבען אויסצוקלערען תקנות, ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון נייע עמיגראַנטען, איז אריין איין איד אויך, דער לאָרד ראָטשילד?

און אפשר דערמיט, וואָס אין איטאַליען, לויט מען טעלעגראַפירט צו אַלע צייטונגען, וועט זיין אַ קריגס־מיניסטער אַ איד?

אַ מאָראַלישע טרייסט איז עס...

ענגלאנד מיינט א ל ע פ ר ע מ ד ע, נישט דוקא אי־דען! ניין און ניינציג פראצענט וועלען מ י ר ליידען דערפון. אבער ענגלאנד איז, על כל פנים ביז היינט, קעגען אידען נישט אויפגעהעצט, איטאליען געטרויט איהר ארמיי, איהר גאנצען כבוד אין אידישע הענט אריין!

אבער מאטעריעל — קיין ברויט וועט דערפון נישט זיין...

און מיר דארפען צום אלעם ערשטען ברויט!

גיט פריהער אז ארט דאס ברויט צו פארדינען! און דערנאך וועלען מיר לעבצען צו אביסעל כבוד אויך!

אין גאליציען — דערזעלבער דלות...

פון רוסלאנד האבען מיר נאר צו דערצעהלען נייעס פון חיי־מישען אידישען לעבען.

די אדרעסער אפטיילונג פון דער פעטערבורגער חברה „מפיצי השכלה" האט אפגעזאגט אייניגע פון איהרע מיטגלידער, וואס האבען פארלאנגט, אז די שולען, וואס די אפטיילונג פיהרט, זאלען ווערען פאראידישט, מען זאל אין זיי לערנען העברעאיש, אידישע געשיכטע וכדומה. אפגעזאגט דעריבער, ווייל פאראידישטע שולען זענען נישט נויטיג...

דאס פראקטישע לעבען — זאגט די אפטיילונג — פארלאנגט זיי נישט, די „חדרים־מתוקנים", וואס מען האט קינסטליך גע־מאכט, פאלען אפ... און ברענגט ציפערען דערויף!

אמאל האט דאס „פראקטישע לעבען" געשריען „שקאלעם־ניע־זשעלאיעם" און די „מפיצי השכלה" האט זיך נישט דערשרא־קען: זיי האבען געוואוסט, אז דאס רופט נאר דאס ב ל י נ ד ע „פראקטישע לעבען" פון ה י י נ ט י ג ע ן ט א ג, וואס בא־האלט זיך, ווי א פראש אין ווארעמען געמויזעכטס און וויל נישט ארויס אויף דער ליכטיגער שיין, און האט שולען געמאכט...

היינט שפילען די מפיצי השכלה אליין, ווענינגסטענס די אדרע־סער אפטיילונג, די ראלע פראש אין געמויזעכטס... זיי ווילען אויך נישט ארויס פון ווארימען שליים, ווילען אויך נישט זעהן ווייטער פון די אייגענע נעז, דאס הייסט גאנץ קורץ, הגם די נעז זענען גע־נוג לאנג...

און עס פאלט זיי גארנישט איין, אז צו בארשט דארף מען קיין ציינער נישט; אז וואס דאס נ י ד ע ר י ג ע, ק ו ר צ־ז י כ ט י ג ע, ה י י נ ט י ג ע לעבען באדארף און פארשטעהט, אז עס דארף, דאס באשאפט עס זיך אליין, און דערצו דארף מען קיין „חברות“ נישט, קיין אפטיילונגען פון חברות אודאי נישט... אז, אויב דאס ארעמע, דערשלאגענע פאלק קוקט נישט ארויף, נאר אראפ, מוזען עס פאר איהם טון זיינע מכלומר'שט גרויסע, בע־סערע, קליגערע, העכערע! וואָרים, אז נישט — ווער דארף אייך? רוקט אייך אביסעלע ווייטער, וועט אייך און אונז בעסער זיין!

א וויכטיג נייעס איז אפשר אויך די ציוניסטישע־רבני'שע פארטיי.

כל־זמן דער ציוניזם האט זיך פארגעשטעלט אלס פאליטישע אידעע, האבען די אלע, וואס האבען געגלויבט אין דער מעגליכ־קייט אויסצופיהרען א ציוניסטישע פראגראם מיט דער הילף פון פאלק, מיט'ן ווילען פון סולטאן און ביישטעהען פון אייראפעאישע גרויסמעכט, געקאנט זיך האלטען צוזאמען; סיי פרומע רבנים, סיי אלטמאדישע בעלי־בתים, סיי פאבריקאנטען, סיי בעלי־מלאכות און ארבייטער, סיי סטודענטען און אפילו גאנץ רויטע יונגעלייט — אלע האבען פארשטאנען און געוואלט „ציון“, כאטש צו פארשידענע צוועקען!

נאר אין פאליטישען פראגראם האבען נישט אלע געקאנט ארבייטען.

מיט דעם האט זיך באשעפטיגט דער דר. הערצל מיט דער הילף פון נאך עטליכע פארטרויאונגס־מענער, אין רשות הרבים — אין אפענעם מארק מאכט מען קיין פאליטיק נישט...

יונגעלייט ווילען אבער ארבייט; ציוניסטישע פאראיינען ווי־לען אויך עפעס טון. דרשות האלטען איבער ציון, קלייבען שקל'ען, פארקויפען אקציען — דאס אליין שטילט נישט דעם הונגער פון עפעס צו טון פאר'ן פאלק און מען האט געשטעלט די פראגע פון קולטור...

מען האט די קולטור אריינגענומען אין ציוניסטישען פראג־

ראם מיט דער טענה: אז מיר מוזען זיך פריהער קולטיווירען. אלס פאלק, אויסבילדען און פעהיג מאכען א לאנד צו באזיצען! און קוים איז אריין די קולטור, האט געמוזט ארוים דער שלום צווי־שען דעם ציוניסטישען עולם.

אלע „שטעהען אויפ'ן פראגראם פון באזעלער קאנגרעס" בנוגע צו דער ציוניסטישער הויפט־אידעע, אבער נישט אלע קא־נען אייניג זיין וועגען קולטור; עפעס שמעקט פארט מיט השכלה!

פאר'ן פרומען רב איז קולטור: עין יעקב, פאר'ן געבילדע־טען: אידישע געשיכטע, אלגעמיין וויסען, פאר אנדערע נאך עפעס טיפערס...

יעדער וויל זיין קולטור, זיינע שולען, זיין ליטעראטור... און דעריבער מוז יעדערער האבען זיין באזונדערע חברה!

אלס די ערשטע אפגעזונדערטע פארטיי זיינען ארוים די יונגע ציוניסטען; אלס די צווייטע — די פרומע רבנים...

די לעצטע האבען געגרינדעט א חברה „מזרחי".

וועגען די פראגראמען פוןביידע פארטייען וועלען מיר שריי־בען אין א באזונדער ארטיקעל...

דערווייל האט איהר א נייעס: פרומע אידען ארגאניזירען זיך! רבנים מאכען חברות. אלס פרייער מענש האב איך פאר זיי מורא, די פינסטערקייט וועט אין דער ארגאניזאציע שטארקער און געדיכטער ווערען... עס וועט נאך מעהר ווימלען מיט'ן אלטען אלטווארג... נאר אלס א איד פרעה איך מיך! יעדע ארגאניזאציע, ציוניסטישע, נאציאנאלע, פרייע, רבנ'ישע, וואס איהר ווילט, איז א צייכען פון אויפלעבען, פון פרישער קראפט, פון אידישער קראפט...

„עס וועט זיך דורכמאהלען און מעהל וועט זיין!"

וואס נאך פאר א נייעס קאן איך אייך דערצעהלען פון פאר־גאנגענעם חדש?

עס געהט צו זומער... פאעטען פרעהען זיך: גרעזלעך וועלען אויפוואקסען, פייגעלעך וועלען זינגען, זומער־פייגעלעך היפען און

שפּרינגען, דאָס טײַבעל װעט גאָר מחיה'דיג רױשען אין דער שטיל. די בײמער װעלען זיך שאָקלען און סוד'ען זיך גאָט װײס פון װאָס... א הימעל װעט זײן א בלױער, א הױכער, פײנער בלױער הימעל, מיט זילבערנע נעבעלעך; און קלאָרע נעכט װעלען זײן, און טיפע נעכט, נעכט מיט א זילבערנער לבנה, גילדענע שטערען, נעכט מיט זיסער בענגשאַפט, מיט גן־עדן'דיגע הארץ־ציטערען... מיט... מיט... מיט אלעם גוטען...

דער פּראָװינץ־איד אבער ציטערט פאר'ן זומער, גאנצע קהלות ציטערען... מען האָט קײן רוה בײטאָג, מען שלאָפט נישט בײנאכט:

דער זומער געהט, — שרפות געהען...

הילצערנע הײזער, שטרױענע דעכער... די ברענענדיגע זון... שלעכטע, פארביטערטע מענשען... אבי א פונק און אױס שטאָדט, אױס... אלץ אױס!

און עס האָט זיך שױן אָנגעהױבען...

באָברױסק איז ש ו י ן אָפּגעברענט...

2.

יוני, 1902.

עס איז לייכט צו זאגען: לך־לך! לאז דיך אין צ י י ט ו נ ג ע ן געדמעל אריין, ווארף איבער די ב ל ע ט ע ר און זוך אויס פאר דער א י ד י ש ע ר פ א מ י ל י ע עטליכע פרישע ראש־חודש־רעטעכלעך!

לך־לך — נו, אדרבא, געה אין אזוינע היצען! אז הענט און פיס הויבען נישט אן צו פאלגען און פון מח דאמפט, ווי פון א קאלכאויוועז!

און, ווען איך טו עס שוין, וועט פון די פריש־שטייפע ראש־חדש־רעטעכלעך, מיט די חנו׳דיג־עלאסטישע עקעלעך און לייטזעליג־רויטע מיידעלשע פנים׳לעך — איידער זיי וועלען זעהן קראקוי*) און קומען צו אייך אין דער האנט אריין — ווערען וואס? א גארנישט! „טעלטשיג“ און איינגעשרומפען וועלען זיי זיין, ווי בתולות נאך שלשים!

איך וועל בעסער ארויסגעהן, כאפען א טראמוואי, צושלעפען זיך צו דער פריוויסלאנסקער באהן און מאכען, גאנץ אידישליך — פליטה קיין אטוואצק!

וועל איך, אין אייער מזל, הערען, אין טראמוואי צי אויף דער באהן, עפעס נייעס, אביסעל פאליטיק — מהיכא־תיתי! וועט ז י י ן א פעליעטאן; אז נישט — וועט איהר אייך באגעהן! איהר באגעהט אייך אהן ו ו י כ ט י ג ע ר ע זאכען! אפילו אהן ברויט!

א סוף! קיין „ראש־חדש“ מיט „שטאלערנע ווערטער און קערנע פיסקלעך“, מיט זאלץ, פעפער און — גאל, וועט הייגט נישט זיין. אין אזוינע היצען האט א מענש, אפילו א שרייבער, קיין גאל נישט!

---

*) דער מאנאטליכער זשורנאל „די אידישע פאמיליע“ האט זיך געדרוקט אין קראקוי. — ארויסגעבער.

און איך כאפ מיין נאטיץ־בוך און א בליישטיפט, און שטעה שוין אין שטויביגען נעפעל אויף דער טווארדא־גאס...

און פון רעכטס, אין שטויביגען נעבעל, שלעפט זיך דער געלער ווי א טשערעפאכע — איך שפרינג אריין!

און עס זיצט שוין, ברוך־השם, א חברה אידלעך... און ר' לייבעלע — א געגער חסיד מיט אן אמת'ער פריוועסאווקע אויפ'ן שפיץ קאפ, דער גרויסער חסיד'ישער מאכער ביי דער ווארשעווער קהל'שער קלפי — פיהרט דאס רעדעל.

מען רעדט פון די ערשט געענדיגטע פראנצויזישע „וויבארען". און אויף וויבארען איז ר' לייבעל א שטארקער מבין! אויף „ווי־בארען" האט ער די ציין אויפגעגעסען!

פון אונטער דער פריוועסקאווע רינען אויפ'ן דארען באַ־וועגליכען פנים ארויף דיקע טראפען שוויים. איינער, א גרויסער טראפען, האט זיך, ווי פארגאפט, אפגעשטעלט אויף דער שפיץ־נאז, און אפשר — דערשראקען פאר'ן שווארצען אפגרונט—א ו נ־ט ע ר דער נאז; ר' לייבעל האלט פון אלטע מנהגים און שמעקט נאך טאבאק!

דאס שארף־שפיציגע בערדעל כאפט ער וואס אמאל אין מויל אריין, די שארף־שפיציגע אויגעלעך לויפען פון איין פאסאזשיר צום צווייטען, פארהאלטען זיך א רגע אויף די לויזע קנעפ פון די אפענע כאלאטען — נאר מיר קוקט ער א ווײַלע גלייך אין פנים אריין; ער וויל מיך דורכבויערען און דערקענען, צי בין איך אן א מ ת ' ע ר צי נאר א נאכגעמאכטער „גוי"... אין א ווײַלע ארום פארגעסט ער אן מיר, און דערצעהלט ווייטער דעם עולם מיט אמת־חסיד'ישער התלהבות פון דער מפלה, וואס די נאציא־נאל־אנטיסעמיטישע פארטיי מיט די גלחים צוזאמען האבען אין פראנקרייך געהאט! אין נייעם פארלאמענט זיצען כמעט סאמע ראדיקאלען...

— וואס הייסט עס?

— ווי ביי אונז, להבדיל, די דייטשען, די אפקורסים, וואס ווילען אלץ עוקר מן השורש זיין, אלץ איבערמאכען — פון שפי־טאל ביז תלמוד־תורה!

— און וואס איז ווייטער די שמחה?

— א מצוה אויף די נאציאנאליסטען מיט די גלחים צוזאַ־

מען! האבען זיי ג י ש ט געזאָלט אַנהויבען מיט „אחינו בני ישראל“!

— כן יאבדו — באשטעהט דער עולם — מן־הסתם האָט ראָטשילד מיט „יקא“ און „כל ישראל חברים“ אויך נישט גע־שוויגען...

— אפשר... ראָטשילד האָט זיך אודאי געלעגט אין דער לענג און דער ברייט... אַן עהרליכער איד ראָטשילד... דאַווענט יעדען טאָג ותיקין! נאָר דער עיקר איז די גבורה, וואָס וואַלדעק—רוסאָ האָט באַוויזען!

— ווער איז דער?

— אַ שפּאָס! דער ערשטער מיניסטער אין פראַנקרייך!

— און וואָס האָט ער אַזוינס געטאָן?

— אַ קלייניגקייט! עס דאַרף זיין די ערשטע אסיפה אין פּאַרלאַמענט. מען וועט אויסקלייבען אַ פּרעזעס אויף די גאַנצע סעסיע, אויף גאַנצע דריי יאָהר הייסט עס; עס וועט ווייטער זיין אַ י נ ט ר י ג ע ן, די שוואַרצע חברה וועט, מן־הסתם, פּרוּ־ווען דורכפיהרען איהרען אַ מענש... דאַכט זיך — אַן ערשטער מי־ניסטער דאַרף זיין דערביי? וואָס? געהט זיך מיין בחור, נעמט זיך די פּלונית'טע אונטער'ן אָרים, און פאָהרט זיך גאָר ארויס שפּאַצירען אויף דער סעקוואַנע!

— וואָס איז אַזוינס סעקוואַנע?

— די פּאַריזער „ווייסעל“ הייסט „סעקוואַנע“; ס'איז דאָך פּראַנצויזיש; אַזוי זיכער איז ער געווען!

דאָס אייגענע האָט געטאָן דער פּרעזידענט אליין, ליובע, דער, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געווען אין פּעטערבורג — אויף אַ זו־מער־וואוינונג צום „מאַמאַלע“ איז ער זיך געפאָהרען!

און אַ ה ן זיי האָט אויך דער פּאַרלאַמענט אויסגעקליבען אַ יושב־ראש גאָר אַ גרויסען פון זייער צד, — עפּעס אַן אויסטער־לישען נאָמען האָט ער, נאָר גאָר אַ פייערדיגער ראַדיקאַל!

און אונזער ר' לייבעל, דער חסיד'ישער מאַכער ביי דער וואָר־שעווער קהל'שער קלפי, וואָס שפּרינגט אויס דער הויט אַרויס, אַז מען גיט אָפּ אַ קוויטעל פאַר אַ קליין שטיקעל דייטש, וואָס צי־טערט אומות־עולם, מען זאָל נישט איינפיהרען אין תלמוד־תורה אַ ביסעל דקדוק, וואָס זיין בעסטער חלום איז אַ זאַזשאַנד־גמינע,

מיט שטריימלעך, על כל פנים — פריוועסאוועקעס, עס זאל קיין זכר פון די דייטשען נישט בלייבען, — דער אייגענער ר' לייבעל פרעהט זיך מיט די גרויסע אפקורסישע ראדיקאלען אין פאריז!

— און פון וואנען ווייסט איהר דאס אלץ, ר' לייבעלע? — פרעגט דער עולם — פון „הצפירה" צי פון „המליץ"? אפשר גאר פון „יוד".

— פוי! — שפייט ר' לייבעלע אויס — קיין טרפה־פסול אין האנט אריין נעמט ער נישט! ער האט זיך זיין „קוריער־ווארשאווסקי"!

אויפ'ן הייליגען „גרזשיבאוו" — דאס איז, פון וועלכען די אידיש־ווארשאווער קוואקע איז ארויס — האט זיך געמאכט א צופאל! עס איז אונז פארביייגעפאהרען אין דער ברייט א וואגען מעהל. אויף דער טראמוואי־שינע האט דער וואגען אביסעל אונטערגעטאנצט, עטליכע זעק מעהל זענען אראפגעפאלען און סטאפ! דער טראמוואי שטעהט; ווי געבילדעט א טראמוואי־פערד איז נישט, האט עס דאך אינמיטען גאס, אין שעהנעם העלען טאג, אראפגעלאזט דעם קלוגען קאפ און מיט א לאנגער רויטער צונג געלעקט די ווייסע זעק, — מאטעריאליסטישע צייטען!

תוך כדי דבור האט אונז ארומגערינגעלט אן עולם פון קור־קער — אידען, ווייבער און קינדער, און איך האב מיך קוים דורכגעשניטען און דעריאגט, די באהן נישט צו פארשפעטיגען, דעם וויים־בלויען טראמוואי...

אין מח ארבייט זיך ביי מיר אויס אזא מין „סענטענציע" (א מוסר־ווארט): דער טראמוואי איז א דעמאקראטישע אינסטיטוציע — ווער עס צאהלט א צעהנערעל, דער פאהרט! קיין אויסנאם פאר אידען, אפילו קיין באזונדער אפצאהל — פריצים, פויערען און אידען, להבדיל, זענען גלייך! דערפאר געהט זיך יעדער טראמוואי זיין וועג, אויף זיינע רעלסען, און איין בעל־עגלה טאר דעם צווייטען נישט העלפען! אפילו די פערד קענען זיך נישט! זיי טרעפען זיך און „וויהערן" נישט, און שאקלען זיך אפילו נישט צו מיט די קעפ!

מיך כאפט אויסקלערען, מאך איך די אויגען צו און הער, ווי צוויי (אפילו גוט באקאנטע) ליטעראטור־פאבריקאנטען, אייגענטליך — טאנדעטער, רעדען געגנוג שטיל אפילו — דאס פארלאנגט

דאס געשעפט און די בעסערע געזעלשאפט אינ'ם „ווייס־בלויעם", וואס געהט דורך מארשאלקאווסקא — אויך פון פראנקרייך.

— „דעם עיקר נצחון האבען געהאט אונזערע לייט — די דרייפוסארען; די, וואס האבען פאר דרייפוסען מלחמה געהאלטען מיט'ן גענעראל־שטאב! אצינד וועט זיך עס אנהויבען אויפס ניי! די גרעסטע דרייפוסארען זענען אויסגעקליבען געווארען אין נייעם פארלאמענט אריין, און הימעל און ערד וועלען זיי אויפרירען, מען זאל נאך אמאל דורכזעהן דעם משפט"!

— מען האט דאך געגעבען אמנעסטיע, ביידע צדדים גע־שענקט! —

— זאלא קוקט נישט אויף אמנעסטיע! ער וויל, דער אמת זאל ארויס, בוימאויל אויפ'ן וואסער! דער פסק אין רען, זאגט ער, איז קיין פסק נישט, נאר א ניי פארברעכען געווען! עס קומט זיי לכל־הפחות — סיביר!

און עס האט זיך שוין אנגעהויבען. דערווייל האבען זיי — די דרייפוסארען אין פאריז, באלד נאך די „וויבארען", א גרויסע סעודה געמאכט, אפשר פאר הונדערט גרויסע לייט! מען האט געגעסען, געטרונקען און רעדען געהאלטען... מען לאזט זיך הערען!

— זאלא איז געווען?

— אודאי! פייער און פלאם האט ער געשיט! ער פייפט אויף דער אמנעסטיע, אויפ'ן פסק פון רען...

— מוז מען טאקע אראפנעמען פון בוידעם די רעשט העפטען פון דרייפוס־ראמאן...

— אודאי, און גוט אפשטויבען!

— געווים! מען וועט זיי נאך פארצוקערען!

— הלואי! אפשר צושרייבען א פופציג העפטען?

— למה רע? ווארט, זאל עס טון א דייטש; מיר וועלען קר־מען צום גרייטען!

ביי דער פראנציסקאנער גאס זענען די טאנדעטער אפגעשטי־גען, און אריינגעקויקעלט האט זיך א „שלאגאן" מיט א בייכעל, ווי א פעסעל, וואנסען, ווי א בעזים, רויטע בעק, ווי די בארקעס און פעט־פארלאפענע אויגעלעך. א פריש עקזעמפלאר פון דארף.

אונטערגעשטופט האט איהם א בלייכער דארער סטודענט מיט רויטע, ברוינע־בלויע ארומגעזוימטע אויגען!

זיי זעצען זיך. אונטער׳ן „אלטען" האט די באנק א שטערב־ליכען קרעכץ געטאן.

— פשא־קאשע — טשיעלענצע־נוזשקי! — מאכט דער אל־טער און סאפעט — עס איז נאך אזא מעשה אין דער קריסטליכער וועלט נישט געהערט געווארען.

— בא! — גענעצט אפ דער סטודענט.

— אלע, סינקו, אואוואשזיי! בא...

ער קאן נישט פארדייען דעם אידישען קריגס־מיניסטער אין איטאליען: „זשיד אי מיניסטער וואיני"!

עס איז ווירקליך נישט געהערט געווארען, איך זעה ערשט. ווי גערזינדיגט איך האב, דערמאנענדיג דעם פאקט אין פאריגען „ראש־חדש" כלאחר יד, און אהן שום פירוש. גאנץ אייראפא, ביז׳ן לעצטען אויסגעפאשעטען שלאגאן, גאפט!

און עס איז קיין וואונדער נישט!

מען איז אביסעל געוועהנט געווארען צו באריהמטע אידישע מענער, נאר אויף אנדערע פעלדער!

עהרען־בירגער פאר צערקוועס בויען! האנדעלס־אבער־און אונטעררעטע! — אונזער געשעפט, האנדעל—האנדעל!

עס זענען באריהמט אידישע מוזיקער — ג א ר א פשוט׳ע זאך:

מיר האבען אזוי לאנג „מה־יפית" געזונגען; אזוי פיעל יאהרען די פריצ׳ישע הויפען מיט אידישע כלי־זמר פארזארגט! עס איז שוין אין בלוט אריין, עס קומט שוין בירושה! עס איז פאראן אפילו א פויליש־אמעריקאניש־קאטוילויש אידעל, וואס שפילט אויף א י י ן פארטעפיאן, אינגאנצען מיט צ ו ו י י הענט, ד ר י י שטיק מיט אמאל! ער פלעגט זיי דורך ווי, להבדיל, אן הבדלה!

באקאנט זענען אויך אידישע אקטיארען, און דאס איז שוין אודאי על פי דרך הטבע. אין דער לאנגער גלות־נאכט האבען מיר אזויפיעל פרעמדע ראלען געשפילט; עס איז אויך אריין אין די ביינער!

לעצטענס האבען זיך באוויזען אידישע פאליטיקער... נאר פא־

ליטיק האט דאך אודאי שייכות מיט'ן שאכער־מאכער פאר'ן אייזערנעם טויער, צי אויף דער וואלאווער גאס!

עס הערט זיך נאך פון אידישע געלעהרטע: יוריסטען, דאקטוירים, אינזשענירען, אפילו פראפעסארען — וואס איז דאס וואונדער? — אידישע מוחות! האנדעל־קעפ אויפ'ן „תלמוד" געשליפען! און דאס ט ר י נ ק ט נישט, הוליעט נישט, דועלירט זיך נישט, נאר זיצט און לערענט...

אבער קריגס־מיניסטער! נמרוד'ס מלאכה, עשו'ס מאנאפאל, ארישע גבורה!

און דער אלטער טרייסט זיך און טרייסט דעם זוהן:

— זעהסט, — זאגט ער, — אויף אזא מדרגה קומט מען, אז מען לעבט נישט בשלום מיט'ן קלויסטער! זייט איטאליען איז ווידערשפענסטיג געווארען דעם פאפסט, האלטען זיך עהרליכע קריסטען פון ווייטען, ווילען זיי זיך נישט אריינמישען! און באמת, צי קאן א פרומער קריסט ווערען גענעראל, אז מען קאן איהם הייסען שיסען אויפ'ן וואטיקאן! דינען טאקע סאמע נישטען!... און „אז מען דארף דעם אידען, רייסט מען איהם אפ פון דער תליה" — ביי אונז האט מען אויך אזוי געטאן... מען האט געדארפט סוחרים, האט מען דאס „טאלאליסטווא" א ר י י נ ג ע ל א ז ט! אמת?

— אמת, — גענעצט דער סטודענט...

איך ווייס אפילו עפעס צו דערצעהלען פון אידישע, אלטע און נייע גבורים, נאר איך וויל בעסער שווייגען, ערשטענס — די היץ טוט אן מעשים. צווייטענס — א שלאגאן קאן ענטפערען מיט דער יד, דער בחור איז ערשט פון דארף, געוועהנט צו פויערים! דריטענס — וואלט איך מוחל געווען צעהן קריגס־מיניסטארען פאר א שטיקעל ערד פאר רומעניש־אידישע עמיגראנטען!

עס וועט זיין א פלאץ!

אין די באהן־וואגאנען טראגט מען שוין ארום פרישע קוריערס. דעפעשען מיט גרויסע אותיות: שלום! די בורען האבען זיך אונטערגעבען!

דער עולם איז אויפגעשפרונגען, אידען און קריסטען.

— פאסען וואלט געלאזט שניידען אייראפא פון איהר הויט! די גאנצע צייט פון מלחמה האט זי אויך די בורענס מזל טרערען געגאסען, קראקאדיל־טרערען, און מיט׳ן מינסטען פינגער פון פוס אין שטיוועל נישט געריהרט! און אזא העלדען פאלק זאל אויסגע־לאשען ווערען! אזא פריי טראנסוואל זאל פארפלייצט ווערען מיט די ענגלישע סוחרים־שווינדלער! דאס פיינע האלענדיש וועט פאר־געסען ווערען און אין גאנץ אפריקא וועט זיך „גארגלען" דאס „פאסקודנע" ענגליש און די שבטים פרעהען זיך נאך, וואס מען וועט זיי צוריק אויפבויען די פערמען! די ענגלישע קאן גלעט און דראפעט דערביי די נשמה אויס!

אנדערע זאגען:

— אויס ענגלאנד! אצינד האט זיך ערשט באוויזען, אז די ענגלישע ארמעע איז ווערט א שום פולווער!

— און זעהט דאך! א פאלק אהן הערנער! אז מען נעמט איין א מדינה, נעמט מען קאנטריבוציע, פארשיקט מען די מורדים במלכות, וואו דער פעפער וואקסט, און דער ענגלישער „האנדעל־האנדעל" צאהלט נאך צו, גיט באלד אמנעסטיע; אלץ מוחל — נאר די גאלד־גרובען אהער!

און איך קלער:

אפריקא וועט זיין ענגליש, דאס הייסט פריי, שטארק און רייך! א פלאץ וועט זיין נישט נאר פאר רומענישע אידען, אפשר אפילו פאר מיינע בלאסע שכנים, וואס שטעהען שוין איבער־געדרעהט צום פענסטער און שאקלען זיך מנחה...

פלאץ וועט ז י י ן, נאר אויף הוצאות וואו נעמט מען?...

איך פארטראכט מיך: וואס קאן יק"א טון? וואס קאן טון „דנדיב־הידוע" מיט׳ן פאריזער און ווינער אליאנס צוזאמען?

און איך דרימעל, און קלער אזוי במעט ביז אונטער אט־וואצק.

איך קוק מיך אום, איך בין געבליבען אליין מיט עטליכע אידעלעך, יענע לייט זענען אראפ אין וואווער, פאלעניצא, שווי־דער... מיינע שכנים נעמען אביסעל בראנפען: לחיים, לחיים! און איינער זאגט מיט אמת־אידישען הומאר:

— „וויים איך, וואס זאל איך מיר ווינשען?"

„זאל איך מיר ווינשען דאס געלד, וואס די פראנצויזישע

גלחים האבען אומזיסט אויסגעגעבען אויף די פראנצויזישע וויבאַ־רען, צי דאס געלט, וואס איז נאך ביי די שווארצע לייט געבליבען?

„זאל איך מיר ווינשען דאס ביסעל פונט שטערלינג, וואס קיטשענער וועט באקומען פאר׳ן שלום, וויפיעל ענגלאנד וועט באַצאהלען פאר די פארברענטע פערמען, צי אפשר גאר — וויפיעל די גאנצע מלחמה האט געקאסט?

„און אפשר — גיט ער צו ביטערליך — וואלט מען יוצא גע־וועזען מיט דעם געלט, וואס אונזערע רומענישע עמיגראנטען פעהלט אויף הוצאה פון גיהנום ארויס?

„דערוויילע, ברודער, בין איך א קבצן — האב איך אליין נישט אויף הוצאה! לחיים!"

זעהט איהר, נאך איידער איך בין ארויפגעשטיגען פון וואַגאן, האב איך א גאנצען ראש־חדש.

איך קאן אייך נאר צוגעבען: אז אין רוסלאנד האט מען ער־לויבט, אידען זאלען אריינגעבען די קינדער אין די עפארכיאל־שו־לען, און יעדער קוראטאר זאל אפמאכען וויפיעל פראצענט. און — וואס נאך וויכטיגער איז, — אונטער דער השגחה פון פינאנץ־מי־ניסטער וועלען ביי אלערליי פאבריקען געעפענט ווערען מעכאנישע שולען, וואו אלע וועלען אויפגענומען ווערען אהן אונטערשיד פון קלאסע און גלויבען.

דערפאר זאגט מען, וועט מען דאס יאהר אין מאסקווער אוּ־ניווערזיטעט קיין אייגציגען אידען נישט אריינלאזען!

זייט געזונט! זאל אייך דער אויבערשטער אין די חייסע טעג שיקען א קיהלונג פאר׳ן גוף און פאר דער נשמה...

3.

יולי, 1902.

אנהויבען מוז מען פון ועמען? פון אונזערע בעלי־בתים, פון די אומות העולם...

אלע ווענדט זיך אן זיי!

מיר זענען צו שוואך אויסצופילען, גענען זייער ווילען, דאס קלענסטע פראגראם!

מיר זענען די שוואכסטע, און כדי אזוינע זאל בעסער געהן, מוזען פריהער די שטארקע בעסער ווערען!

מען מוז ווארטען און האפען אויף דער צייט, ווען הייליג וועט זיין דער מענשליכער ווילען, נישט די פויסט, וואס פיהרט אלע אוים מיט געוואלד; ווען הייליג וועט זיין דאס מענשליכע לע־בען, נישט דער אייזערנער גאפעל, וואס כאפט אלע ארוים פון טאפ...

וואס זאלען מיר טון? דערווייל מוזען מיר, ווי נח בדורותיו, אלע וויילע עפענען דעם צוהר פון תיבה און ארויסקוקען און זעהן, צי האט זיך ארום אונז דאס וואסער נישט געשטילט...

דער ציוניזם, וואס וויל דערהאלטען און הויך אנטוויקלען א באזונדער אידיש פאלק אויף זיין באזונדער לאנד, מוז באלד צוגעבען: מיט'ן סולטאנס גוטען ווילען און מיט דער גאראנטיע פון אנדערע רעגירונגען...

דער נאציאנאליסט, וואס פארלאנגט, אז יעדער פויגעל זאל מעגען נעסטען, אייער לעגען און זיינע אייגענע ליעדער זינגען אויף יעדען בוים אין יעדען וואלד; דער, וואס זאגט זיך אפ (און וויל עם אויך פאר אנדערע!) פון פאליטיש־קריגערישען לעבען, און פארלאנגט, מען זאל איהם לאזען ווייטער שפינען זיין היסטארי־שען פאדים מיט אייגענע הענט, לויט אייגענעם געשמאק... וואס וויל געהן, אבוואל צום אלגעמיינעם צוועק, נאר פריי אויף זיין אייגענעם וועג, נישט „עטאפנים פאריאדקאם" אויף פרעמדע — מוז אודאי בעטען, משיח זאל קומען פריהער צו זיי...

נאר אפילו דער ענו, דער געלבזיכטיגער זוהן פון פאקטאר מיט דער שענקערין, דער אסימילאטאר, וואס פארשענקט אזויפיעל און פארלאנגט אזוי ווייניג, וואס איז גרייט זיך אייגענהענדיג אפצושיי־לען די הויט, איין אן אנדערער ארייננצושפרינגען, וואס וויל יוצא זיין מיט יום־כפור אין דער דייטשער שול און מיט קבר־אבות, מוז אויך זאגען דעם יהי־רצון: לאזט מיך!

— לאזט מיך זיין, וואס איך בין, בחדרי חדרים, אונטער רי־געל און שלאס; אין גאס און עפענטליכע הייזער וועל איך טראַ־גען וואס פאר א מאסקע איהר ווילט!

— זייט ליבעראל! איהר זעהט, איך שטארב גליד־ווייז אפ. זייט נישט קיין אומגעדולדיגע יורשים און טויט מיך נישט מיט געוואלד! —

און מיט א זיס חנופה׳לע לעגט ער צו:

— און אפשר וועל איך מיט דער צייט אליין קומען! אניט איך — מיין זוהן, מיין אייניקעל, — די טעכטער מיינע האב איך שוין לאנג, ווי לוט אין זיין צייט, אייך ארויסגעשטופט פון טיר...

— און אין וואס גערט עס? אין היינטיגען טאג! די גאל־דענע פארגאנגענהייט האב איך אייך שוין לאנג פאר די פיס גע־ווארפען און איהר האט זי מיט די פיס צוטרעטען, און איך שעם מיך אצינד מיט איהר. איך לעז אייערע „זכרונות“ און פאסט אייערע תעניתים, און פרעה מיך אין אייערע ימים־טובים. פון דער צוקונפט האב איך נישט וואס צו קלערען, — מיין שמאל און פלאך טייכעל מוז אין אייער ברייטען טיפען ים אריין און דארט פארשוואונדען ווערען! אויפ׳ן מארגענדיגען פעלד זיי איך נישט און אקער נישט, עס זאל קאנען עפעס פאר מיר וואקסען!

זייט ליבעראל, שענקט מיר דעם היינטיגען טאג!

יא, אפילו „אויסטוישען דאס רענדעל“ קאן מען נישט אהן זייער ווילען.

כל־זמן איינצעלנע טוען עס, זאגט מען נאר „גיורא עד עשרה דרא! זאל אבער קומען א מנין אסימילאטארען! מען וועט פאר זיי דעם קלויסטער פארמאכען...

לאמיר עפענען דאס פענסטער אין דער פינסטערער נאכט און זוכען, וואס עס איז פאר א שימער אין שטאלערנעם הימעל.

אין דער לעצטער רגע האט דער ענגלענדער אוועקגעכאפט

דאס מעסער פון בורם האלז... זאל זיין, מען האט געוואלט פאר־
כאפען „די קאראנאציע פאר דער אפעראציע", דאך וואלט עס פאר
פופציג יאהר אוממעגליך געוועזען; דערצו מוז מען ד א ך הא־
בען דאס ג ע פ י ה ל, אז דאס רעכט ליגט דאך נישט אויף
דער שפיץ שווערט!

דער אמעריקאנישער לייב האט אויסגעריסען פון די הישפא־
ניש־וועלפישע ציין א שעפעלע — די אינזעל קובא, און האט עס
אליין אויך נישט איינגעשלונגען, נאר באפרייט: געה, לעב דיר
דיין אייגען לעבען.

אין פראנצויזישען פארלאמענט האט מען אפען גערעדט וועגען שלום מיט דער גאנצער וועלט, אפילו מיט דייטשען. נ ק מ ה
צווישען פעלקער האט אויפגעהערט צו זיין א הייליג פאטריאטיש
געפיהל, און דער פארלאמענט האט קריעה נ י ש ט געריסען!
בורזשוא האט אויסגערופען פראנקרייך, די אייביגע אקושערקע,
וואס העלפט שטענדיג דער מענשהייט, ווען זי ליגט אין קימפעט
מיט א נייער אידעע, זי זאל זיין די ערשטע (נאטירליך אויף רוס־
לאנד געשטיצט) און פארלעגען, אז די פעלקער זאלען זיך אנט־
וואפענען און צולאזען די ארמעען!

בא! אן אפיציער פון דער פראנצויזישער ארמעע האט א
העכערען פון זיך געפאטשט! דאכט זיך „אחת דתו להמית".

און דאס קריגס־געריכט האט איהם נישט געהייסען הענגען,
נישט קעפען און! איז יוצא געווען מיט א פסק פון דריי יאהר
פעסטונג און אויסשטרייכען פון דער ארמעע.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז מען האט דעם אפיציער דע־
נערווירט, אין דער לעבער אריינגעקראכען, און דאס קריגס־גע־
ריכט האט געזאגט, אז א סאלדאט איז אויך א מענש און אז די
מיליטערישע דיסציפלין האט אויך איהרע גרענעצען...

נישט קיין נייע, גאר פונק נייע ווערטער?

אלץ ווי אפהענגיג פון זיי; זיי מוזען פריהער בעסער ווערען,
אונז זאל בעסער געהן, נאר צו דעם איז נאך ווייט, זעהר ווייט...

אפילו די רציחות אין רומעניען האבען זיי נישט געריהרט!

אין די עסטרייך־אונגארישע דעלעגאציאנען האט דער אויס־
לענדישער מיניסטער גאלובאווסקי געזאגט, אז עסטרייך־אונגארן
יאן פאר אידען אין רומעניען גארנישט טון; יעדערער איז בעל־

בית ביי זיך אין דער היים. און קיינער האט נישט געפרעגט, פאר־וואס האט זיך עסטרייך־אונגארן אנגענומען פאר די ארמענער און אפגעריסען באסניען און הערצאגאווינען פון דער טערקיי, אבי איינ־צופיהרען עסטרייכישען יושר. און די טערקיי האט קיינעם קיין פרייהייט נישט צוגעזאגט, קיין טראקטאט נישט אונטערגעשרי־בען, און האט עסטרייך גארנישט צו פארדאנקען...

מען האט נישט געפרעגט, ווייל יעדערער האט געוואוסט, אז עס איז אין רומעניען קיין אידישע פראווינץ צוצונעמען נישט פאראן!

אין עסטרייכישען פארלאמענט האט מען נישט באקומען קיין צוואנציג אונטערשריפטען, מען זאל קאנען פארשטעלען די אידיש־רומענישע פראגע.

אין אונגארישען פארלאמענט האט א פויערישער אפגעארד־נעטער יא געפרעגט וועגען רומעניען, און דער מיניסטער פרעזי־דענט שעלי האט געענטפערט: זייט רוהיג, די גרענעצען פאר אי־דיש־רומענישע עמיגראציע זענען פארמאכט! אונזערע אונגארישע אידען אליין פארשטעהען, אז עס מוז אזוי זיין, זיי האבען עס אליין כמעט פארלאנגט!

אין ענגלישען פארלאמענט האט באלפור אויך בארוהיגט דעם עולם מיט דער פארזיכערונג, אז ביז היינט האט זיך די עמיגרא־ציע פון רומענישע אידען נישט געשטארקט, און, אז סיי־ווי־סיי, זיצט א קאמיסיע און קלערט, ווי אזוי אזוינע זאכען צו באווא־רענען...

און אפילו די פאראייניגטע שטאטען האבען געענטפערט אויף א פראגע פון דער אידישער זייט, אז זיי קאנען נישט פראטעס־טירען...

די אמעריקאנישע לאנגע הענט, וואס דערגרייכען ביז שפא־ניען וועגען קובא, זענען צו קורץ צו דערלאנגען ביז רומעניען וועגען ארעמע אידען...

און דערווייל לאזען זיך צוויי טויזענט רומענישע אידען קיין ווין צו־פוס...

און דאס איז דער „החלץ לפני המחנה" — די ערשטע, וואס געהען; עס וועט זיך ערשט אנהויבען, ווי די היישרעקען וועלען

זיי געהן, ווי די היישרעקען וועט זיי טראגען דער ווינט, און ווי די היישרעקען וועט מען זיי טרייבען פון גרענעץ צו גרענעץ...
דאס אלץ ווענדט זיך אן זיי!

עס איז אזוי קלאר, ווי דער טאג, און דאך נישט אלע ווייסען עס!

אין ווייסאר איז געווען אן אסיפה פון דייטשע סטודענטען. צווישען אנדערע האט מען פון אונז אויך גערעדט.

אין זאל האט ארומגעשוועבט דער אנטיסעמיטישער גייסט, רעדנער האבען אונז געוואשען מיט בלאטע, אויפגעוויזען, אז סע־מיטיזם איז אייבינער נעגענזאץ פון גערמאניזם, און ווי ווייט ני־דעריגער דער סעמיטיזם איז—, און דאמאלט האט זיך אויפגעהויבען א אידישער סטודענט, אין קאטאוויץ געבוירען, דאמבראווסקי מיט'ן נאמען, און האט אין זיין אייגענעם נאמען, ווי אויך אין נאמען פון אלע זיינע אידישע חברים פראטעסטירט.

— נישט דער סעמיטיזם — האט ער געזאגט — איז שולדיג, נאר די אידישקייט! נאר די אידישקייט שטעהט געגען דער דייטשער־נאציאנאלער אידעע! נאר מיר — האט ער הויך גערופען — זאגען זיך פון דער אידישקייט אפ, מיר ווילען אויסטווישען די מאקאבעער אויף האהענצאלערן, ישעיה און ירמיה אויף שילער און געטהע — צי ווילט איהר דען נישט, מיר זאלען זיך אסימילירען?

און אז מען האט פון אלע זייטען געענטפערט: „ניין, ניין!" האט דאמבראווסקי דאך נישט אפגעטרעטען און געזאגט, אז עס העלפט נישט, ער און זיינע חברים מוזען זיך אסימילירען...

די ד י י ט ש ע סטודענטען האבען געפיפען און געלאכט, די א י ד י ש ע — געשוויגען...

ווי אזוי קאן מען זיך באווארענען פאר אזוינע רעדנער און אזוינע שוויגער?

וואס קאן אונז פארזיכערען, אז אונזערע אייגענע קינדער וועלען נישט אזוי רעדען אדער אזוי שווייגען, און נישט פארמעהרען מיט זיך די ריטער פון שמוציגען בעזעם, מיט וועלכען מען פאטשט

אונז איבער'ן פנים, און מען טרייבט ארום, ווי פוילע בלעטער פון ארט צו ארט?

אין דער פרעמד, אין דער אפהענגיגקייט קאן אונז העלפען נאר די נאציאנאלע שולע...

דאס איז אויך, דאכט זיך, אזוי העל ווי דער טאג, און דאך פארשטעהט עס נישט די פיליע פון מפיצי השכלה אין אדעס, וויל באין־אופן נישט פארגרעסערען די צייט פאר אידישע זאכען אין די חברה'שע שולען...

— פון דער הויך — האט א געוויסער סאקער געזאגט — קוק איך אראפ אויפ'ן נאציאנאליזם, ווי משה פון בארג סיני אויפ'ן עגל...

— די אמעריקאנער — האט מרגליות גערופען — האבען אויך קיין נאציאנאלע שולע נישט...

ווי קרום מוז זיין א מענש, וואס גיט אזא פארגלייך, און ווי נידעריג דער, וואס שטעלט זיך אליין אויפ'ן בארג סיני...

נאר אלץ ווענדט זיך אן זיי, דאס בייזע, ווי דאס גוטע...

דער קוראטאר (פאפעטשיטעל) פון אדעסער ראיאן האט פאר־געשטעלט דעם בילדונגס־מיניסטעריום א פראיעקט, מען זאל די אידישע שולען איבערמאכען פון צוויי אויף דריי קלאסיגע, עס זאל זיין מעהר צייט פאר אידישע זאכען...

עטליכע היימישע פונקען:

אין ירושלים איז געענדיגט און געעפענט געווארען דאס הויז פון אונזער נאציאנאל־ביבליאטעק, וואס מיר האבען דעם דר. כאַ־זאנאוויטש צו פארדאנקען.

אין פאריז האט מען געעפענט א אידישע פאלקס־אוניווער־זיטעט, פארצוטראגען אידישע געשיכטע, העברעאיש, פראנצויזיש א. ד. ג.

די אידיש־ווארשאווער געמיינדע האט געעפענט א ניי שפי־

טאָל און פון פּריוואַט נדבות אַ שולע אין טשענסטעניעוו פאַר ערד־אַרבייט און דאָרפס־ווירטשאַפט, אויסער אַלגעמיינער בילדונג, רע־ליגיאָן און העברעאיש נ י ש ט פאַרפעהלט.

אין אונזער היימיש־פּאָליטישען לעבען האָט זיך געמאַכט נאָך אַ בלעטעל — אַ חברה „חירות", מיט'ן צוועק מלחמה צו האַלטען מיט דער אסימילאַציע אויסער'ן ציוניזם און אין ציוניזם, מלחמה צו האַלטען מיט פאַלשע בעלי־טובות, מיט'ן אַליאַנץ, יק"א, וכדומה...

געבענשט זאָלען שטענדיג ווערען די הענט, וואָס הויבען זיך אויף אַפּצורייסען די מאַסקען פון פאַלשע פּנימ'ער, וואָס נעמען ווידלעס אויסצורייניגען אונזער שטאָל, בעזעמס ארויסצוטרייבען פון בית־המקדש די אידעען־הענדלער...

נאָר פאַר יק"א האָב איך אַ גוט וואָרט.

פאַר נאַציאָנאַליסטען איז עס די איינציגע צווישען־לענדישע אידישע אינסטיטוציע, דאָס לעבענדיגע צייכען פון אונזער אחדות; דער ציוניזם דאַרף נישט בייז זיין, אויב יק"א באַשעפ־טיגט זיך נאָר מיט זיין „געגענוואַרטס פּראָגראַם", קיין שאָדען ברענגט יק"א נישט...

4.

אויגוסט, 1902.

איך וועל אייך מאכען א סיורפריז — און איבערראשונג...

אויפן' ארט פון א שווערער, טיפער און א ביטערער כראניק, פון וועלכער מילך ווערט גערונען אין טאפ, פון וויין ווערט עסיג אין פלאש און פון בלוט אין די אדערען ווערען שטעכעדיגע שפילקעס, — וועל איך אייך געבען — טרעפט וואס?

א לעבענדיגע סצענע, וואס האט זיך אפגעשפילט אין אונזער רעדאקציע.

די פערזאנען: *איך* און דער *רעדאקטאר*; *פאר־דאן* — דער *רעדאקטאר* און *איך*...

איך בין אייך נישט מחויב *פארצושטעלען* די פערזאנען, — איהר קענט *מיך*, דעם רעדאקטאר אודאי...

ערשטענס — שרייבט ער (די געפעהרליכסטע קאנקורענץ פאר שרייבער), *צווייטענס* — קוקט ער ארויס פון יעדער שורה, פון יעדען ווארט מיט שער און בליישטיפט...

דארף איך אייך זאגען, אז כאראקטעריזירט זענען מיר: *ער* אלס יצר־טוב, שטיל און ערנסט, טיפע טרויעריג־פייכטע אויגען און צום הימעל — צוויי ווייסע, שניי־ווייסע פליגעל... *אזוי* זעהט מען איהם די פליגעל נישט אן, נאר „סאם־נא־סאם" אין רעדאקציע, אין א זומער־טאג, אז ער טוט אויס די מארינארקע (די באריהמטע היסטארישע מארינארקע) קומען די פליגעל ארויס בולט. *איך* ווייטער — אלס יצר־הרע פון לאכען, בקצור געזאגט אלס „חוזק", נאר, חס־ושלום, נישט גלאט חוזק — מיט א *פילאזאפישען* סאם...

אויפ'ן ארט פון שער און בליישטיפט, קומט דער יצר־טוב אריין מיט א פאק צייטונגען אלס מאטעריאל צו ראש־חודש (שטרויגיט *ער*!). *איך* — שפיל מיך מיט מיין פאר'כשופ'טען שפיגעלע, א מתנה פון א געהאנגענעם כשוף־מאכער, אין וועלכען (דאס שפיגעלע מיין איך) עס קומט אלץ ארויס *קאפויר*...

נאטירליך קוק איך אין שפיגעלע אריין און לאך; דער רע־דאקטאר בעט זיך: זיי ערנסט!

און ער געהט צו מיר צו, שטרייכעלט מיר מיט'ן עק פון ווייסען פליגעל איבער'ן קאפ און זאגט:

— עס איז שוין צייט!

און איך פיהל, אז אונטער זיין ווייסען פליגעל ציהען זיך אויס מאט און פארזילבערט מיין לעצט ביסעל געקרייזעלטע שווארצע האר... אין אלע רמ"ח איברים און שס"ה גידין לייטערט זיך מיר דאס געבליט און ווערט קלאר און שטיל, ווי דער סמבטיון לכבוד שבת... און שטיל און רוהיג מאכען זיך מיר די אויגען צו, ווי צו א זיסען שלאף מיט נאך זיסערע חלומות... א דורכזיכטיג, נאר עפעס וואונדערליך טרויעריג נעבעל נעמט מיך איינגאנצען ארום... און אין נעבעל, אין האלבען דרימעל הער איך זיינע וייטערע רעד:

— און געדענק, דו ביסט א שרייבער! מיט עטליכע טויזענט יאהר צוריק וואלסט דו א נ ב י א געווען, וואלסט געמוזט זיין!

— און נביאים לאכען נישט! עס לאכען נאר פ א ל ש ע נביאים, אראפגעשטויסענע מלאכים, דער גיהנום לאכט!

— נביאים לאכען נישט! אין הייליגען גרימצארן שפאלטען זיי פ ע ל ז ע ן, ברעכען זיי מ ו י ע ר ע ן, ווארפען זיי צ ע ד ע ר ע ן; אין שטילער געטליכער ליעבע טרינקען זיי פאר־חלש'טע מדבר־גרעזלעך מיט ווארעם בלוט פון הארץ, מיט הארצי־גע טרערען פון אויג...

— עס איז „ראש־חודש", נישט „שטעדט און שטעדטלעך"!

— עס איז א חודש לעבען, א חודש אידיש לעבען...

— ביסט שוואך און עסטעטיש, גראב דיך איין אין טארף, גראבעל נישט אין זומפ, רייס די גלות־בלימלעך פון אויבען!

— עס וועט זיין גענוג צו פארטרייבען דעם ג ל י ק ל י־כ ע ן שמייכעל פון חתן־כלה אונטער דער חופה, ווי דעם חוזק פון מארשאליקס אויסגעאקערט פנים...

— אין י מ י ם נ ו ר א י ם, אין די שרעקליכסטע צייטען, שטעלסט דו דיך פאר אז עדה אידען צום עמוד, דו ביסט זייער ש ל י ח־צ ב ו ר... א ש ל י ח־צ ב ו ר ביסט דו!

נאר ווי ער האט דעם „שליח־צבור“ דערמאנט — ווי מיט דער האנט אוועקגענומען!

דער נעבעל ארום מיר איז פארשוואונדען, די אויגען עפענען זיך, דאס שפיגעלע בליצט און עס ווייזט מיר א „שליח צבור“ — מיין אלטען קליינשטעדטעלדיגען שליח־צבור...

א חנו'דיג אידעלע, א קליינס, א דארס! אזוי אויסגעמאר־טערט, אויסגעטריפטע אויגעלעך, צוויי אפען געלאזטע פענסטער־לעך אין אן אלטער חורבה פון א פארגעסען הויז.. ביים עמוד — לעבט ער! אויף קרומע הינערשע־פיסלעך טאנצט ער „ממעמקים“ קענען די לייבען און הירשען אויפ'ן אויסגעקראכענעם מזרח און א רענדעל פוס קוקט ארויס פון א לאך אין אלטען זאק... די צו־גרויסע שיך קלאפען צו צום טאקט... די הרוגי מלכות באוויינט ער מיט א קנאקענדיגען פאלקאוואי מארש זכר־לשיפקא, אין „כי הנה־כחומר“ צוגיסט ער זיך, ווי א קליין קינד ביי דער מוטערס פאר־טוך אין א קליין־רוסישער „וויעציערינא“ און צום פורים'דיגען „שושנת־יעקב“ געהט „יאנטעקס“ ליעד פון מאניושקעס „האלקא“!

איך לאך, לאכענדיג גיב איך א בלאז אויפ'ן שפיגעלע, יענער שליח־צבור פארשווינדט, עס באווייזט זיך דר. ביק... נאר דער רעדאקטאר ריהרט זיך באליידיגט אויפ'ן בענקעל...

— זייט ערנסט — זאגט ער שארפער ווי געוועהנליך — וויכ־טיגע ענינים!...

ער עפענט דאס פעקעל צייטונגען, עס בלענדען פארשידענ־פארביגע הילען... ער בלעטערט אומגעדולדיג, איך פארגעס אוויילע אן שפיגעלע, און עס מאכט זיך אן אנדער שמועס.

ע ר : מען האט אפגעצעהלט עלף מיליאן אידען... עס מוז זיין מעהר... אסך ציפערן מיט פראגע צייכען...

א י ך : און וויפיעל אבאנירען דאס בלאט?

ע ר : וועניגער ווי עלף מיליאן (א העויה אויפ'ן פנים)... אפשר אבאנירען, מעהר ווי אסך לעזען... נאר מעהר הערען זיך איין, ווי אנדערע לעזען — נישט קשה...

א י ך : הם!

ע ר: באַ!

ער האַקט זיך אָפּ, ער מישט ווייטער.

ע ר: אַ פּאַגראַם אין גאַליציען... פעלד־אַרבייטער שטרייקען געגען די פּריצים און שלאָגען א י ד ע ן...

א י ד: אַ נייעס! ווען דען זאָלען זיי שלאָגען? זאָלען זיי אַנריהרען אַ פּריץ — האַ־האַ! פּאָליציי, מיליטער!...

ע ר (האַלב דערשראָקען): אפילו אין ניו־יאָרק אַ פּאַגראַם...

א י ד: ביי ר׳ יוסף׳ס לויה...

ע ר: אהאַ! צופיעל אידלעך צוזאַמענגעקומען...

א י ד: על כל פנים צופיעל פאַר אמעריקאַנער דייטשען...

ע ר: און דאָך האָט דער גענעראַל לעאַ, כמעט אין נאָמען פון קייזער, אפילו פון פּאַפּסט געזאָגט, אז אַלע זענען גלייך...

א י ד: עס פּרעהט זיך טאַקע דער וואַרשאַווער א י ד־ר אַ ע ל י ט...

ע ר: דאָך צופיעל אידען מיט אַמאָל זענען געפעהרליך...

א י ד: אויך קיין נייעס; דאָס האָט שוין דער מדרש געוואוסט... „בני ישראל — זאָגט ער — די קינדער פון ישראל — נמשלו — זענען געגליכענט — לדגים — צו פיש, מיינט מען: צו הערינג... שאספתן היא שחיטתן — וואו אסך אידען מיט אַמאָל, שעכט מען... מאַנטאַגיו אין לאָנדאָן וויל טאַקע צושפּרייטען דעם לאָנדאָנער ווייטשעפּעל און צוזייען איבער גאַנץ ענגלאַנד... וואָרשווערער אסימילאַטאָרען ווייסען עס פון לאַנג. אז צוויי טרעפען זיך אין אַ קריסטליך הויז, שטעהען זיי קיינמאָל נישט צוזאַמען, נאָר יעדערער אין אַ באַזונדער ווינקעלע... זיי גריסען זיך אפילו נישט, קענען זיך נישט! באַמערקט נישט איינער און געהט נאָהנט צו צום צווייטען — באַקומט ער אַ וואונק מיט אַ פינגער: וואַנדער ווייטער...

ע ר: עס איז דאָך נישט אַזוי שלעכט...

דער סענאַט פון בערלינער אוניווערזיטעט האָט מ ס כ י ם געווען אויף׳ן אידישען נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם; דערמיט, שרייבט דער „וואָסכאָד" האָט ער אויך מסכים געווען אויף׳ן ציוניזם...

א י ד: וואָס דאַרף מען עס, אז מען האָט שוין אַ הכשר פון רבנים?

ע ר: דר. כאַזאַנאָוויטש שיקט אַרויס צום בית־נאמן אין

ירושלים א נייעם טראַנספּאָרט וויכטיגע ספרים, זעלטענהייטען...

א י ד : באַ! דער בית־נאָמן אַבער, — זאָגט מען — איז פאַרשריבען נישט אויף קהל, נאָר אויפ׳ן נאָמען פון א פּריוואַט מענש... אפשר נאָך א סוחר... ער קאָן מיט דער צייט זאָגען: עלי כתיב... אָדער באַנקראָטירען און די בעלי־חובות וועלען צוטרע־טען...

ע ר : לאָמיר האָפען, אז דער נאַציאָנאַל־פאָנד וועט זיך שטאַרקען... מען וועט מיט געלט דאָרט אַלץ מאַכען, פאַרשרייבען אויף קהל...

א י ד : ירושלים־קהל? וועלען קומען די רבנים און וועלען זי פאַרמאַכען, ווי סטראַשון׳ס ביבליאָטעק אין ווילנא...

דער רעדאַקטאָר (דער יצר־טוב) ווערט גרין און געל, ער שטאַרקט זיך דאָך און זאָגט ווייטער:

— דר. הערצל איז שוין צוריקגעקומען פון קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל...

א י ד : מיט לעדיגע הענט...

ע ר (אומגעדולדיג): נישט דאָס איז דער עיקר! דער עיקר איז, מען האַלט אונז פאַר א צד, דעם קאָנגרעס — פאַר א פּאָליטי־שע אינסטיטוציע, דעם דר. הערצל — פאַר א געוועכטליכען פאַר־שטעהער... מען אונטערהאַנדעלט מיט אונז, כמעט ווי א רעגירונג מיט א רעגירונג... דערצו זענען מיר שוין געקומען!

עס שטעקט דערינען אַסך אמת, עס איז אפשר אינגאַנצען אמת. נאָר א רעדאַקטאָר טאָר מען קיינמאָל נישט רעכט געבען, איך האָב מיך איינגעשפּאַרט און זאָג:

— עט! טערקישער אַפּעטיט צו די פּאָר גראָשען אין באַנק!

דער יצר־טוב — דער רעדאַקטאָר ווערט בלאַס, דער שמועס האַקט זיך אָפּ א ווײַלע, איך וויל זיך צוריקנעמען צו מיין שפּי־געלע. איך פיהל, איך וואָלט דאָרט עפּעס שעהנס געזעהן, נאָר ער רעדט ווייטער...

ע ר (זיפצט און רעדט): א וויסטע כמארע געהט, אויף פּוילען געהט זי... א וויסטער אַרטיקעל אין „נאָוואַיע ווּרעמיא“...

מען דאַרף — זאָגט די „נאָוואָיע וורעמיא“ — פאַרווערען, די אידען זאָלען אין פּוילען קיין גיטער נישט קויפען...

א י ד : ביי פּויערים קויפען טאָר מען שוין לאַנג נישט...

ע ר : ביי פּריצים מיינט ער...

א י ד : מאי מעמא ?

ע ר : די אידען, זאָגט ער, קויפען אויס אלע גיטער, פּריצים בלייבען אָהן ערד...

א י ד : שקר — א קינד אין וויג ווייסט, אז די גיטער אין אידישע הענט, ווערען אַלע מאָל וועניגער — זיי צוגעהען, ווי זאַלץ אין וואסער —

ע ר : בכלל דאָס אידישע פאַרמעגען — —

א י ד : געוויס... תפלה עושה מחצה, פון „זרענו וכספּנו" נאָך דער הבדלה, ווערט מקוים דאָס ערשטע...

ע ר : נישט שטענדיג דאָס ערשטע...

א י ד : אויסער, וואו צוויי און דריי קינדער־סיסטעם...

ע ר : באַ !...

א י ד : אלץ פאַלט אָפּ, בפרט ערד, וואָס רוקט זיך אונז שטענדיג ארויס פון אונטער די פיס... און בפרט אין פּוילען, וואו ערד און קלויסטער זענען גלייך הייליג...

ע ר : עט, ביי פּויערים אפשר ! פּויזנער פּריצים פאַרקויפען די גיטער דער האקאטישער באַנק...

א י ד : און דאָך יאָגט דער ווארשעווער „איזראַעליט" אידישע האקאטיסטען...

ע ר : אָהן פאַקטען...

א י ד : ווער דאַרף פאַקטען ? אבי מען רעדט... נאָר דער איזראַעליט, אז ער רעדט, מילא...

ע ר : אבער אז נאָוואָיע ווּרעמיאַ רעדט...

א י ד : שקרים ?

ע ר : זאָל זיין שקרים, זי האָט א דעה אין פמליא של מעלה... עס קאָן זיין א גזרה...

א י ד : געוויס...

נאָר אויפ'ן אָרט פון זיפצען האָב איך מיך צולאַכט.

נישט גערנוויליג האָב איך אין שפּיגעלע אריינגעקוקט...

איך האָב דעם כעלעמער רב דערזעהן !

נישט איינעם פון די היינטיגע פיער כעלעמער רבנים ; די היינטיגע אלע פיער מיט אלע אלופי־בעלם צוזאַמען זענען ווערט

אַז אויסגעבלאָזען איי, איהר זאָלט אַפילו צולעגען דעם קאַזיאַנע רב... זיי אַלע האָבען קיין דעה נישט...

אַז אַלטע „מאור הגדול“ זעה איך...

אין אַ קאַפּטאַן מיט סטראַקעס... בייזע ברעמען, שאַרפע אויגען, אַ האַרטער ספּאַדעק מיט שטעכעדיגע האָר... אַ באָרד ביז'ן גאַרטעל...

אַ פּאַפּיר ציטערט איהם אין דער האַנט...

אַ פּאַפּיר פון פּוילישען סיים...

דער פּוילישער סיים פרעגט אַז, צי וואָלט נישט גלייך געווען, אידען זאָלען זיך אַביסעל קאָלאָניזירען... װעניגער קרעמער וואָלט נישט געשאַדט... ערד וועט געבען דער סיים, וויפיעל מען דאַרף, וויפיעל מען וועט וועלען...

— היה לא תהיה! — שרייט אויס דער כעלעמער רב, און וואַרפט פריהער דאָס פּאַפּיר און דערנאָך דעם ספּאַדעק אַז דער ערד, פון אידען פּויערים מאַכען? און תורה ווער וועט לערנען?

און איך גיב אַ בלאָז אין שפּיגעלע אַריין און זעה אַ נייע סצענע:

אַ ריינער, בלויער הימעל, אַ גילדענער זומער־טאָג... פעלד און וואַלד בלענדען מיט טויזענטער העלע פאַרבען, — שאַרען לוסטיגע פייגעלעך שווימען אין די לופטיגע ליכט־פּאַליעס און שניידען זיי דורך מיט געזאַנג... און אויפ'ן ברייטען טראַקט, ווי אין אַן עמוד־ענן, פאָהרט אַ ברייט געעפענטע קאַרעטע מיט וואַרשעווער פאַרזאָרגער... מען זעהט זיי אין די אויגען, אַז זיי האָבען געלעזט די אידישע פראַגע „על צד היותר טוב“ — די נעזן גלאַנצען פול מיט נחת! זיי האָבען אין טשענסטעניעוו אַ שולע געעפענט, מען וועט אידישע קינדער ערד־אַרבייט לערנען... מען וועט מיט דער צייט גיטער קויפען, פאַרצעלירען...

אויס קליינע קרעמער! אויס הענדלער, פאַקטוירים, לופטשלינגער, מעקלער אין צירקעל ביי פּאַספּאַרטען און נולדים ונפטרים, אויס „פאַר־דער־באַנק־דרעהער“, „לאָטעריע־מאַכער“, היימישע פּאַסט־פיהרער, לעבעדיג־פלייש־הענדלער, ביי־דער־גרענעץ־עמיגראַנטען־שינדער... אויס, אויס!

אויף דער ערד וועט מען זיי באַזעצען...
און אין מזרח־זייט רוקט זיך שטיל אַרויס אַ קליין שטיקעל וואָלקען — נאַוואָיע ווּרעמיאַ...

איך דערצעהל דעם רעדאַקטאָר די סצענע און ער פאַלט צו־ריק אויפ'ן בענקעל...
באַלד שפּרינגט ער דאָך אויף, ער האָט קעגען מיר אַ ניי כּלי־זין געפונען!
— גאָט אין הימעל, צי האָסט דו פאַרגעסען אַנטאָקאָלסקי'ן?
דאָ וועט שוין שווייגען דיין פאַרשאָלטענער שפּיגעל!
איך וויל מיך פאַרקרימען, גלאַט אַזוי, עס האָט זיך מיר גע־וואָלט פאַרקרימען און ער שפּרינגט אויף, נישט ווי עס פּאַסט פאַר'ן יצר־טוב —
— שקר! — שרייט ער, — מען האָט ביי איהם קיין קבורה־געלט נישט גענומען! אַנטיסעמיטען האָבען אויסגעטראַכט...
איך שפּאַר מיך נישט און ער באַרוהיגט זיך.
— מען מוז זיין ערנסט, — זאָגט ער — אַז אַ פּראָסטער מענש שטאַרבט, נעמט מען זיך אויך צום האַרץ...
„והחי יתן אל לבו“ האָט שלמה המלך געזאָגט!“
„עס איז אַ רעטעניש, אַן אייביגע שרעקליכע רעטעניש...“
און דער יצר־טוב גערט באַוועגט אַרום איבער דער שטוב און רעדט:
— אַ מענש געהט אַרום, אַ מענש מיט אָפענע אויגען...
— מיט אַן אָפען מויל — העלף איך אונטער...
— מיט פרייע הענט...
— אויב מען קוקט נישט אויף זיי...
— און פּלוצים, איידער דו קוקסט זיך אום — ואיננו! די ערד האָט איהם איינגעשלונגען...
דאָרט ליגט ער — די אויגען געשלאָסען, דאָס מויל פאַר־מאַכט... די האַנט — טויט!...
— אַך! ווער איך אויך געריהרט, דער עיקר פון די טויטע הענט, וואָס קאָנען שוין אַפילו קיין פליג נישט אָפּטרייבען...

— בפרט — ציהט ווייטער זינגענדיג דער יצר־טוב — בפרט אזא אנטאקאלסקי...

א מענש, וואס איז ארומגעגאנגען צווישען אונז מיט א גאל־דענער קרוין אויפ'ן קאפ...

מיט א גאלדענער קרוין, פון וועלכער עס האבען שטראלען געשלאגען אויף גאנץ כנסת ישראל...

מיט אפענע אויגען... און פון די אויגען האט ארויסגעקוקט א ריינע גאלדענע נשמה... א רוח־הקדש, כביכול — די שכינה... מיט פרייע הענט... מיט די הענט...

איך ווער צורודערט:

— וואס האבען געטאן די הענט?

— זיי האבען דאס שניידערל געמאכט...

— דאס בלינדע שניידערל, וואס ציהט אריין א גראבען פא־דעם אין א דינע נאדעל?

— אהא! און די „אינקוויזיציע", וואס ער האט יונגערהייט נאך אנגעהויבען, הא?

— און נישט געענדיגט, וואס? די אינקוויזיציע, פון וועל־כער די פרומע דינסט האט א הינער־שטייג פאר כפרות געמאכט!

— א, די פינסטערקייט, — קרעכצט דער יצר־טוב — זיי האבען איהם נישט פארשטאנען... די ווילנער מלמדים האבען גע־ווארענט די קינדער, זיי זאלען נישט שניצען... „נישט אלע קא־נען זיין דעם קייזערס בעלי־מלאכות"... זיי האבען שפעטער אויך נישט פארשטאנען...

— וואס?

— —זיין קריסטוס, זיין איוואן דעם בייזען...

— מיט שטראלען אויף דער כנסת־ישראל?

— שאוויניסט! — זידעלט מיך דער יצר־טוב..

עס שאדט נישט, וואס ער איז אין פרעמדע נשמות אריינ־געקומען, אין פרעמדע הערצער געגראבעלט...

ער איז טריי געבליבען זיין פאלק!...

הער: געבוירען אין ליטווישען הארץ — אין ירושלים דליטא... געלערענט אין א ליטוויש חדר, ביז אין דער לעצטער מינוט מלעיל ומלרע נישט פארגעסען! פון א אידיש ווערטעל נחת געשעפט! קיינמאל נישט גע'שמד'ט! מיט די מאנטעפיארעס

זיך משדך געווען! דעם אייניקעל מיט א בריף אויפ׳ן קאנגרעס געשיקט... אויף א אידיש קברות באגראבען... קיין קבורה־געלט נישט גענומען, שקר! שקר שקרים!...

און ער רעדט ווייטער און ווייטער, איך אבער הער נישט. נאך וואס? דאס וועל איך אין אלע אידישע צייטונגען לעזען, דאס האט מען ביים אפענעם קבר געזאגט...

איך קוק דערווייל בעסער אין מיין שפיגעל!

און אין שפיגעל זעה איך אנטאקאלסקי׳ן אין דער לופט!

ער פליהט ארויף און פון דער שניי־ווייסער נשמה טיילט זיך אפ דער גוף און פאלט אויפ׳ן אידישען בית־עלמין אין אפענעם גרוב אריין!

און ביים אפענעם גרוב שטעהען קהל און רב:

— אונזער אנטאקאלסקי! — רופען זיי במעט מיט פרייד— און מ י ר וועלען איהם באגראבען!

די נשמה דערווייל פליהט ארויף...

וואוהין? מן־הסתם אין גן־עדן אריין!

נאר אין וועלכען?

— א י ן א ו נ ז ע ר ע ן! — בעט זיך דער „וואסכאד" מיט א דין וויינענדיג קול׳בעל...

— ניע סמיי! — שרייט מיט א ריזיגען באס איוואן איוואנאוויטש איוואנאוו — „טי נאש! וו נאש ראי לעטי!" דיין נשמה איז צו ריין, צי טיף, צו ערהאבען, צו געטליך, זאלסט נישט זיין אונזער! וו נאש־ראי, מארש!

די ארעמע נשמה דערשרעקט זיך און פליהט אוועק ל י נ ק ס...

דער ארעמער קליינער „וואסכאד" שפרינגט ווייטער מיט א כעס און כאפט אן איוואן איוואנאוויטש׳ן ביים אויער — פון שטי־וועל...

און נאך א בלאז גיב איך אין שפיגעלע אריין און זעה אנטא־קאלסקי׳ן אין ל י נ ק ע ן גן־עדן!

ביים טיש, וואו עס בליצט מיט ארדענס און עפאלעטען זיצט ער אויך...

דאך פיהלט ער זיך נישט היימליך...

ער האלט אויף א שוימענדיגען בעכער אין דער האנט, די האנט אבער ציטערט.

אינמיטען פאלט ער צוזאמען...

א פליישיגע שווערע האנט האט זיך איהם אויף די דארע אק־ סעל געלעגט — —

— סלושיי, דיין איוואן דער בייזער — א פראכט, כאטש זי־ צענדיג! נאר דיינע אנדערע ארבייטען — זיי מיר מוחל — זענען צו אידיש.

דער רעדאקטאר — דער יצר־טוב — שטעהט אויף, נעמט צו דאס פעקעל צייטונגען און געהט שטילערהייט אוועק...

5.

סעפטעמבער, 1902.

א קורץ צעטעל פון רומענישע גזרות:

טויזענט אכט הונדערט פיער און זעכציג — אידען טארען קיין אדוואקאטען נישט זיין.

טויזענט אכט הונדערט זעקס און זעכציג — אידען ווערען פארדעכענט אלס פרעמדע. דאס נאטירליך באפרייט זיי נישט פון דינען אין מיליטער, פון בלוט-פארגיסען פאר'ן „פאטערלאנד" !

טויזענט אכט הונדערט דריי און זיבציג — אידען טארען נישט האנדלען מיט בראנפען.

טויזענט אכט הונדערט איין און אכציג — ווערט ערלויבט דער פאליציי צו מאכען, ווען עס פאלט איהר איין, רעוויזיעס אין איד־דישע הייזער און ארויסצוטרייבען פון לאנד אומבאקוועמע אידי־שע פאמיליען.

אין זעלבען יאהר ווערט וועקסעל- און קאמיסיאן-געשעפט ער־קלערט אלס מאנאפאל פאר רומענער.

טויזענט אכט הונדערט דריי און אכציג — טויזענט אכט הונדערט זיבען און אכציג — עס ווערט פארמאכט די לאטעריע. און טויזענט אידישע פאמיליען, וואס האבען דערפון געלעבט, בלייבען אהן פרנסה.

עס ווערט פארבאטען פאקענטרעגעריי און פינף טויזענט אי־דישע פאמיליען, וואס האבען זיך דערמיט באשעפטיגט, בליי־בען אהן ברויט.

אידען טארען קיין מיטגלידער אין האנדעלס-קאמערען נישט זיין.

עס ווערט זיי פארוועהרט פארצוטרעטען פאר פרידענס-ריכטער.

זיי טארען נישט דינען אלס שטייער-איינגעמער אין מאגיס־טראט.

דער טאבאק-האנדעל ווערט אידען פארוועהרט.

זיי טארען קיין באאמטע נישט זיין; נישט אננעמען קיין עפענטליכע ארבייט.

רומענער, וואס באשעפטיגען אידען אין דעטאיל־געשעפטען, ווערען באשטראפט.

טויזענט אכט הונדערט ניין און אכציג — אידען טארען קיין וויכטיגע פאדריאדען ביי אייזענבאהנען נישט אננעהמען.

די צאהל פון אידישע ארבייטער ביי אייזענבאהנען ווערט באשרענקט אויף פיערציג פראצענט.

טויזענט אכט הונדערט זעקס און ניינציג — די אומזיסטע פאלקס־שולען ווערען פאר אידען פארמאכט. זיי קאנען נאר אנגענומען ווערען דאמאלט, ווען עס בלייבט פרייער פלאץ נאך די רומענער, און אויך מוז מען פאר אידישע קינדער צאהלען.

טויזענט אכט הונדערט אכט און ניינציג — מיטעל־ און האכשולען (גימנאזיומס און אוניווערזיטעטען) ווערען פאר אידען געשלאסען.

טויזענט ניין הונדערט און איינס — די אויסשענק פון ביער און קאווע, ווי אויך דער פארקויף פון פארבייסען און בעקעריי זאכען ווערט אידען פארווערט.

און צום סוף (אויב צרות האבען א סוף) דער לעצטער שלאג:

טויזענט ניין הונדערט און צוויי — אידען טארען נישט ארבייטען און האנדלען אין פאבריקען...

פרעמדע (לעז: אידען) טארען זיך נישט באשעפטיגען אין רומעניען מיט קיין געווערב (מלאכה), ביז זיי באווייזען נישט, אז אין זייער לאנד האט דער רומענער דאסזעלבע רעכט...

אלע פאך־שולען ווערען פאר אידען פארמאכט; זיי טארען אויך נישט איינטרעטען אין די צעכען!

אייראפא, וואס האט רומעניען באפרייט פון דעם טערקישען יאך און אויסגענומען, זי זאל אידען גלייכע רעכטע געבען, זעהט און הערט און שווייגט, יעדערער האט אזוינע זינד אויפ'ן געוויסען (אויב פעלקער האבען עס) — אזוינע זינד, שווערערע, לייכטערע — עמיץ זאל קאנען מוסר זאגען יענעם און אליין נישט רויט ווערען...

„און אמעריקא — האבען מיר זיך אויסגערדריקט אין איינעם פון די פריהערדיגע ראש־חודש'ען — אמעריקא, וואס האט געגוג לאנגע הענט געהאט, צו דערגרייכען ביז הישפאניען און אויסרייי־

סען איהר קובא פון מויל, האט צו קורצע הענט צו דערלאנגען ביז רומעניען". נאר אויב נישט גענוג לאנגע הענט, א גרויס מויל האט עס, שרייען קאן אמעריקא... און שרייען מ ו ז עס, ווייל טויזענטער און טויזענטער רומענישע אידען אנטלויפען פון גיהנום, פון שעבט-הויז צום פרייעם לאנד... און אמעריקא, אבוואל זי האלט אידען פאר פיין, גוט, עהרליך, פעהיג און ארבייטזאם, קאן אזוי פיעל אידען מיט אמאל נישט פארדייען — און אמעריקא איז ארויסגעטרעטען מיט א געוואלט-שרייענדיגען פראטעסט געגען „רוצח'שען, מערדערישען רומעניען!"

אייראפא (אויסער ענגלאנד, וואס ליידט, גלייך מיט אמעריקא אויף אידישע עמיגראנטען קרענק) ש ו ו י י ג ט ! זי, איז מען אפיציען מודיע אויפ'ן וואונק, פיהלט זיך אפילו באליידיגט! ס'טייטש, ווי קומט אמעריקא א דעה צו זאגען אין אייראפא?! סדום'ס טענה צו לוט!

דאך גאר אהן א ווירקונג איז דער אמעריקאנישער פראטעסט, פון ענגלאנד אונטערגעהאלטען, נישט געבליבען. רומעניען איז קלוג, רומעניען האט פארשטאנען, וואס אמעריקא און ענגלאנד מיינען, און האט ארויסגעגעבען א שטילע, נאר א נייע גזרה — מען זאל אידען קיין אויסלענדישע פאספארטען נישט ארויסגעבען.

א קאמפאניע עמיגראנטען האט מען פון דער גרענעץ צוריקגעפיהרט.

און אונזערע אויסלענדישע אסימילאנטען האבען אודאי פריי אפגעאטעמט: פטור פון רומענישע אידען!

עס וועלען פארמאכט ווערען די באראקען, ביליגע קיכען, שפיטעלער, פאר עמיגראנטען; אויס קאמיטעטען! און מען וועט זיך רוהיג נעמען צו וויכטיגערע פראגען: צי זאל מען איבערטראגען שבת אויף זונטאג! צי איז די צאהל פון פרעדיגער און קאנטארען נישט צו קליין? וכדומה...

די רומענישע אידען וועלען זיך בראטען אויפ'ן לאנגזאמען רומענישען גיהנום-פייער, נאר די ווינער לאנגע און פיינע צדקה-נאז וועט דעם סוואנד פון געדוויכערטען פלייש נישט פיהלען — הונדערטער און טויזענטער וועלען אויסגעהן פאר הונגער, נאר די קלארע צדקה-אויגען וועלען עס נישט זעהן, און דאס רייך-בארמ-

הערציגע האַרץ וועט נישט וועה טון... אי וואָס, עולם־הבא? צדקה ומעשים טובים וועט אויפ׳ן אָרט אויך נישט פעהלען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נישט אויף ישועות ונחמות האָבען מיר ז׳ך צו ריכטען פון רומעניען, וואו דאָס געזעץ האָט ערקלערט אידען אלס פרעמדע און רייסט ביי זיי אויס דעם לעצטען ביסען פון מויל, און נישט אויף בשורות טובות פון גאַליציען, וואו אידען זענען גלייכבארעכ־טיגט, וואו דאָס געזעץ מאכט קיין שום אונטערשיד נישט צווישען „גאַנצע" און „באַשניטענע". ביי דער פּאַפּירענער פרייהייט ווערען די קנאָפּע ניין מאָל הונדערט טויזענט אידען אין גאַליציען באַי־קאָטירט, ארויסגעטריבען פון יעדען געווערב, פון יעדער באַשעפ־טיגונג, און שלעכט באַהאַנדעלט און ערנידעריגט אויף יעדען שריט און טריט. עס האָט זיך אויסגערעכענט, אז צוויי מאָל הונדערט טויזענט אידען זענען איינפאַך אָהן ברויט, לעבען פון בעטלען, פון גראַשענדיגער צדקה. נישט דאָס ג ע ז ע ץ טוט עס, נאָר דאָס פ אָ ל ק. דאָס פאָלק אליין פון ארבייטער ביז שלאַכטשיץ, ביז׳ן העכסטען באַאַמטען אין דער אדמיניסטראַציאָן, אין געריכט... פון צייט צו צייט ווערט דאָס פעבעל אונטערגעהעצט און מאכט פּאָג־ראָמען אין דערפער און שטעדט; פון צייט צו צייט ווערען אידישע הייזער, גאַסען און שטעדטלעך אונטערגעצונדען און פאַרברענט; פון צייט צו צייט — אידישע טעכטער פארכאַפּט, פאַרפיהרט און אָפּגעטויפט...

דאָס פּאַפּירענע געזעץ שווייגט, און די קראַפט פון געריכט און פאָליציי טרעט נישט איבער די שוועל פון קלויסטער!...

עס איז שלעכט, און עס מוז ערגער ווערען. עס מוז, ווייל די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע גאַליציענס פאַלט פון טאָג צו טאָג! עס איז שלעכט און עס מוז ערגער ווערען, ווייל א מאַסע פון די גייסטליכע אָרדען, וואָס האָבען זיך נישט געוואָלט אונטערגעבען דער פראַנצויזישער רעגירונג און האָבען געמוזט ארויס פון פראַנק־רייך, האָבען זיך שטילערהייט אימערצוינגען און באַזעצט אין גאַלי־ציען. גאַליציען וועט פרומער, וועט, אויב עס איז מעגליך קאַטוי־לישער ווערען און די רעאַקציע וועט וואַקסען וואָס אמאָל שטאַר־

קער... און, ווי געזאגט, ביים טויער פון קלויסטער ענדיגט זיך די מאכט פון קייזערליך־קעניגליכען באאמטען!...

— —

אין רוסלאנד האט די רעגירונג ערלויבט אן אלגעמיין אידיש־רוסיש־ציוניסטישע פארזאמלונג אין גובערניאל שטאדט מינסק. די אסיפה איז געווען א גרויסע און האט מיט דער צאהל פון די דע־לעגאטען, ווי אויך מיט דער ארבייט איבער די עטליכע טעג, באַ־וויזען, אז די ציוניסטישע באוועגונג וואקסט פון טאג אויף טאג.

די פארזאמלונג האט געעפענט דר. ברוק מיט א רעדע, אין וועלכער ער האט פעסטגעשטעלט, און, ווי עס זעהט אויס, מיט דער איינוויליגונג פון דער מעהרצאהל אויף דער אסיפה, אז די ציוניס־טישע ארבייט באשטעהט נישט נאר אין דער פאליטיק, וואס איינ־צעלנע פערזאנען קאנען פיהרען אין נאמען פון דער גאנצער פאר־טיי, נאר אויך און נישט ווענינער, אינ'ם שטרעבען אויפצואוועקען די פארשלאפענע קרעפטען פון פאלק, צו אנטוויקלען זיי און אר־גאניזירען. דאס פאלק, וואס האט ביז אהער באנוצט אזוי פיעל קראפט און ענערגיע אויף אויסהאלטען, איבערלעבען, און שוויי־גענדיג ליידען, מוז אנהויבען פארווענדען די קראפט אויף אויפ־לעבען, פאראייניגען און ארגאניזירען זיך.

פון די באריכטען איבער דער ציוניסטישער באוועגונג אין די ראיאנען אין רוסלאנד, האט זיך אויסגעוויזען, אז איבער דער קור־צער צייט האבען זיך פארמעהרט אזוי די צאהל פון די פונקטען, וואו דער ציוניזם האט זיך אנגענומען, ווי אויך די צאהל פון איינ־צעלנע ציוניסטישע פאראיינען. די שקל־סומע איז אויך געוואק־סען. דער פארקויף פון אקציען פאר דער קאלאניאל־באנק איז גוט געגאנגען; עס איז געזאמעלט געווארען פאר'ן נאציאנאל־פאנד, און די קולטור־פראגע, ווי עס ווייזט זיך אויס, באשעפטיגט דאס מעהרסט פאראיינען. עס עקזיסטירען מאסען פאראיינען און עס גרינדען זיך נייע מיט'ן צוועק צו לערנען העברעאיש, אידישע גע־שיכטע, צו גרינדען מוסטער־חדרים און דעסגלייכען. די עקאנא־מישע פראגע פארנעמט אויך א געוויסען פלאץ אינ'ם פאראיין־לע־בען. עס ווערען צוזאמענגעשטעלט ארטעלען, אלערליי ארט ארביי־טער־צוזאמענלעבען און ווירקען, עס ווערען געעפענט ביליגע קרע־דיט־קאסען א. ד. ג.

אויף דער פֿאַרזאַמלונג האָבען זיך דאָס ערשטע מאָל די רוסיש־פּוילישע ציוניסטען געשפּאָלטען אויף דריי אונטערפּאַרטייען.

1) „מזרחי“ — וואָס פֿאַרזאַמעלט אונטער׳ן פֿאָהן ציוניסטישע רבנים, אַזוי קאָנסערוואַטיוו־פֿרומע אידען, ווי אויך אַ געוויסע צאָהל אינטעלעגענטען „בעלי תשובה“... אָן דער שפּיץ שטעהט דער לידער רב — ריינעס.

2) די פֿראַקציע, אָדער די „ראַדיקאַלע“ אָדער די „פֿאָלקס־פּאַרטיי“, וואָס באַשטעהט ס׳רוב פֿון יונגע ציוניסטען, אויסלענדישע און אינלענדישע סטודענטען — אָן דער שפּיץ שטעהען מאָצקין און דר. וויצמאַן.

די פּאַרטייען זענען די ר ע כ ט ע און די ל י נ ק ע אין ציוניזמוס.

בשעת, ווען מזרחי בויט אַלץ אויף רעליגיאָן און ציטערט פֿאַר „קולטור“ נישט לויט דעם רבני׳שען רעצעפּט, בויט די פֿראַקציע אויפ׳ן נאַציאָנאַל־געפֿיהל, נישט אָפּהענגיג פֿון גלויבען און פֿרומקייט.

פֿון דער רעכטער און לינקער שניידט זיך אָפּ אַ געוויסע

3) מיטעל־פּאַרטיי, וואָס באַשטעהט: פֿון „ווילדע“, וואָס ווילען געהן זייער אייגענעם וועג; פֿון ציוניסטען, וואָס האַלטען דאָס שפּאַלטען פֿון ציוניזמוס אויף אונטער־פּאַרטייען פֿאַר שעדליך, אין אַזוי מ י ט ע ל מ ע נ ש ע ן...

באַמערקט איז געוואָרען, אַז די פֿראַקציע האָט זיך, וועהרענד דער אסיפה, אין דער צאָהל פֿון אָנהענגער געשטאַרקט.

אויסער מיט באַריכטען פֿון אַלע ראַיאָנען, האָט זיך די מינסקער ציוניסטישע פֿאַרזאַמלונג באַשעפֿטיגט מיט צוויי הויפּט־פֿראַגען — וועגען אָ ר גּ אַ נ י ז אַ צ י ע און ק ו ל ט ו ר.

וועגען אָ ר גּ אַ נ י ז אַ צ י ע איז מען צו קיין פֿעסטען באַשלוס נישט געקומען און געזעצט אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל פֿאַרשטעלען דער צווייטער אַלגעמיין־רוסיש־ציוניסטישער פֿאַרזאַמלונג, ווען נישט — דעם קאָנגרעס אַ נייעם פּראָיעקט. בנוגע צו ק ו ל ט ו ר איז געבליבען, ע ר ש ט ע נ ס, אַז קולטור ווערט גערעכענט פֿאַר איינע פֿון די וויכטיגסטע נאַציאָנאַל־אַרבייטען: עס זענען געוועהלט געוואָרען צוויי קולטור־קאָמיסיאָנען, איינע פֿאַר דער פֿרומער „מזרחי“ פּאַרטיי, די צווייטע פֿאַר די פֿרייע

ציוניסטען, און געבליבען איז, אז די שקל־קאַסע דאַרף ב י י ד ע שטיצען. די ציוניסטישע קולטור־ארבייט איז, ווי עס זעהט אויס, באַגרענעצט געוואָרען אויף נ אַ צ י אָ נ אַ ל ־ ק ו ל ט ו ר — העברעאיש, אידישע געשיכטע, רעפאָרם פון חדרים און ישיבות און דערגלייכען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף א י ד ע ן האָט די מינסקער פאַרזאַמלונג געמאַכט אַ איינדרוק אַ ג ר ו י ס ע ן, אַבער נאָך א גרעסערען אויף דער פוילישער פּרעסע.

דעם צופאַל, אַז פאַר'ן עפענען די אסיפה האָט עמיץ באַלייידיגט דעם „פאַרשטעהער“ פון דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ“ און דער איז אַנטלאָפען פון מינסק, האָט מען אויפגעבלאָזען, ווי א „לונגאון לעבער“ און געמאַכט דערפון אַן אַנטיסעמיטישען „פּתום־ורעמסם“... דעם „קאָרעספּאָנדענט“ האָט מען אויפגעהויבען ביז צו דער מדרגה פון לכל־הפּחות אַן אמבאַסאַדאָר אין א פרעמדער מדינה, באַפאַלען זענען דעם אמבאַסאַדאָר, הונדערט, אויב נישט טויזענטער דעלעגאַטען! ווילד, באַרבאַריש, שרעקליך! און דער צוועק דערפון איז געווען, מען זאָל קאָנען ארבייטען אין דער פינסטער, בסוד פאַר'ן קריסטליכען פּובליקום, און — וואו א סוד, איז א גנבה, בפרט א אידישער סוד! מען וויל, ווענינגסטענס אונטערמינירען פּוילען און אויסשיסען אין דער לופט! און דאָך האָט די פּוילישע פּרעסע פון דער מינסקער פאַרזאַמלונג נישט וועניג געשריבען! און ווי עהרליך! למשל:

די מינסקער אספה האָט ערקלערט העברעאיש אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַכע, און די קלוגע פּוילישע פּרעסע, וואָס כאַפּט אַלץ פון דער לופט, ווייסט נישט קיין אונטערשיד פון ה ע ב ר ע א י ש ביז א י ד י ש, (זיי ברענגען גאַנץ אָפט איבערזעצונגען — נאַטירליך—געפעלשטע פון „זשאַרגאָנישען“ „המליץ“ צי „הצפירה“!) — און באַלד איז אויסגעבלאָזען געוואָרען א שרעקליכע נאַכריכט, אַז די מינסקער אסיפה האָט באַשלאָסען, אַז די אידישע נאַציאָנאַל־שפּראַכע איז זשאַרגאָן! און זשאַרגאָן — זאָגט די פּוילישע פּרעסע — איז דייטש; דייטש איז היינט אין פּוילען טרפה, ווי חזיר, אייבער דער האַקאַטע! על כן: ווילען די ציוניסטען, דאָס הייסט

אַלע אידען, רעדען דייטש, ווערען האַקאַטיסטען און לכל־הפּחות— חרב מאַכען פּוילען!

מיט שוים אין די מיילער ווערען דערצעהלט טויזענטער שקרים, בלבולים...

און דער א מ ת — די פּוילישע פּ ר אַ ו ו ד אַ?

די „פּראַוודאַ" מוז זיין אָריגינעל און פריי! זי זאָגט קיין שום פאָלק נישט אָפּ דאָס רעכט צו האָבען אַן אייגען לאַנד און צו לע־בען דאָרט זיין באַזונדער לעבען — נאָר פאַרבאַרייטען זיך דערצי־דאַ, ביי דער „פּראַוודאַ" אין פּוילען — דאָס איז אַן אומערהערטע עולה! רייס פון עץ החיים עפּעל וויפיעל דו ווילסט, נאָר איבער׳ן צוים פון גן־עדן קריך נישט און אויפ׳ן וועג צום בוים זאָלסט דו קיין פוס נישט שטעלען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער באַריהמטער פראַנצויזישער שרייבער זאָלאַ איז פאַר־גאַריט געוואָרען און געשטאָרבען.

די פּוילישע „ראָלאַ" שרייבט: „זאָלאַ האָט נישט געגלויבט אין גאָט, ער איז ווידערשפּענסטיג געוואָרען זיין הייליגען קלויסטער— אַ מצוה אויף איהם! איהר שפּילט אייך מיט גאָט?"

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר אויב די אַנטיסעמיטיש־פּוילישע פּרעסע (דאָס הייסט דריי פיערטעל פּרעסע מיט נײַנציג פּראָצענט לעזער!) האָבען ווע־ניג סימפּאַטיע פאַר זאָלאַ און נאָך וועניגער פאַר דער מינסקער אסיפה, צוגעהט זי זיך פאַר דאָס, ווי אַ וואַסער אויס לויטער רחמנות איבער דער אומגליקליכער לאַגע פון אומגליקליכען רו־מעניען — — —

עס זיצען אין איהר אידען, ווי די ווערים אין אַ פלוים, און פרעסען זי אויף, און וויל מען זיך פאַרטיידיגען, נישט לאָזען זיך אויפפרעסען פון די ווערמיגע וועלף (אַזוי וואַקסט אַלץ ביי אַנטי־סעמיטען אין די אויגען), קומט אַמעריקאַ, אונטערגעהעצט פון איי־דישע באַנקירען און פּראָטעסטירט! — און עס געהט דורך אַ גע־וויין דורך די „בלעטער", און דער פּויליש־קריסטליכער לעזער לעזט און מאַכט פויסטען און קריצט מיט די ציינער... און די אידיש־

פוילישע אינטעליגענץ, וואס ערנעהרט זיך און דערהאלט די אי־דישע נשמה מיט די פוילע קריסטליך־אנטיסעמיטישע בלעטער שמייכעלט: אלץ לאזט זיך איבערקויפען! שאדט נישט! און געהט רוהיג אין טעאטער, אין צירק אריין... איבערקויפען זאל ראטשילד, בלייכרעדער!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

געשטארבען איז דער מעמעלער רב — דר. י. רילף.

די ציוניסטישע פארטיי פארלירט אין איהם איינעם פון איה־רע טעטיגסטע מיטגלידער. די דייטש־אידישע טעאלאגיע — איהר גרעסטען געלעהרטען און רוסיש־פויליש־אידישע עמיגראנטען אן אויסלענדישען פריינד, און מיר האבען זיי אזוי וועניג צווישען די דייטשע אידען!...

6.

אָקטאָבער, 1902.

פרעגט א פּראָווינץ־פּאַנאַטיקער (א אידען צו נישט קיין אי־דען) וואָס איז אַזויגס שגעון? וועט ער אייך ענטפערען אויף קלאָר: א דבוק, א רוח... משוגע ווערט א מענש, ווען ער ווערט ב א ז ע ס ע ן פון איינעם פון יענע לייט, וואָס איז געפעהרליך צו דערמאָנען. אשמדאי אליין צי לילית מאכט זיך אמאָל א שפּאַס און קריכט אין א מענש אריין! און וועמען טוט וועה, אַז מען שלאָגט א משוגע'נעם, אז מען באוואַרפט איהם מיט שטיינער, אז מען פּייניגט איהם? מן־הסתם דעם בעל־דבוק! פון דעם איז נאָר איין טריט צו דער מיינונג, אז א „משוגעת" איז א מצוה צו שלאָ־גען צו דורס'ען... אזוי שלאָגט מען דעם שגעון ארויס! און אזוי טוט טאָקע דער גראָבער מאַרק־עולם, ווי אויך אונזערע ווילד־גע־בוירענע קינדער, איידער די שולע, די ליטעראַטור און דאָס לע־בען צווישען מענשליכע מענשען שלייפט און פּיילט אָפּ די ווילד־קייט פון די יונגע נשמות... אַלטע מענשען געדענקען אבער נאָך די צייט, ווען א ל ע האָבען אזוי געמיינט, ווען א „הקדש" צי א שפּיטאָל פאר משוגעים איז ערגער געווען פאר די ערגסטע טורמע, שרעקליכער אפשר פאר'ן אמת'ען גיהנום. ווען פּייניגען, שלאָגען, שמידען און בינדען זענען געווען די איינציגע רפואות, וואָס דאָס כמעט הייליגע „פּארצייטענס" האָט געהאַט, אויסער השבעות און החרמות, פאַר'ן אומגליקליכען קראַנקען. עס זענען שוין אבער אנ־דערע צייטען, היינט ווייסט מען שוין, אז שגעון איז א קרענק, אז אומגליק, נישט קיין דבוק, נישט קיין רוח; אז אויב מען שלאָגט, טוט וועה דעם קראַנקען מ ע נ ש, אויב מען פּייניגט א קראַנקען מענש, איז מען ווילד, באַרבאַריש ווילד, און די שפּיטעלער זענען ־עפאַרמירט געוואָרען, און די אומגליקליכע קראַנקע האָבען אונזער האַרץ, אונזער מענשליך רחמנות געוואונען.

פּונקט אזא טעות האָט די מענשהייט געהאַט און האָט נאָך קענען אַנדערע אומגליקליכע, קענען — פאַרברעכער.

דער אומגעבילדעטער מענש, וואס זעהט אין דעם גייסטעס־קראנקען א רוח צי א דבוק, זעהט אין יעדען פארברעכער א להכעיס'ניק, א „שלעכטע זאך", א מענש, וואס וויל גערנוויליג יענעמס לייד, וואס האט נחת פון יענעמס צער, א שלעכטען מענש, אז וועלכען מען דארף זיך נוקם זיין, וואס פארדינט, וועניגסטענס, אלערליי שטראף! דער פרומער וועט נאך צוגעבען: א מצוה! דער פרומער מיט א גוט הארץ: א טובה! — זאל ער אביסעל אפ־קומען אויף דער וועלט!

דער געבילדעטער מענש אבער ווייסט שוין פון טעות. ער ווייסט, אז ניינציג פראצענט פארברעכער זענען געוועהנליכע מענ־שען, טיילמאל, אפילו גאנץ אפט, גוטע מענשען, וואס נאר די נ ו י ט טרייבט צו דער זינד... זיי זאגען, אז אויב די מענש־ליכע געזעלשאפט נעמט אויף זיך די פליכט, צו פארהיטען דאס געזונט מיט'ן פארמעגען פון איהרע מיטגלידער געגען דעם פ א ר־ב ר ע כ ע ר, איז זי נאך מעהר מחויב, צו בעווארענען איהרע מיט־גלידער פאר'ן פ א ר ב ר ע כ ע ן א ל י י ן! שולען פאר אלע, ברויט, א ראד איבער'ן קאפ, דאס וועניגסטע, וואס א לע־בענדיגער מענש מ ו ז האבען, און די טורמעס — זאגען זיי — וועלען בלייבען לער, אדער כמעט לער! און אויב דער אידעאל אונטערצוברענגען דאס פארברעכען אליין, איז פאר א ווייטערע, שפעטערע צייט און אוממעגליך פאר ה י י נ ט; אויב די מענשליכע געזעלשאפט איז דערוויל נישט אימשטאנד דאס פאר־ברעכען צו פארניכטען, האט זי וועניגסטענס נישט דאס רעכט, דעם פארברעכער בארבאריש צו באהאנדלען!

זי טאר זיך נישט נוקם זיין אן דעם, וועמען זי האט דאס לעבען אהן פארברעכען אוממעגליך געמאכט, אדער וועמען זי האט נישט אויסגעלערענט צו אונטערשיידען צווישען „גוט" און „שלעכט"... זי טאר נישט שטראפען דעם אומגליקליכען פארברע־כער פאר זיין אייגענע זינד. און אויב זי איז געצוואונגען דעם פאר־ברעכער אומשעדליך צו מאכען, אפצוזונדערען, אפצושליסען און באשעפטיגען מיט ארבייט, אפילו מיט שווערער ארבייט, מוז זי עס טון מיט בארמהערציגקייט — —

— „אראפ די קייטען"! —

אזוי קורץ און שארף איז געווען דער באפעהל פון איטאליע־נישען יוסטיץ־מיניסטער!

איטאליענישע קייטען ווערען פארקויפט אויף אלט אייזען, אויף ברוך! 700 אומגליקליכע פארברעכער, „באשטראפט" אויף לעבענסלענגליכע ארבייט, ווילען ארבייטען אהן קייטען!

איטאליען האט אין דעם פאל איבערגעשטיגען אלעמען...

אידען אין איטאליען איז דא זעהר ווענינ. דער טייל, וואס אידען האבען אין פארברעכען, וואס ווערען מיט קייטען באשטראפט איז איבעראל צו גרינג; עס איז דעריבער קיין אידיש נייעס נישט.

און דאך דערצעהל איך עס אייך. ערשטענס — פארוואס נישט? איהר זייט דאך מענשען! צווייטענס, שטעקט דערינען אביסעל אידישקייט, תורת משה ווייסט נישט פון קיין שטראף אלס נקמה. מען באשטראפט „למען ישמעו ויראו, ולא יוסיפון"... און: „אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו"...

דאס רעשט נייעס פון היינטיגען חדש איז נישט אזוי פרעה־ליך.

אין בערלין האט זיך לעצטענס אפגעשפילט דער לעצטער אקט פון דער קאניצער טראגי־קאמעדיע.

פאר'ן געריכט זענען געשטאנען אנטיסעמיטען, וואס מען האט פארקלאגט, אז זיי האבען מוטוויליג, מיט שלעכטען געוויסען, גע־וואלט מאכען פון א געוועהנליכען מארד — א רעליגיעזען מארד; אויפבלאזען א בלבול דם. אין געטויטען ווינטער'ס גוף איז געווע־זען דאס גאנצע בלוט, אויפ'ן האלז איז קיין צייכען פון „שחיטה" נישט געווען, און צום סוף האט אן אנטיסעמיטישער דאקטאר גע־זאגט: אז מען האט איהם געקוילעט, כדת משה וישראל" און אויס־געצאפט דאס בלוט אויף מצות לכבוד פסח! די אנטיסעמיטישע באנדע האט נישט גערוהט און פון טאג צו טאג אויסגעקלערט נייע בלבולים אויף אנדערע קאניצער אידען; עס איז כמעט קיין איינציגער קאניצער איד פון בלבול נישט פריי געווען. די באנדע האט אויפגעבלאזען געגען אידען א פייערדיגע שנאה, האט אזוי געווירקט אויפ'ן געריכט, אז עס איז גענוג געווען, א קאניצער איד זאל נישט קאנען אויסווייזען גענוי, וואו ער איז געווען אין דער צייט, ווען דער מארד איז געשעהען, ער זאל אפזיצען גאנצע

חדשים אין תפיסה. די גריבטס־דיענער, וואס האבען נישט גע־פאלגט די באנדע, וואס האבען געזוכט דעם אמת, האט מען אין די אנטיסעמיטישע בלעטער באשמוצט, און פארקלאגט, אז זיי זענען איבערגעקויפט, אז זיי זענען אידישע משרתים...

און אין בערלינער געריכט האט דער אמת מנצח געווען: צוויי פארקלאגטע אנטיסעמיטען, די רעדעל־פיהרער פון דער קאניצער באנדע, זענען באשטראפט געווארען מיט געפענגניש; דער פסק פון בערלינער „בית־דין־צדיק" זאגט בפירוש ארויס, אז דער בלבול איז א בלבול געווען, נאר א קליין ווערימעל שטעקט אין שעהנעם עפעל.

א פראקוראר האט עדות געזאגט, אז רעליגיעזער מארד איז אין דייטשלאנד אוממעגליך! די דייטשע אידען זענען צו געביל־דעט, האלטען נישט פון אידישען אבערגלויבען!...

א כמארע האט אויסגערעגענט, א צווייטע קומט אן. איין בלבול דם איז אוועק; עס איז שוין שיער נישט געווען א צווייטער!

געשעהען איז עס אין מצרים. מען האט איינגעזעצט א גע־וויסען חיים כהן, א יונגענמאן פון ירושלים, דערפאר, וואס ער האט געוואלט ארויסנארען א זיבען־יעהריג מיידעל און שעכטען זי אויף פסח... דאס זיבען־יעהריגע מיידעלע איז געלעגען קראנק אויפ'ן האלז, און חיים כהן (אזוי זאגט דער אקט) האט געוואלט זי איבערקויפען מיט זיסע זאכען און ארויסנארען פון שטוב אכט חדשים פאר פסח, איבערהאלטען זי די גאנצע צייט, דערנאך קוי־לען כדת משה וישראל און באנוצען דאס בלוט צו די מצות...

א שכנה האט אין דער צווייטער שטוב געהערט חיים כהן'ס רייד, נאר אז זי איז אריינגעלאפען צום מיידעל, איז שוין חיים כהן אין שטוב נישט געווען! דעם טויער־היטערס ווייב האט גע־זעהן, אז חיים כהן האט, ארויסגעהענדיג פון הויז, געהאט אין דער האנט א קעסטעל, אין וועלכען מען האלט געוועהנליך זיסע זאכען! דאס מיידעל אליין האט פריהער געזאגט, אז נישט חיים כהן איז עס געווען, נאר דערנאך האט זי געזאגט, אז יא!

אויף דעם עדות־זאָגען איז חיים כהן פאַר׳משפט געוואָרען אויף א יאָהר געפענגניש מיט שווערער ארבייט...

נאָר שרעקט אייך נישט! עס איז קיין רעכטער בלבול דם נישט געוואָרען... א פראַקוראַר אין מצרים איז אמאָל קליגער, ווי זיינס גלייכען אין דייטשלאַנד. ער האָט געזאָגט, אז ער באשולדיגט נישט חיים כהן, אז ער האָט געוואָלט כאפּען א קריסטליך מיידעל און שעכטען לכבוד פּסח אויף כשר׳ע מצות... עס וואָלט געווען צו נאַריש! אידען דאַרפען קיין בלוט צו מצות נישט! אָבער א קריסטליך מיידעל, ווען אפילו א זיבען־יעהריגעס, קומט צו־ניץ. מען קאָן זי פארקויפען אין א שאַנד־הויז אריין, צו א קונצען־מאכער וכדומה...

דאָס זאָגט דער פּראַקוראַר און — דאָס פאָלק?

דער פּראַקוראַר וועט שוין קיין שטיינער אין א אידיש פענס־טער אריין נישט וואַרפען, אָבער די רומענער, די גריכען און די קאָפּטען אין מצרים — זיי קאָנען עס גאַנץ לייכט טון! חיים כהן איז דאך דערווייל פאר׳משפט!

דער אמעריקאנער פּראָטעסט געגען רומעניען איז שוין כמעט פארגעסען געוואָרען.

רומעניען האָט פארשטאַנען אין וואָס עס געהט און איהרע אמבאסאדארען אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק האָבען צו וויסען געטאָן, אז די רומענישע רעגירונג איז נישט אימשטאַנד איינצוהאַלטען די אידישע עמיגראציע. און אין דעם איז עס, ווי עס זעהט אויס, ווירק־ליך געגאַנגען. מיר ווילען נישט דערמיט ארויסטרעטען אומדאַנק־באַר געגען אמעריקא, וואָס האָט פּראָטעסטירט און נישט געגען ענגלאַנד, וואָס האָט דעם פּראָטעסט אונטערגעהאַלטען. ענגלאַנד און אמעריקא קאָנען נישט צופרידען זיין פון א מהומה׳דיגער עמיגראַציע פון אן אָרעמסטען קלאַס מענשען, און צוויי וועגען האָבען זיי געהאַט זיך דערפון צו פארהיטען, איינעם א זיכערען: צו פארמאַכען די גרענעץ פאר פרעמדע אידען, און א צווייטען: צו פּראָוואָוען פּראָטעסטירען, צו פאררופען זיך אויף מענשליכקייט, אויף יושר, פּראָוואָוען איינוועקען ביי רומעניען, צי אזוי ביי איי־

ראפא, א פונק רחמנות... געוועהלט האבען דיביידע פעלקער ־עס נישט־זיכערען, נאר דעם מענשליכען וועג! און — ער האט דערוויל צום צוועק נישט געפיהרט.

פון רומעניען קומען אלע נייע ידיעות, אז מען ריכט זיך אויף בעסערע צייטען פאר אידען; אז מען רעכענט עפעס פאר אידען צו טון; אז עס איז מעגליך, אז מען וועט זיך נעמען צום הארץ— — אלע ווייסען, אז דאס זענען שקרים, פאלשע שמועות, וואס רו־מעניען פארשפרייט צו פארבלענדען די אויגען, צו פארקלענערען די געפאהר. טאמער רופט זיך נאך עמיץ אן, און וואס שאדט עס, מען רעדט? אלע ווייסען עס און אלע שווייגען, אויסער דייטשלאנד! דייטשלאנד האט נישט געשוויגען, דער אפיציעלער „רייכס־אנצייגער“ האט גערעדט! ער האט גערעדט צוליעב דעם קעניג קארל, דעם דייטש, וואס רעגירט אין רומעניען, פאר זיין כבוד וועגען! און צוליעב די דייטשע קאפיטאליסטען, וואס האבען די רומענישע רעכטע אין דער האנט, פאר זייערע קופאנעס וועגען! זאל אייראפא נישט מיינען, אז קעניג קארל איז א בארבאר, זאל אייראפא נישט האלטען דעם רומענישען קרעדיט פאר פארלוירען— צוליעב דעם איז דער „רייכס־אנצייגער“ ארויס מיט א ברענענדי־גען ארטיקעל געגען — רומענישע אידען, די אומזיסטע פרעסער, שינדער, וואס עקספלאטירען דאס אומשולדיגע לאנד, וואס פרע־סען עס אויף לעבענדיגערהייט...

געגען אזא הויכען און טיפען אנטיסעמיטיזם, וועט דאס בערלינער געריכט שוין גארנישט האבען!

— די פרייזיניגע פארטיי וועט דאך פרעגען דעריבער אין פארלאמענט?

— וועט זיין נאך אביסעל דברים בטלים!

אין ווין איז צווישען די עסטרייכישע ציוניסטען און דער אידישער פאלקס־פארטיי געקומען צו א פשרה. דעם דריי און צוואנציגסטען אקטאבער (נייעם סטיל) איז געווען אן אסיפה פון די פארשטעהער פון ביידע פארטייען און זיי האבען אונטערגע־שריבען א פראטאקאל, לויט וועלכען ביידע פארטייען נעמען אן,

— פון איין זייט דאָס פּראָגראַם פון דער אידישער פאָלקס־פּאַרטיי — דאָס געגענוואַרטס־פּראָגראַם צו הויבען דאָס אידישע פאָלק גייסטיג,ווירטשאַפטליך און קערפּערליך — און פון דער צווייטער זייט דאָס ציוניסטישע פּראָגראַם, וואָס דער באַזעלער קאָנגרעס האָט אויפגעשטעלט צו שאַפען און עפענטליך רעכטליך געזיכערטע היים פאַר'ן אידישען פאָלק אין אידישען לאַנד.

ביידע פּאַרטייען זענען זיך מתחייב איינע די צווייטע צו שטיצען, איינע דער צווייטער צו העלפען און צוזאַמען צו פעכטען פאַר'ן אידישען פאָלק.

פאַר'ן אידישען פאָלק! נישט אַלע דאַך זענען זיכער, אַז עס איז פאַראַן אַז אידיש פאָלק! נישט אַלע אינטעליגענטען, מיין איך! און פון וואַנען זאָלען זיי עס וויסען? מענשען, וואָס זענען פון פרעמדע פרעמדאַרטיג אויפערצויגען, קוקען נאָר פרעמדע אין מויל אַריין! אפילו נאַציאָנאַליסטען־ציוניסטען פרעגען עצות, צי מען מעג? נישט נאָר ביי רבנים, נאָר וואו אויך אַ שריפטשטעלער, וואו אַ פעדער־האַלטער, בפרט וואו אַ פּאָליטיקער! און נישט איין שוואַך־קאָפּ קאָן משוגע ווערען, הערענדיג אַלערליי תשובות פון אַלערליי גרויסע לייט... איינער זאָגט: יאָ, אַ צווייטער: ניין, אַ דריטער וויל זיך ערשט מישב זיין; פון אידישען פאָלק האָט ער אפילו עפּעס געהערט, נאָר וואָס און ווען געדענקט ער נישט...

און אונזערע שוואַך־קעפּ (דער זעצער זאָל זיך נאָר נישט טועה זיין אויף שאַפּס־קעפּ) וואַרטען אומגעדולדיג און מיט האַרץ־ציטערניש אויף אַ נייעם פּסק, וואָס זאָל אַרויסגעגעבען ווערען אין ווענעציען פון דער סטודענטען־געזעלשאַפט „קאַרדאַ־פראַטער" דאָס הייסט: „האַרציגע פריינד". די סטודענטען ־ געזעלשאַפט האָט זיך פאַרבונדען צום צוועק אַ גוט לעבען צו מאַכען צווישען אַלערליי פעלקער. מיטגלידער, לויט מען שרייבט, האָט זי איבער צוואַנציג טויזענט. יעדעס יאָהר ווערט געמאַכט אַן אַלגעמיינע

אסיפה, די מיטגלידער פון פארשידענע פעלקער פון דער גאנצער
געבילדעטער וועלט זאלען זיך באקענען און רעכט ליעב קריגען. איי־
ניגע אידישע סטודענטען אויס רומעניען האבען געוואלט איינטרע־
טען אין די געזעלשאפט, נאר די רומענישע אפטיילונג האט זיי
אפגעזאגט, און דערצו א טעם געגעבען: אז די, וואס האבען אין רו־
מעניען קיין ציוויל־רעכט נישט, קאנען נישט גילטען אלס רומעני־
שע סטודענטען, און קאנען נישט אויפגענומען ווערען פון דער רו־
מענישער אפטיילונג. די רומעניש־אידישע סטודענטען האבען זיך
געווענדט צום קאמיטעט פון דער געזעלשאפט, און דער קאמיטעט
האט געגרינדעט, צוליעב די רומעניש־אידישע סטודענטען, א באַ־
זונדערע אפטיילונג, א „ספעציאל־אפטיילונג" פאר די, וואס גע־
ניסען נישט פון בירגער־רעכט אין ערגעץ א לאנד, דאס הייסט —
פאר אידען! איינינגע אידישע סטודענטען זענען אבער דערויף נישט
באשטאנען; זיי ווילען זיך נישט באפרידיגען מיט'ן אומשולדיגען
נאמען „סעקציאן־ספעציאל" און האבען פארלאנגט אן אפענע אפ־
טיילונג פאר א י ד ע ן, פאר סטודענטען פון אידישער נאציאן!
דער קאמיטעט האט נישט געוואוסט, וואס מען טוט מיט דער
וואונדערליכער פראגע, ער האט אפגעלעגט די אלגעמיינע פאר־
זאמלונג, און פריהער צוזאמענגערופען א קליינע אסיפה, אפצוקלע־
רען, ווי אזוי מען זאל זיך נוהג זיין... די קליינע אסיפה איז צו
שטאנד געקומען... מען האט פיעל גערעדט. טייל רעדנער האבען
פארלאנגט, מען זאל מיט כח ארײנשטופען די אידען אין די אפ־
טיילונגען פון ז י י ע ר ע לענדער! אנדערע זיינען באשטאנען
אויף א באזונדערע אידישע אפטיילונג, און ערשט די אלגעמיינע
געזעלשאפט וועט פסק'נען: יא אדער ניין!
שוואד־קעפ, זייט געדולדיג און ווארט!

איינער, וואס האט שטענדיג מלחמה געהאלטען געגען אזוינע
שוואד־קעפ, וואס קוקען אלץ פרעמדע אין מויל אריין, איז געווען
ראובן אשר ברוידעס. נאך א שווערער קראנקהייט איז ער איצט
געשטארבען אין ווין. ראובן אשר ברוידעס האט פיעל געשריבען,
ער האט איבערגעלאזען דער אידישער ליטעראטור צוויי גרויסע

ראמאנען: הדת והחיים, שתי הקצוות, קליינע ערצעהלונגען און פיעל מאמרים אין העברעאישע און זשארגאנישע צייטונגען. די פיעל צייטונגען, וועלכע ער האט אליין ארויסגעגעבען, האבען נישט געהאט קיין לאנגע יאהרען; די גרויסע ווערק זיינע זענען געבליבען נישט געענדיגט, אבער דאך וועלען זיינע ארבייטען נישט פארגעסען ווערען. זיין ראמאן „הדת והחיים" האט געהאט א גרויסע ווירקונג און פארנעמט נאך אויך איצט א שעהנעם ארט אין דער נייער העברעאישער ליטעראטור.

7.

דעצעמבער, 1902

די פאריזער וועלט־שווינדלער — די פאמיליע הומבערט האט מען אין הישפאניען געכאפט! די הישפאנישע פאליציי האט זיי שוין איבערגעגעבען דעם פראנצויזישען קאנסול און מען האט זיי אויך שוין טראנספארטירט קיין פאריז. די פראנצויזישע רעגי־רונג, וואס מען האט באשולדיגט, אז זי קוקט אויף דער זאך דורך די פינגער, אטעמט פרייער אפ און וועט זיך אפשר אנהויבען פריי־ער אריינמישען אין אויסלענדישע פאליטיק, צוזאמען מיט רוס־לאנד און עסטרייך אין דער טערקיי, וואס דארף איינפיהרען רע־פארמען אין מאקעדאניען און קאן נישט, אדער צוזאמען מיט דייטשלאנד, ענגלאנד און איטאליען אין ווענעצועלא, וואו מען מאנט אויף פריוואטע חובות מיט קאנאנען...

די וועלט, אויב זי ווערט נישט בעסער, עהרליכער ווערט זי. שטענדיג פלעגט מען מלחמה האלטען צוליעב עולם־הזה, פשוט גע־זאגט: צוליעב דער מטבע, נאר ג ע ז א ג ט האט מען: צוליעב הייליגע זאכען. אויף די פעהנער איז געווען אויסגעשטיקט מיט גאלדענע אותיות: לשם יחוד דעם פרינץ, דעם פאטערלאנד, דער רעליגיאן, דעם הייליגען קבר און וואס איהר ווילט. דער ערשטער עהרליכער מאן איז געוועזען ביסמארק, וואס האט פון פאליטישען פנים אפגעריסען די מאסקע און אפען געזאגט, „אז די געוואלט געהט פריהער פאר'ן רעכט"... דייטשלאנד מיט ענגלאנד צוזאמען, און איטאליען אלס נאכשטופעריז, פארלאנגען גאנץ איינפאך: געלד! באצאהל אונזערע באנקירען זייערע חשבונות!

א קליינע מלחמה האט זיך שוין אנגעהויבען. און אז די פאר־איינינגטע שטאטען וועלען זיך אריינמישען לשם יחוד „אמעריקא פאר אמעריקא", וועט ווערען א גרויסע מלחמה, א וועלט־מלחמה און וועגען וואס? וועגען פינף מיליאן פריוואט־חובות...

דערוויילע שיסט מען שוין, באטש דאס פרידען־געריכט זיצט אין האג און ווארט... און קלערט, נאך וואס עס זיצט!

און אז עס דונערט, הערט מען נישט, ווי פיש־בלאזען פלא־

צען... און אז קאנאנען רעדען, הערט מען נישט, ווי רומענישע אי־דען קרעכצען, און דער אמעריקאניש־ענגלישער פראטעסט בלייבט אויפ׳ן פאפיר...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נישט לאנג איז אין ווין אויך א שטיקעל מלחמה געווען, נאר א אידיש־קהל׳שע: מען האט פארשטעהער געוועהלט...

די ציוניסטישע, — צוזאמען מיט דער אידישער פאלקס־פאר־טיי, האבען געוואלט אין פארשטאנד אריין, ראטשילד עט קאמפא־ניע, צוזאמען מיט עטליכע סאציאליסטען האבען זיך געוועהרט. געזיגט האבען — ראטשילד עט קאמפ.

ווילט איהר — טרויערט אביסעל, ווילט איהר זאגט: גם זו לטובה!

דאס הויפט־געשעפט פון אידישע קהלות איז צדקה, און צו צדקה מוז מען האבען גבירים, וואס קאנען ג ע ב ע ן און נ ע מ ע ן אויף צדקה! מיט „שטייער" אדער, ווי מען רופט עס „עטאט", איז נאך קהל נישט צו פיהרען! א נביא האט געמוזט זיין א חכם, א גבור און אן עושר; פאר א ראש־הקהל איז איבער־גענוג דאס לעצטע. „חכמים" מוזען זיין די קהל׳שע באאמטע, אי־דישע גבורים זענען בכלל אן איבעריגע זאך. מיט ענוה פיהרט מען מעהר אויס, אבער עשירים מוזען זיי זיין; אויף דעם שטעהען — ש פ י ט ע ל ע ר, ש ו ל ע ן און וואס איהר ווילט!

אונזערע קהלות וועלען נאך לאנגע, לאנגע יאהרען האפען אויף א צופאל פון א גביר׳יש הארץ, כדי פון דער פארציטערטער האנט זאל ארויספאלען א מטבע פאר׳ן יתום, פאר דער אלמנה, פאר׳ן קראנקען ארעמאן... פון צייט צו צייט באווייזט זיך די לייוועגט אין דער קהל׳שער קעשענע, און מען מוז ווארטען, אז אפגעלעבטער גביר, וואס האט שוין קיין ציין און קיין מאגען נישט פאר „אמת גוטע זאכען", זאל חשק באקומען צו אביסעל כבוד און אריינשטע־לען א בעטעל אין אידישען הקדש... און שפעטער, אז עס וועט קו־מען די רעכטע צייט, דער עפעל זאל אראפפאלען פון בוים, זאל ער, חס־ושלום, נישט פארכאפט ווערען און אביסעל צייט האבען צו ציטערען פאר׳ן מלאך־המות מיט׳ן גהינום און צו קויפען זיך ביי קהל א חלק לעולם־הבא פאר באר כ ש ר געלט...

און כל־זמן פאלקס־פארטייען און ציוניסטען האבען קיין גבירים נישט, מעגען זיי זיך האלטען פון דערווייטען!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאסזעלבע לאזט זיך זאגען וועגען די וואהלען, וואס זענען אין ווארשא געווען.

אין ווארשא איז קיין ארגאניזירטע אידישע פאלקס־פארטיי נישט פאראן און ארויסגעטרעטען זענען נאר ציוניסטען אליין. געגען זיך האבען זיי נעהאט די ווארשעווער „פאסטעמפאווצי" מיט ווארשאווער חסידים צוזאמען. די ציוניסטען האבען נישט אויסגעפיהרט. מען האט נאך די „שטימען" נישט אויסגעצעהלט, דאך ווייסען אלע, אז קיין איינציגער ציוניסט וועט דאס מאל נישט דרימלען אין א קהל'שען פאטער־שטול, אבער די ציוניסטישע שטימען וואקסען און מיט דער צייט — — מיט דער צייט וועלען די ציוניסטישע איינגעמען ווארשאווער קהל, זיי וועלען זייער אייגענע גבירים האבען!

נאר אויב דער ווארשאווער ציוניזם איז נאך נישט גביר'יש, בעל־בת'יש איז ער שוין און גאנץ פיין בעל־בת'יש! די אנדערע פארטייען האבען קיין „פראגראמען" נישט ארויסגעגעבען. זייער פראגראם איז דאס, וואס זיי האבען ביז אהער געטאן: דאס געמיינדע־הויז, דאס איינציגע אין גאנץ רוסלאנד, דאס נייע שפיטאל, די שולען, די תלמוד־תורה'ס, די רבנים, דער „הייליגער ארט", א ווארשאווער בעל־הבית ווייסט, וואס מען האט געטאן און וואס מען קאן טון... די „צדקה" וואקסט און וועט וואקסען פון טאג צו טאג, אביסעל טרוקען, אביסעל הארט, אביסעל ארומגעשפונען מיט איבעריגער שרייבעריי, נאר גרעסער ווערט זי און רייכער אין אנשטאלטען, אין לעגאטען — —

די ציוניסטען דאגענן, וואס ווילען דאס געשעהענע ירש'נען און ווייטער פיהרען לויט זייער פראגראם, האבען געמוזט איבער איהם מזכיר ומודיע זיין, און זיי האבען עס געטאן, און דאס פראגראם איז גאנץ בעל־בת'יש ארויס...

ווען עס זאל זיין אין ווארשוי אן ארגאניזירטע פאלקס־פארטיי, וואלט זי זיכער דאס פראגראם נישט אונטערגעשריבען. עס ווימעלט אין איהם מיט רבנים, מגידים, מלמדים, אביסעל מעהר

לשון־קודש... און דעם קהל׳שען שטייער ווילען די ציוניסטען הע־
בער אבער נישט שטייגערען, נישט אפשאפען די נארמע... דאס
בעל־בת׳יש — ליבעראל־פרומליכע פראגראם איז געדרוקט און
פארשיקט געווארען אויף העברעאיש און פויליש: א י ד י ש
נישט!... דאס זענען קהל־זאכען און וויסען דערפון דארפען נאר
די, וואס צאהלען. די, וואס לעזען העברעאיש אדער פויליש איז,
נישט דאס פעבעל...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צו לעצט עטליכע פראגנעצייכען.
דער „וואסכאד“ דאט מיטגעטיילט, אז די רוסישע רעגירונג

איז בדעה צו קאלאניזירען אידען אין רוסלאנד. צו דעם צוועק זאל
פראיעקטירט ווערען א רעכט, אידען זאלען מעגען קויפען אין גאנץ
רוסלאנד קאלאניען, פון צוואנציג, דרייסיג און פופציג דעסיאטין,
יעדעס מאל מיט דער ערלויבניש פון דער פאליציי.

די „נאוואיע ווערעמיא“ איז ארויס געגען „אידישע פלענער“
מיט א פייער, און טרייסט זיך און איהרע לעזער דערמיט, אז „לא
היה ולא נברא“ — עס איז אזא פראיעקט נישט פאראן.

די „בודושצנאסט“ איז געקומען אלס תנא דמסייע דעם „וואס־
כאד“ און פארזיכערט אזא פראיעקט איז זיכער פאראן...

פרעגט זיך:

צי איז ער פאראן באמת?

צי, אויב ער איז פאראן, וועט ער אויסגעפיהרט ווערען?

און — אויב ער וועט אויסגעפיהרט ווערען, צי וועט דאס גע־
ברויד פון א „פאליציייליכע איינוויליגונג“ נישט גענוג זיין, דאס
געזעץ זאל בלייבען אויף׳ן פאפיער?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאך א פראגע:

אין רוסלאנד הערט מען וואס אמאל פון נייע קאנצעסיאנען
אויף אידישע צייטונגען —

פרעגט זיך:

צי וועט דאָס אָרעמע אידישע פּובליקום דאָס אַלץ טראָגען?

צי קאָן דאָס אַלץ די אידיש־ליטעראַרישע ארבייטס־קראַפט באדינען?

צי וועלען ענדליך אונזערע בלעטער אויפהערען צו זיין כל־בו'ניקעס און באקומען פּראָגראַמען?

ווער ווייסט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און צינד אַדיע, אָדער: צום ווידערזעהן ערגעץ אנדערש!

אינהאַלט:

זייט

שטעדט און שטעדטלעך — — — — — — — — 7—234

ראש חודש — — — — — — — — — — — — — 237—295

MICHAEL CHARNOFSKY
8367 Blackburn Ave.
Los Angeles, Calif. 90048

0189 40 7